STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08075

MIT LAYB UN LEBN

Izi Kharik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איזי כאַריק

מיט
לײַב
און
לעבן

(אויסדערוויילטע ווערק)

„סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע ● 1970

צונויפגעשטעלט — דינע כאריק

איזי כאריק

(1937 — 1898)

1

עס רײַסט פון אונדז, עס שפּאַרט פון אונדז
מיט שווערער קראַפט פון הונגעריקע טאַטעס, —

אַזוי האָט בילדעריש כאַראַקטעריזירט דעם ייִכעס־בריוו פון זײַן ליד דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער איזי כאַריק.

א זון פון א שוסטער אינעם קלײנעם ווײַסרוסישן שטעטל זעמבין, האָט כאַריק פון דער פריִער קינדהײַט אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם טיפן ווײטעק און פאַרביטערטן האַס, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג געזאַמלט אין די געמיטער פון די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע ייִדישע מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד. זײַן געזאַנג האָט ער געשעפּט פון דער „זאַפּטיקער שטים" פון זײַן טאַטן דעם שוסטער, פון דעם הילכיקן קלאַפּן פון זײַן האַמער, וואָס „פאַלט און צאַפּלט צווישן די קני", פון דער גאַליקער איראָניע פון זײַן זיידן דעם באַדכן,

וואָס איז א לעבן געצווונגען געווען צו זינגען אף „פּרעמדע כאַסענעס“. די קאָלאָסאַלע ריַיכטימער פון דעמאָקראַטישן פאָלקלאָר זיַינען געוואָרן דער וויכטיקסטער מאָקער, פון וועלכן ס׳האָט געצויגן איר יעניקע כאַריקס גאַנצע דיכטונג.

זיַין ליריק, וואָס האָט זיך פּרעכטיק צעבליט שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז געווען אָנגעלאָדן מיט גרויסער גע־זעלשאַפטלעכער לײַדנשאַפט. אויב אין זיַין ערשט ביכל לידער „ציטער“ (1922) האָט דער דיכטער זיך מיסוואַדע געווען, אז „ציטריק גייט ער צום פאַרטאָג“, האָט ער שוין אין זיַין צווייטער גרעסערער זאַמלונג לידער „ביי־נערדיקע וואָר“ (1924—1925) פולשטענדיק אויסגעקלאָרט זיַין שטעלונג לעגאַבע די גרויסע רעוואָליוציאָנערע געשעענישן פון זיַין צייַט.

איזי כאַריק האָט דאָ א רייד געטאָן אין נאָמען פון א גאַנצן דאָר יונגען, וואָס זיַינען געווען „געבענטשט מיט האָריקע אַקסלען“ און „קרעפּטיקע הענט“, יונגען, געקומענע פון שטעטלעך און דערפער, כוואַוועס און רויִנען, פול מיט ברען און אימפּעט צו „לייגן די ציגל“ פאַר דעם גראַנדיעזן ביניען פונעם יונגן סאָוועטישן לאַנד. דעם נעשאָמע־פיבער פון אָט די „יונגע וואַלדהעקער“, וועלכע זיַינען קימאַט אַסקעטיש פאַרליבט אין „האַרבער מי“ און „שוואַרצן ברויט“, וואָס „טרינקען דאָס לעבן רויערהייט און וואַרטן ניט, ביז עס וועט נעמען שטאַרבן“, וועלכע ס׳שרעקט ניט אָפּ דאָס „דעמבענע געשריי“ פון אומגעוואַלגערטע אַלטע וועלטן, האָט מיט אויסערסט האַרציקער וואַרעמקייַט איבערגעגעבן כאַריק אין זיַינע לידער.

עס איז געווען ליריק גאָר פון א נייַעם מין, אַפילע די אינטימסטע טענער אירע זיַינען געווען מיַילנווייַט פון דער טראַדיציאָנעלער אינדיווידואַליסטישער דיכטונג. כאַריק האָט מיט רעכט באַמערקט, אז ער האָט זיך נאָך „קיינמאָל מיט זיך ניט פאַרשפּאַרט, מיט זיך אויג־אָף־אויג ניט באַגעגנט“, אז ס׳האָט אים שטענדיק געצויגן צו „מענטשן“, צו „גאַס“. זיַין סטיכיע איז געווען: „פייַער־לעכע אָוונטן אף ליכטיקע עסטראַדעס“, בייס וועלכע ער „זינגט אויס פאַר אַלעמען דעם יאָמטעוו פון זיַין ליד“.

פונדאַנען האָט געשטאַמט דעם דיכטערס נעטיִע צום דינאַמישן סטיל פונעם לעבעדיקן מענטשלעכן געשפּרעך, צום דיִאַלאָג, די קאָמוניקאַטיווע רייד־פאָרמען, וואָס זיַינען זייער אָנגענומען אין דער פאָלקס־דיכטונג און זיַינען אָריִענטירט אף גרויסער עמאָציִאָנעלער אופווירקונג. פונדאַנען אויך

די גוואַלדיקע אופמערקזאַמקייט צו דער מוזיקאַלישער זײַט פון דער ליד. דער דראַנג צו מעלאָדישקייט, נאַטירלעכקייט און פּאַשטעס איז געווען אָרגאַניש פאַר א דיכטער, וואָס רעדט צום פאָלק, טרעט ארויס פאַר ברייטע מאַסן.

עס הייסט קלאָר ניט, אז כאַריקס לירישן העלד זײַנען פרעמד געווען אינטימע געפילן. אין שווערע שאָען פון געראַנגל האָט אים דאָפּקע אָפּט געצויגן צו ליבע און פרידן, נאָר ער האָט שטענדיק געדענקט, אז דער וועג צו „רו און ליבשאַפט" פירט דורך אומרו און סינע — אזא איז די דיאַלעקטיק פון דער דינאַמישער צײַט. ער האָט געוווּסט, אז דער „אומרו פון קעפּ" פון זײַן דאָר ברענגט מיט זיך די „שײַן" פאַר די דוירעס, וואָס וועלן קומען, פּונקט אזוי ווי זיי, די העלדן פון דער רעוואָליוציע און די בויער פונעם נײַעם לעבן, האָבן אין זייער צײַט איבערגענומען די עסטאַפעטע בא יענע, וואָס זײַנען געפאַלן „אויף די שטיינער און אָפּן בלוט פון פּערליאַשעז".

די העלדן פון דער רעוואָליוציע און בירגערקריג האָט כאַריק געווידמעט זײַן ערשטן עפּישן לײַוווּגט, די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" (1924).

מינסקער בלאָטעס, „זאַמדיקע, שטילע, פאַרוואָרפענע געסלעך", הונגעריקע פּיניעס, וועלכע „שפּילן זיך דאָ הוילינקע אין זאַמד", — אזא איז די ניט געוויינלעכע פּאַרן עפּאָס סוויווע, וואָס ווערט געשילדערט אינעם ערשטן טייל פון דער פּאָעמע. נײַ איז אויך געווען די רעוואָליוציאָנערע ראָמאַנטיק, מיט וועלכער ס'איז באַהויכט איר צווייטער טייל, ווו ס'ווערט באַוויזן די הערא̈יק פון „מענגעס פּיניעס", וואָס זײַנען פון די „מינסקער בלאָטעס" געקומען צו דער רעוואָליוציע, זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען פון אירע פאַרטיידיקער, און באַזונדערס דער פינאַל, וואָס דערמאָנט אָן אייגנאַרטיקן לירישן רעקוויעם נאָך די „יונגע יונגען מיט יונגע אויגן", וואָס זײַנען געפאַלן אין די שלאַכטן פון בירגערקריג מיט „פאַרלאָשענעם קאָפּ אויף דער ביקס"...

2

אין לעבן איז אָבער וויַיט ניט אַלץ געווען באַהויכט מיט ראָמאַנטיק. די אַלטע וועלט האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, און דער געראַנגל מיט איר איז געווען שווער און ווייטעקדיק. ניט שטענדיק איז לײַכט געווען אין אַזעלכע אומשטענדן צו פאַרהיטן „די זומערדיקע שויבן אין האַרצן". ווי האַרב און

קאָמפּליצירט סע איז געווען דער קאָנפֿליקט מיט זיך אַליין אין אַ צײַט פֿון פֿאַרשאַרפֿטן קלאַסנקאַמף און צוזאַמענשטויס פֿון וועלטן, ווערט מיט גרויסער קינסטלערישער איבערצײַגעוודיקײַט געוויזן אין דער פּאָעמע „קאַטערינקע“ (1925).

אין פֿלוג אַ געוויינלעכע געשיכטע: דער לירישער העלד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פֿון שלאַכטפֿעלד, לעבט איבער אַ שטאַרקע אופּטרייסלונג — ער איז געצוווּנגען צערײַסן מיט זײַן געליבטער, ווײַל זי געהערט צו אַ וועלט, וואָס איז אים פֿרעמד און פֿײַנטלעך.

די דאָזיקע דראַמאַטישע קאָליזיע ווערט פֿונעם דיכטער דערהויבן צו דער הייך פֿון אַ גרויסער סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישער פֿאַראַלגעמיינערונג. אינעם צוזאַמענשטויס צווישן דער „קאַטערינקע אין אָרעמינקן העמד“ און דער „בענקענדער פּאָרטעפּיאַן“, וואָס איז פֿאַרהילט אין סאַמעט און פּליושענע גאַרדינען, ווערט פֿאַרקערפּערט דער אַנטשיידענער געראַנגל צווישן צוויי וועלטן, קלאַסן, קולטורן, צווישן דעם, וואָס דאַרף לעבן, און דעם, וואָס איז פֿאַרורטיילט צום טויט.

דער טראַגישער קאָנפֿליקט צווישן דעם מיידל, וואָס ווערט פֿונעם דיכטער אײַנגעקוטעט אין שטוביקער אַריסטאָקראַטישער געמיטלעכקײַט, און דעם לירישן העלד, וואָס „טראָגט זיך איבער שטאָט און יאָגט זיך פֿון אַ מויער צו אַ מויער“, ווערט געשילדערט מיט גרויסער פּסיכאָלאָגישער ראַפֿינירטקײַט. דעם העלד איז שווער זיך צו באַפֿרײַען פֿון דעם מיידלס רייצנדיקער צאַרטקײַט, שווער צו צוימען דעם „אָנגעגאָסענעם האַלדז־און־נאַקן“. נאָר ער ווייסט, אַז מע דאַרף, מע מוז „דאָס בלוט צעטרעטן אויף די שטיינער“, אַרויסרײַסן די ליבע פֿון האַרצן מיט גוואַלד און „פֿאַרמאַכן די טיר מיט אַ סינע“.

דעם געראַנגל צווישן אַלט און נײַ איז געווידמעט אויך די פּאָעמע „ברויט“, וועלכע איז דערשינען אינעם זעלבן יאָר. דער דיכטער האָט דאָ געשילדערט דעם אונטערגאַנג פֿונעם אַלטן שטעטל מיט זײַנע „אַלטע זיידעס“, וואָס „גייען שטילערהייט אין שול מיט שווערע און אַראָפּגעלאָזטע אויגן“, מיט דעם טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער, מיט זײַנע „לופֿטמענטשן“ און אויסזיכטלאָזן דאַלעס. אין אַ טמימעסדיקן טאָן פֿון אַ פֿאָלקס־זינגער פֿאַרטרויט דאָ דער דיכטער די געשיכטע פֿון דעם, ווי אַ גרויע מאַסע, וואָס איז געווען „געווינט צו וואָג און צום פֿונט“, איז איבערגעגאַנגען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף ערד. און דערציילט ווערט דאָס אַלץ אין דער מיגדסטער פּאָמ־

פֿעזקײַט, אָן וועלכער ס׳ע־ניט־איז געמאכטער פֿאטעטיק! א בילד פֿון פֿאַרלאָזענעם פֿאלעץ, אין וועלכן ס׳הוליעט העפקערדיק דער ווינט, און מענטשן „שלאָפֿן דאָ נאקעט אפֿן דיל...“ א קינד וויינט אין דער נאכט... דער מאמעס טרויעריק וויגליד... בילדער פֿון שווערער מי, צו וועלכער מע איז ניט געוווינט. א שלאקסרעגן אין פֿעלד: „טאטעס אויסגעווייקטע אין רעגן און אין זאפֿט“; פֿרויען און קינדער, וואָס קוקן אומרויִק אין שויב...

אין מי און אין לייד ווערט געבאָרן די פֿרייד, איז זי באזונדערס ליב און טײַער. מיר שפּירן איר שטורמישן ברויז אין א ריי בילדער פֿון דער פּאָעמע און באזונדערס אינעם קלאנגלעך פֿײַן אינסטרומענטירטן בילד פֿונעם פּרימאָרגעדיקן היי־שניט, א בילד, אין וועלכן יעדעס וואָרט טוקט זיך מאמעש אין זונען־גאָלד, אין טראָפּנס טוי, אין ליכט און אין באגינען:

עס קלינגט און בלאנקט אין ברייטן טאָל,
און קלינג און קלאנג פֿון שארפֿן שטאָל
פֿארגייט זיך אין די קאָסעס...
טוי און זון, און שטיקער גאָלד
רינט פֿון היי און פֿאלט אין טאָל,
צעמישט זיך מיט די גראָזן... אאוו.

אין דער פּאָעמע „ברויט“ איז די לייזונג פֿון דער שטעטל־פּראָבלעם קוים אָנגעמערקט. אין דער פּאָעמע „מיט לײַב און לעבן“ (1927) איז די פּערספּעקטיוו אָנגעצייכנט דײַטלעכער.

3

אין דער דאָזיקער וווּנדערלעכער שאפֿונג כאריקס, יעדע שורע פֿון וועלכער איז שוין לאנג ארײַן אין די כרעסטאָמאטיעס, גייט א רייד וועגן דער איבערגעשטאלטונג פֿונעם שטעטל און זײַן אײַנגלידערונג אין דער גרויסערווירטשאפֿטלעכער סיסטעם פֿונעם גאנצן לאנד.

די הויפּט־העלדן פֿון דער פּאָעמע, די יונגע לערערן, וואָס האָט זיך געלאָזט פֿאָרן אין העק „א פּרווו טאָן די קויכעס“, האָט דער דיכטער ניט בא־

שאָנקען מיט טיטאַנישער גוואַלד. פֿאַרקערט, זי איז שוואַך אין געזונט, איידל, צאַרט, פֿילבאַר. דאָס שטעטל, וווּהין זי איז אָנגעקומען, האָט דער דיכטער באַוויזן אַזאַ, ווי עס איז געווען אין די 20־ער יאָרן: „אַלץ איז נאָך מיט ווילדפֿלייש דאָ באַדעקט", און „ס'איז דאָס שטעטל אַ שוועל, וואָס פֿירט נאָר אַוועק צו וואָקזאַלן..."

כאַריק האָט אויסגעמיטן פֿלאַכע אידעאַליזאַציע אין דער שילדערונג פֿון דער יונגער לערערן, ער האָט זי געוויזן מיט אַלע אירע שוואַכקייטן און ספּייקעס:

וואָס זאָל זי טאָן, ניט זיכער איז איר האַנט,
און זי אַליין מיט וויסן ניט באַלאָדן.

אויך אין מינוטן פֿון גרויסער פֿאַרלעגנהייט, ווען זי דערפֿילט זיך הילפֿלאָז אויג־אויף־אויג מיט צענדליקער געזונטע, קרעפֿטיקע יונגען, וועלכע גייען אום אָן אַרבעט און וואַרטן אויף איר הילף.

דער דיכטער דערציילט וועגן איר טרויער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען ס'פֿלעגט זיך איר דאַכטן, אַז זי איז ווי אין אַ טפֿיסע, אַז „הינטערן פֿענצטער שפּאַנט אום אַ וועכטער, שפּאַנט ער, דער וועכטער, אין ווײַסן געלעכטער, אין ווײַסן געלעכטער פֿון ווײַסע בוראַנעס". און:

ערגעץ הילכן דאָך ליכטיקע שטעט,
און יעטווידעס שטיינדעלע רעדט דאָרט...
צו וועמען איר שטילער געבעט,
איר שטילע באַרויִקטע טײַנע?

ברייט אויסנוצנדיק דעם דיִאַלאָג, פֿרײַ אָפּערירנדיק מיט פּאַראַדירטער סטיליזאַציע, האָט כאַריק דײַטלעך אָנגעמאָלט די אַטמאָספֿער פֿון ווילדער סינע, אין וועלכער דער יונגער לערערן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און קעמפֿן. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דער מינדסטער אָפּגעהאַלטענער זיג געגליכן צו עכטער העלדנטאַט. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט אין איבער־בויען וועלטן, מענטשן, שטייגער, פּסיכאָלאָגיע.

אַ קינד פֿון איר עפּאָכע, האָט די יונגע לערערן פֿאַרמאָגט אין זיך אַ טיפֿן אינערלעכן אָפּטימיזם. אויף די שווערסטע עטאַפּן פֿון איר קורצן לעבן האָט זי געשטאַרקט דאָס געפֿיל, אַז אויך „איר פּיצל ערד איז אין קאָן פֿון

איצטערדיקע שלאכטן". זי האָט קיינמאָל ניט פארלאָרן די זיכערקייט, אז „מאָרגן וועט זײַן יאָמטעוו!" קיינע צײַטווײַליקע אנטוישונגען זײַנען ניט בעקויעך געווען צו דערשטיקן איר פרייד, צעשטערן איר גלויבן, פארטיליקן איר העלן טרוים וועגן שטעטלעך, וואָס וועלן זיך „שטעלן בא מאשינעס".

דאָס אלץ בילדעט דעם אָפּטימיסטישן גרונט־טאָן פון דער פּאָעמע און גיט איר צו דעם כאראקטער פון אן אָפּטימיסטישער טראגעדיע. א הויכער דראַמאטישער אָפּטימיזם לאָזט זיך שפּירן אפילע אין די לעצטע טראגישע קאפּיטלען, ווו ס׳ווערט געשילדערט דער טויט פון דער לערערן, קאפּיטלען, וואָס דערמאָנען די בעסטע מוסטערן פון דער רעוואָליוציאָנער־ראָמאנטישער סאָוועטישער דיכטונג, ווי, צום בײַשפּיל, מ. סוועטלאָווס „גרענאדע" אָדער ע. באגריצקיס „דער טויט פון א פּיאָנערקע".

שטרענג ווערן אָפּגעציילט די מינוטן: „10 אזייגער מיט צוואנציק מינוט... 13 אזייגער מיט צוואנציק מינוט"... גרויזאמע אָנזאָגן פון אומפארמײַדלעכן זיך דערנעענטערן צום טראגישן פינאל... אין זייער מאָנאָטאָנישער ווידער־האָלונג הערט זיך א מין לעוווײַעדיקער גלאָקן־געקלאנג... נאָר אין זיי פלעכט זיך רירנד־צארט ארײַן א וויכער, מילדער פליסטער, וועלכער בארויִקט, וויגט אײַן, ווי א זיס־טרייסטנדיקע מוטערלעכע וויגליד:

רו זיך אויס, לערערן, ס׳איז דיר ניט גוט...
רו זיך אויס, לערערן, ס׳וועט דיר זײַן גוט...

די לערערן איז געשטאָרבן. נאָר געלעבט האָט זי ניט אומזיסט. זי האָט מיט איר קערפּער דורכגעאקערט דעם רויען באָדן, מיט איר יונגן בלוט אים באזאפּטיקט. דאָס שטעטל האָט זיך געענדערט, די מענטשן זײַנען געוואָרן אנדערע. שוין גאָר אן אנדער קאבאָלעס־פּאָנעם איז צוגעגרייט פאר דער נײַער לערערן, וואָס איז געקומען פאָרצוזעצן די ארבעט פון דער פארשטאָרבענער און פארווירקלעכן די „ליכטיקע לעגענדע", פון וועלכער יענע האָט געטרוימט באם לעבן.

וועגן דעם, ווי דער טרוים פון דער יונגער לערערן וועגן שטעטלעך, וואָס וועלן זיך אָנטאָן „אין שטיין און שטאָל", איז מעקויעם געוואָרן, ווערט דערציילט אין דער פּאָעמע „קײַלעכדיקע וואָכן" (1930—1931).

אין דעם דאָזיקן ווערק האָט זיך באזונדערס שטארק אנטפּלעקט די מײַסטערשאפט פון כאריק דעם סאטיריקער. אין דער קונסט פון פּאראָדיע און

איראָנישער סטיליזאציע דערגרייכט דער דיכטער א היפשע הייך. די מיטלען, מיט וועלכע איזי כאריק פּאָלעמיזירט דאָ מיט דער ייִדישלעכער ראָמאַנטישער קולטור־טראַדיציע, דערמאָנען דעם אופן, ווי ה. היינע, צום בײַשפּיל, האָט בײַז אויסגעלאַכט די דײַטשישע רעאַקציאָנער־ראָמאַנטישע דיכטונג אין זײַן בארימטער פּאָעמע „דײַטשלאַנד. אווינטער־מײַסעלע".

דער דיכטער שאַפט א גאַליק־בײַסיקן פּאַמפלעט אף דער רעליגיעזער קולטור, פירט א שאַרפע פּאָלעמיק מיט ש. אַשס שטעטל־אידיליע, פּאַראָדירט איראָניש די ראָמאַנטישע מײַסעלעך וועגן „גוטן פּירשט און דוקעס".

די סאַטיריש־גראָטעסקירנדיקע בילדער פונעם פינצטערן אַמאָל בילדן דעם קאָנטראַסטירנדיקן הינטערגרונט פאַר דער גראַנדיעזער בויונג־פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער אין דער פּאָעמע. אין דער שילדערונג פון די פּראָדוקציר־פּראָצעסן און נײַעם לעבנסשטייגער נוצט כאריק ברייט אויס די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון פּאָלקלאָר, וועלכע ווערן פון אים אויסגעבילדעט, באַנײַט. דער פּייזאַזש קריגט א נײַעם לעוווש, אַלטע בילדער־אַסאָציאַציעס באַקומען נײַעם אינהאַלט, אַלטע פּאָלקסלידער טוען א רייד מיט נײַעם לאָשן, מיט נײַער קלאַנגען־שפּיל. אין סטיל און ריטם פון שטורמישע פּאָלקס־טענץ און טשאַסטושקעס איז געגעבן דער טאַנץ פון די טאָרפּיאַניקעס; בונט און פּילפּאַרביק, ווי א פריילעכער פּאָלקס־קאַרנאַוואַל, דערשײַנט דער געוועט פון די בריגאַדעס.

„קײַלעכדיקע וואָכן" געהערט צו די בעסטע, נאָך ווייניקע אין יענע יאָרן אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ברייטע עפּישע לײַוונטן, אין וועלכע ס'האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גרויסע בויונג־פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך צעוויקלט אין לאַנד סאָף צוואַנציקער יאָרן.

4

מיט א באַזונדער קראַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן כאריקס טאַלאַנט אין זײַן לעצטער פּאָעמע „אף א פרעמדער כאַסענע" (1936).

אין דער פּאָעמע פּרעוואַלירט דער העקזאַמעטער, וועלכער גיט איר צו א מײַסעדיק־עפּישן כאַראַקטער. נאָר דאָ און דאָרט, ווי אין אַלע כאריקס פּאָעמעס,

רייסט זיך דורך א מעכטיקער לירישער שטראָם. דאָ איז ער נאָך מער נאַ־
טירלעך: דער דיכטער דערציילט וועגן זיין ליידן דעם באדכן.

אין סאמע אָנהייב געלינגט כאריקן מיט דער הילף פונעם פאמעלעך־
ראכוועסדיקן מעטער, מייסטערהאפטער קלאנגען־שפיל, אינערלעכן גראם,
פאָלקסטימלעך־אָנשוילעכער פלאסטישקייט גלענצנד איבערצוגעבן די שטימונג
פון עלנט און טרויער, וואָס הערשט אף די אומענדלעכע „טראקטן" פונעם
פאררעוואָליוציאָנערן ווייסרוסלאנד, אין זיינע „וועלדער סאָסנאָווע און וועלדער
יאלאָווע", אין די דערפלעך און „שטעטלעך קרומע און לאָמע". די
פרעכטיקע פייזאזשן פארמאָגן א בוילעטע סאָציאַלע באפארבונג. אף דער
נאטור ליגט דער שטעמפל פון געזעלשאפטלעכער ניט־איינגעאָרדנטקייט. אינ־
מיטן דעם „גרויסן געזאנג" פון די וועלדער „הייבט עמעץ אָן פלוצעם צו
וויינען". וועגן דער רייכקייט און שעפע פון די ארומיקע פעלדער דערציילן
„באטראקישע רוקנס, וואָס זיינען פארשמיסן אין פריצישע הויכע סטאָדאָלעס".
אינעם סומנעם לאנדשאפט מיט די „ווינטן, וואָס ווערן מעשוגע", מיט דעם
הימל, וואָס „ווערט באקלעפט און באלאגערט פון צעשראָקענע ווייסע וואָראָ־
נעס", מיט די „שטעטלעך, וואָס פליען ווי הענער אין סרייפעס, פארגייען
אין שווארצע מאגייפעס", ווערט מייסטערהאפט אריינגעפלאָכטן דאָס בויטרע־
געשטאלט — דער גרויזאמער אָנזאָג אף טאט און נעקאָמע.

אף דעם דאָזיקן קאָלאָריטפולן הינטערגרונט קומט אוף דאָס צענטראלע
געשטאלט פון לייזער דעם באדכן. עס איז א פיין אינדיווידואליזירט געשטאלט,
געוויזן אין דינאמישער אנטוויקלונג. צוערשט פאסיווע פארביטערונג, וואָס
גייט ביסלעכווייז אריבער אין סארקאסטישן כויזעק, שפעטער — אָפענער
בונט, וואָס וואקסט אריבער אין קאמף און ווידערשטאנד, — אזא איז די
עוואָליוציע פונעם הויפט־העלד פון דער פאָעמע.

די געשיכטע פונעם לעבן, געראנגל און טויט פון לייזער דעם באדכן
ווערט פונעם דיכטער דערהויבן ביז צו דער פראָבלעם וועגן דעם גוירל פון
דער קונסט און דעם קינסטלער אין דער אנטאגאָניסטישער קלאסן־געזעלשאפט.
לייזערס טראגיק איז די טראגיק פונעם פאָלקס־שעפער, וואָס איז געווען
„פארשאָלטן" מיט געזאנג. ווי אַן עכטער פאָלקס־קינסטלער, האָט ער ניט
געוואָלט זיין ליד פארקויפן פאר א טאָפ לינדזן. א פאריאָגטער פונעם אייגע־
נעם שטעטל, א געוואָרפענער אין כיירעם פון א גאנצער איידע, האָט ער זיך
ניט אונטערגעגעבן, ניט געגאנגען אף קיין פשאָרע. ווי שווער ס'איז ניט

געוועז, האָט ער געזונגען. מיט גאַל, מיט ווייטעק, מיט בלוט — נאָר גע־זונגען. און ענדלעך האָט ער געפונען זײַן אָרט אין לעבן. ער איז אוועק מיט זײַן ליד צו די שוסטער, צו די ווײַסרוסישע פויערים, זיי צו העלפן „איבערמאַכן די וועלט, וואָס איז אומגעלומפּערט געמאַכט". ער שטאַרבט מיט דעם פריידיקן געפיל, אַז זײַן ליד איז געוואָרן אַ געווער, אַ מעכטיקער קויעך אינעם קאַמף פאַר אַ בעסערער צײַט.

לייזער דעם באַדכנס ניט־דערזונגענע ליד האָט אונטערגעכאַפּט זײַן אייניקל איזי כאַריק, דער זינגער פון סאָציאַליסטישן לאַנד.

5

צו דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן האָט איזי כאַריק דערגרייכט צו דעם העכסטן גראַד פון רום און פּאָפּולערקײַט. די, וואָס האָבן געקענט כאַריקן, געדענקען, ווי וואַרעם און באַגײַסטערט ס'פלעגן דעם דיכטער אויפ־נעמען די איבערגעפּולטע מאַסן־אַודיטאָריעס אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון אונדזער היימלאַנד. און איזי כאַריק איז געוועזן בײַ זיי אַן אָפטער גאַסט. ער האָט ניט ליב געהאַט לאַנג זיך צו פאַרהאַלטן אויף איין אָרט. אים האָט געצויגן צו שטעט און שטעטלעך. ער האָט זיך נײַגעריק צוגעקוקט צום אַרומיקן לעבן, געזאַמלט לעבנס־דערפאַרונג, געשעפּט פאַר־געניגן פונעם קאָנטאַקט מיט מענטשן. און ניט נאָר ריין שעפערישע אינטע־רעסן האָבן מיטגעווירקט דערצו, — דער דראַנג צו מאַסן איז געווען אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט פון זײַן פלאַמיקן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט. דער דיכטער איז געוועזן געזעלשאַפטלעך שטאַרק אַקטיוו: מיטגליד פון צ.א.ק. פון ווססר, רעדאַקטאָר פונעם כוידעש־זשורנאַל „שטערן", מיטגליד־קאָרעס־פּאָנדענט פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

מיט געזעלשאַפטלעכער לײַדנשאַפטלעכקײַט, אומענדלעכער פאַרליבטקײַט אין אייגן לאַנד און ערד זײַנען דורכגעדרונגען כאַריקס לידער אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. עס ווייט פון זיי מיט עפּעס אַ מאָדנער פרישקײַט פון געפיל, מיט קימאַט קינדערישער פאַרכידעשטקײַט פאַר אַלץ, וואָס דער דיכטער

זעט און הערט אין לעבן. דעם דיכטערס געמיט איז א מין אויסערסט פילבארע מעמבראנע, וואָס לאָזט זיך וויברירן פון אלץ, וואָס קומט פאָר אין ארום. ער רופט זיך אָפּ אף אלע וויכטיקסטע געשעענישן פון יענער צייט אין לאנד און אין אויסלאנד („איך עפן די לופטיקע פליגלען פון בלאט", „ראָטפראָנט", „אלע לאָמפּן אָנגעצונדן", „אזוי ווי עס ציט", „ס'איז נאכט", „וואסיליעווע קארינע", „א נאכט אין ביראָבידזשאן", „אונדזער מונטערקייט", „ערדישער פילאָט" אא.).

דערביי ווערט יעדער געשעעניש אופגענומען פונעם דיכטער ווי א פער־זענלעכע איבערלעבונג. דערהויבענער פאטעטישער מאטעריאל ווערט פארלי־רישט, נעשאָמעדיק דערוואַרעמט און דעריבער — היימיש, נאָענט פאר יעדן הארץ.

די זוניקע העלקייט און זויבערע לויטערקייט פונעם דיכטערס געמיט, דאָס געפיל פון פארליבטקייט און צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער ערד האָט, לויט אונדזער מיינונג, געפונען דעם בולעטסטן אויסדרוק אין איינער פון כאריקס שענסטע לירישע מיניאטורן, אינעם געדיכט „דער ערדישער פילאָט".

אומיטלבאר און פריש דערגייט צו אונדז דעם דיכטערס פארשיקערט זיין פון לופט און הימל, זיין פארכלינען זיך מיט פרייד און מיט באגייסטערונג:

לופט. ליכט. פלאטער פון פראָפּעלער.
איך פיל דיך ביזן הויט, אעראָפּלאן.
די אויגן מיינע ווערן שטרענגער, שמעלער,
דער האָריזאָנט — א גרויסער גרינגער פלאם.

ער האָט די אויגן מיר מיט לופט פארכלינעט,
ער הוידעט אום די פעלדן פון מיין הארץ,
עס קאָן מיין הארץ אראָפּגיין באלד פון זינען,
א סעקונדע, א סעקונדע, ווארט...

א הייב. א פאל. און ווידער בין איך אויבן.
אזויפיל הימל. אייבינקער אליין.
אף מיין שטיוול רויכערן זיך שטויבן,
וואָס כ'האָב פארשלעפּט פון מיין פארליבטער היים.

די גאַנצע ערד — אַ גרויסע שטיק דערמאָנונג,
זי שווימט אַוועק, זי טוליעט זיך אין רויך.
איך וויל דערמאָנען זיך און קען זיך ניט דערמאָנען,
ווען האָב איך געזען אַזאַ מין הויך.

נאָר ווי רייצנד סע זאָלן ניט זיין די בלויע, לופטיקע הייכן, איז ניט פאַראַנען גאָרניט בעסערס פון דער ערד, פון דער „העכסטער אויסדער־ווײלטער ערד״:

ערד מײַנע — פון הויכע, הייסע טאַטן,
פון מײַן פאַרבלוטיקטן און שטײַפן טראָט, —
דאָס זינגט אַצינד דער זונען־אוויאַטאָר,
דער אײַנגעליבטער, ערדישער פּילאָט.

„זינגענדיקער זונען־אוויאַטאָר״, „אײַנגעליבטער ערדישער פּילאָט״ — אַזאַ איז פאַרבליבן אין אונדזער פאָרשטעלונג דער גרויסער דיכטער איזי כאַריק, וועלכער האָט אַזוי ערדיש־זאַפטיק און מיט אַזויפיל עכטן ראָמאַנטישן שווונג באַזונגען אונדזער ליכטיקע וואָר.

א. ראַסקין

אין אויסגעשריי
פון וואקסן

מײַן יוגנט

מײַן יוגנט האָט קײנער אין זײַד ניט געוויקלט,
א צארטע האנט האָט מײַנע האָר ניט געקרײַזלט...
איך בין געוואקסן א קרעפּטיק ייִנגל
אין ענגע און הילצערנע הײַזלעך.

און אין וויג נאָך, אין שטרענגער און הארטער,
מיט אויגן — צוויי שטיקעלעך טאָג...
פּלעג איך הערן: מײַן נאָענטער טאטע
זינגט שוין אין פרישן פארטאָג.

א פלינקער פויגל, — פליט און פאלט טאטנס האמער,
פאלט און צאפּלט צווישן די קני, —
און מיר ווערט דעמאָלט נאָענט און ווארעם
יעדער ריר פון זײַן זאפּטיקער שטים.

בלויער ווינט, אזוי שטיל, אזוי בלוי נאָך,
קוקט מיט טויִקע שטערן אין שויב...
און אױף מײַן ווארעם־פארשלאָפענעם אויער
רוישט, ווי א קוש, יעדער הויב.

ווערט אנשוויגן שטילער טאטע בא דער ארבעט,
א שטיקל זילבער בלײַבט הענגען זײַן ליד,
און איך זע: אין פארפּעכיקטע ארבל
קוקט דער טאטע פארקלערט אף מײַן וויג...

איצט וואקס איך א פּראָסטער און פעסטער
מיט טאטנס צוויי קרעפּטיקע הענט,
און אין הײַנטיקן אויסרוף אין העכסטן
כ'האָב דאָס ליד פון מײַן טאטן דערקענט...

פעווראל 1924

* * *

צו אונדז אין סאָד זאָל קיינער ניט אַרייַנגיין,
ווער עס בענקט נאָך שטילקייַט און נאָך רו,
ווער עס דאַרף זיך אויסרוען אין שווייַגן!..
בא אונדז אין סאָד רוט שטורעם אַף די צווייַגן,
און צווייַגן בייגן זיך באַלאָדענע מיט פרוכט.

דאָ רוישט די לופט, און ס'רוישן פעטע זאפטן,
און ביימער רוישן דאָ אין רויער פרייד...
יעדער בוים פאַרמאָגט שוין הויכע קלאפּטער.
און ווער עס קוקט, — מוז הויך דעם קאָפּ פאַרוואַרפן
און די ויגן דאָ פאַנאַנדערנעמען ברייט.

אין ווילדן וווּקס, אין וווּנדערלעכן וואַקסן
האָבן צווייַגן דאָ קיין מעסער ניט פאַרזוכט...
דאָ שמעקט מיט פעך און פרילינגדיקע שלאַקסן,
און קאָרע פלאַצט מיט אויסגעשריי פון וואַקסן,
און ביימער וויגן זיך אין צייַטיקייַט פון פרוכט...

פעווראַל 1926

* * *

ס'קען זיַין, אַז כ'בין אַ טרייפער ביין,
און ס'איז מיַין קאָפּ צו שטילקיַיט ניט געלערנט.
ווייס איך ניט און קען זיך ניט אליין
און קען נאָך ניט ארומטעסען מיַין לעבן.

וואָס ווייס איך דען פון אויסגערוטן בליק,
פון פינגער ווארעמע און צארטע?
מיט הארטע טריט און הארטן בליק
אנטלויף איך שטענדיק פון מיַין הארצן.

איך וויל ניט און איך קען ניט, אַז אַ האַרץ
זאָל ציטערן, זאָל בעטן זיך און וויינען, —
שוין בעסער גאָר אַף שטיינער־האַרט
אַזוי אַ בראָך טון זיך פאַרשטיינערט.

* * *

ס׳איז יעדערן געגעבן פול און פיל
און יעדערן נאָך קראַפט פון אייגן גלויבן.
ווער עס קען, — זאָל וויינען אין דער שטיל.
ווער עס האָט א שוויַיגנדיקן דיל,
און איך — א הארץ מיט זומערדיקע שויבן...

זאָל קיינער איצט ניט וואגן אויסלעשן מיַין פרייד,
ווען ס׳האָט א פרייד באזעצט זיך אין מיַין הארצן;
זאָל קיינער איצט ניט וואגן אויסלעשן מיַין פרייד
מיט ווערטער הארבסטיקע און שווארצע.

ניין, — איך וויל ניט. ניין, — איך וויל ניט. ניין און ניין!
בעסער נעמט צעזעצט מיך אָן א שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פון מיַין הארצן...

אז ערד — דו הערסט, איך וועל אף דיר ארומשפאנען
א יונגער,
ווען ס׳וועט אין קאָפּ אפילע וויַיסן זיך דער שניי.
אז ערד, — דו הערסט, איך וועל אף דיר ארומשפאנען
א יונגער
ביז מיַין לעצט־פארבלוטיקטן און הארציקן געשריי...

1925

אין די הימלען — ווינטן

אין די הימלען — ווינטן, ווינטן — אין די צווײַגן,
און די צווײַגן ווייען, וואָיען אזוי הארט.
איך קען זיך ניט געפינען און קען זיך ניט פארבײַגיין,
ס'טוט איצט אזוי ווי מיר. האלבע נאכט און הארבסט.

פאל איך צו די סאָסנעס, ליג איך בא די שטאמען,
שטיל איז הײַנט מײַן אומעט און די ערד איז פעט.
א פארוואָרלאָזט יִינגל הוידעט זיך מיסטאמע
אף בופערן פארווײנטע און זעט אין כאָלעם שטעט...

ווינטן אין די הימלען מישן אוים די שטערן,
ברעכן זייער קלאָרן, קײַלעכדיקן גאנג...
ביז אָנגעשפּיצטער טויבעניש באלד וועל איך דערהערן —
ווײַסן בראָך פון הימל, שוידער און געזאנג.

1927

ווינטער

1

איינער אליין דאָ, אין נאכט און אין שניי,
און שליטן שווײַגט אויך שוין א מידער...
עפּעס איז מיר א שאָד הײַנט מײַן יונגער געשריי
און ווארעמע פרייד פון די גלידער.

איך וויל ניט, אז שניי, אז א דאָרשטיקער שניי
זאָל טריפן מיט שלאָף אין די בלוטן,
און איך זאָל זיך לעשן, ווי ווארעמע שויב
אין ווײַטן פארווייעטן כוטער...

לאָז איך דעם שליטן, א טראָט נאָך א טראָט.
ס'ווערט ווארעם דער שניי אף מײַן שטערן.
לאָזט מיך דערטראָגן ביז נאָענטער שטאָט
מײַן קאָפּ, ווי א העלן לאמטערן!..

ש. ראָסינען

2

א קילער און רויִקער שניי
פאלט, ווי א פרייד, אף מײַן שטערן.
מיר ווילט זיך מער גאָרניט, — נאָר
הערן:
עס פאלט א פארשלאָפענער שניי
אף מײַן הייסן פארמאטערטן שטערן.

איך ווייס ניט, וואָס מידקײַט באטײַט,
נאָר הײַנט בין איך עפּעס א מידער.
עס לייגט זיך א ווײַסקײַט אנידער
שטיל אזוי נאָענט און ווײַט
אף מײַנע בארויִקטע גלידער.

אז די נאכט וועט נאָך דויערן לאנג,
און דער שניי וועט נאָך שיטן און שיטן,
וועל איך אויסטאָן מײַן פעלץ און
מײַן היטל:
זאָל דער שניי, ווי א ווײַסער געזאנג,
שיטן, און שיטן, און שיטן...

3

וווּנדערלעך־רויִק און וווּנדערלעך־העל, —
א נאכט ליגט אף פּראָסטיקע זײַלן.
שטילקײַט און שניי, און פאַרווייעטע וועלף
אף ווײַסע פאַרגעסענע מײַלן.

פּראָסטיק און הילכיק און מוטערלעך־קאַלט,
א טוי קילט מיר צערטלעך די ליפּן,
גיי איך אליין דורכן זילבערנעם וואַלד.
סקריפּעט... — די טריט מײַנע סקריפּען.

רויִק און קלאָר. און מײַן וועג איז נאָך גרויס, —
צי וועל איך דערגיין ביז א כוטער?
א וואָלף זאָל אפילע אַצינדער ארויס, —
בין איך אים א ברודער א גוטער.

איז גוט, וואָס אן איינציקן, פּראָסטן ציגאַר
טראָג איך מיט זיך, ווי א שמייכל!
שטעל איך זיך אָפּ. פאַרויכער און וואַרט.
שווײַג איך א מידער און רויכער...

שוויַיג איך אזוי זיך מיט ווינט און מיט פראָסט,
דער ציגאר ווערט אלץ שטילער און שטילער,
און פלוצלינג דערפיל איך, — א לעצטער פארדראָס
ווערט קלאָר, ווי דער מילך־וועג אין הימל...

4

איך בין צום טײַך געקומען טרינקען רו
און אָפּגעבן זיך שמייכלענדיק דעם ווינטער:
— נא, — אָט האָסטו מיך! און זײַ מיט מיר אױף דו
און טרינק מיך אָן מיט דײַנע קלאָרע ווינטן.

עס איז מיר היים און אומרויִק אזוי,
און הינטער מיר נאָך שפּילן זיך גאַלאָפּן, —
לייג מיך אוים א ברייטן אפן שנייי
און לייג אוועק דײַן ווײַסע רו צוקאָפּן.

וועל איך זיך ליגן דורכזיכטיק און קלאָר,
און ס׳וועט פון מיר מײַן שמייכל ניט פארשווינדן.
דערנאָך וועל איך זיך אופשטעלן און — גאָר:
און זײַ געזונט, מײַן שמייכלענדיקער ווינטער!

5

בלוי־דורכזיכטיק און פריש איז הײַנט דער פראָסט,
ריין און רויִק זײַנען הײַנט די ווינטן —
זון, און שניי, און לופט, ווי בלויער גלאָז,
זון, און שניי, און גינגאָלדענע ווינטן...

אין ווײַסער רו פון אויסגעשטראַלטן פעלד
וועבט זיך אויס צוביסלעכווײַז מײַן אומרו.
ווײַס און האָריק שווײַגט אַצינד די וועלט,
דאכט זיך מיר, עס איז גאָר טיפער זומער.

וועל איך זיך באלד א שלײַדער טאָן אזוי,
אין טיפן גראָז מײַן גאנצעם לײַב פארשלעפּן.
און —
סע שמעקט שוין ווייך און צארט דער שניי
מיט צווויט און צײַטיקײַט פון עפּל.

1926

* * *

טריפֿט די נאַכט איר בלױלעכן טריף
און גייט אױף אין זילבערנעם דרימל.
טרײַבט מיך די נאַכט װי אַ שװימיקע שיף, —
װי װײַט איז פֿון מיר ביזן הימל?

דאָרטן אין װײַסלעכן שטערנישן שטױב
װיגט זיך אַ לופֿטיקער לייטער.
איין מאָל, כאָטש איין מאָל, — אַ צי און אַ הייב
אַהינצו — אין בלױ און אין לױטער!

שטעל איך זיך אױף און איך שרײַ דורכן װינט,
און ס'יאָגן די גאַסן אַנטקעגן.
אױף שטאָט און אױף מיר — אױפֿן ערדישן קינד —
שפּרייט זיך אַ זילבערנער רעגן...



* * *

די שטאָט האָט איצט באַרויִקט און פאַרוויגט זיך,
אַז וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט אַזאַ נאַכט?
איך קען דאָך זיך ניט נעמען און דערשטיקן,
מיטן קני אָן ברוסט אַ בראָך טאָן זיך: און — נאַ!

מיט וואָס זאָל איך באַרויִקן דעם זינען,
ווען ס'רוישט און ס'כּלינעט זיך אין לײַב?
ווילט זיך איצט אַ נאָענטן געפינען,
אים אָנעמען באַם אָרעם: בלײַב!

לאָז איך זיך נאָך טיפער אין די גאַסן,
און ווער ס'וועט זײַן, און ווי ס'וועט זײַן — איז גוט!
קילע שטערן מילי־מיליִאַסן
וויגן זיך און זינקען אין מײַן בלוט.



מינסקער בלאָטעס

(פּאָעמע)





ערשטער טייל

1

ארום יעדער שטאָלצער גאס — צו הונדערט שטילע געסלעך
מיט הײַזלעך נידעריקע, ווי שעפּסן אונטער בארג...
ס'האָט מינסק אָן זיי, אָן אלעמען פארגעסן, —
און אלע וועגן פירן נאָר צום מארק...

און דאָ אין טיף, אין ווארעמקײַט פון בלאָטעס,
אין הײַזלעך הילצערנע שווין אויסן שטאָט פארשארט, —
גייט אוף א ווייטעק זאפּטיק און געראָטן,
און ס'ציטערט אוף א פּויסט אין יעדער קינדערש הארץ.

מע האָט דאָ ניט פארפלאנצט קייןביימער און קיין פּארקן, —
שפּילט מען זיך דאָ הווילינקע אין שטויב...
און ס'גיסט זיך אָן א פּויסט א יונגער און א שטארקער,
און ווען־עס־איז וועט ער א זעץ טון אין א שויב.

װעט װען־עס־איז א האס א שפּאַר טון דורכן זינען,
און שטרענג, און שאַרף א שניט טון איבער האַרץ...
— — — — — — — — — — — — — —
שפּילן זיך דאָ קינדערלעך, שפּילן זיך דאָ פּיניעס
און קײַקלען זיך דאָ הױלינקע אין זאַמד.

2

אין יעדן הײַזעלע, אין יעדער קאַמער
רעדט א ניי־מאַשין, א הובל צי א האַמער.

נאָך קליין איז דאָ, נאָך שטיל איז דאָ דער רױש פון די
מאַשינען,
נאָר יעדער איינער מידט זיך דאָך ביז נאַכט און פון
באַגינען...

אין הײַזלעך הילצערנע װערן אומרויִק די גלידער,
אין הײַזלעך הילצערנע װערן אומרויִק די לידער...

באַם בױערן, באַם הובעלן, בא דער דראַטװע, בא דער נאָל —
זינגט מען הױך און זינגט מען היים, און אַלע מיטאַמאָל:

— „איַי־איַי־איַי־איַי — יאָשקע פּאָרט אװעק,
לאָמיר זיך צעזעגענען — דער פּאָיעזד גייט אװעק". — —

דורך טעג אזוי, דורך נעכט אזוי, דורך קײַלעכדיקע װאָכן...
אז װוּ איז נויט און װאָס איז נויט בא פּראָסטע
באַלמעלאָכעס!..

3

אין שווערע טעג און נעכט אָן טאַטע־מאַמע,
מיט האַרטן פּויסט און עלנט אונטער קאָפּ —
נאָענט איז אַ שטאָט אַ ליכטיקע פאַראַנען,
גייט אַהערצו קיינער ניט אַראָפּ.

מינסק — ווײַסרוסישער פאַרקלערטער טרויער
מיט בעטלערישער אויסגעקרימטער האַנט,
פאַרוואָס איז דאָ בײַ דיר אויף יעדן שטאָלצן מויער
אַזויפיל קעלערן פאַראַן?..

4

איז גוט אַזוי אינמיטן נאַכט,
ווען הײַזלעך ליגן שוין פאַרמאַטערט,
אַרויסגיין שטיל, אַרויסגיין שאַרף
אין אַלטע אומרויִקע שמאַטעס.

זיך לאָזן לויפן גיך־און־גיך,
אַ געסל נאָך אַ געסל,
און אָט — ביסטו, און אָט — בין איך,
און לאָמיר זיך פאַרגעסן.

א דײַגע אונדז, אַ דײַגע איצט, —
מיר דאַרפן איצטער לויפן...
און ס׳שלאָגט אַ האַס, און ס׳שלאָגט אַ היץ
אין האַרץ און אין די שלייפן.

און אומדערוואַרט, און אומגעריכט,
מיר בלײַבן שטיין און — באַסטאַ!
— פאַרוואָס איז דאָ אַזויפיל ליכט
און יאָמטעוו אויף די גאַסן?..

ס'איז העל און הויך דער הויכער מאַרק
און שטאָלצע זײַנען מויערן, —
— מויער, מויער, דו ביסט שטאַרק,
ביזוואַנען וועסטו דויערן?..

און ס'פליט אין שויב אַ שאַרפער שטיין...
— אַ גרוס אײַך, פון די בלאָטעס!..
— — — — — — — — — — — —
מע אײַלט צוריק, מע לויפט אַהיים,
עס אײַלט און ס'פליט דער אָטעם...

5

אויף אַלטע קראָמען הענגען אַלטע שילדן,
נאָר מיט אַלדאָסגוטס זײַנען זיי זאַט און פול.
— גיכער, גיכער, — אַ מעציִע פאַר אַ גילדן:
ווער עס דאַרף און ווער עס וויל!

גרויס און הייס איז דאָ אַ גאַנצן טאָג די לייזונג,
קרעמער קומען אָן מיט דריי און מיט געשריי...
פיניע, פיניע, דאַרפסט איצט נײַע הויזן? —
קראַנק ביסטו צו שלעפּן זיך אַזוי?..

אַך, איז דאָ אין שויב אַזויפיל גוטע זאַכן,
און אין מויל ווערט הונגעריק און זיס.
אוי, ווער וויל דאָ וויינען, אוי, ווער קען דאָ לאַכן.

— ווײַבער,
— ווײַבער,
— א מעציִע פיש!

אף אלטע קראָמען הענגען אלטע שילדן,
נאָר מיט אלדאָסגוטס זײַנען זיי זאט און פול.
אך, ווו נעמט מען איצט א פראָסטן גילדן,
מיט ברויט, מיט ווארעמען — א פולן מויל...

6

ס׳איז מינסק געבענטשט מיט הײַזעלעך און „הײַזלעך",
אָן רויטע פאָרהענגלעך, אָן רויטע לעמפּלעך אף דער טיר...
און גאנצע נעכט, און ביז אין טאָג אין ווײַסן
מע רויכערט און מע טרינקט דאָ פראָסטן ביר.

און ווען דער „שאבעס־קוידעש" קומט צו גיין אין ווײַסן,
און אלע שויבן צינדן פאָרבַּטיק ליכט,
זעט פיניע: ס׳ווערט אומרויִק אין „הײַזלעך",
ווו רויש און רויך איז ווײַניק און געדיכט...

עס רײַסט דאָס הארץ, דאָס בלוט פּלאצט אוף און
ווארפט זיך —
ס׳איז שאבעס איצט... די שטאָט איז שטיל און גרויס...
און נאָענט דאָ מיט עלנטקײַט אין הארצן —
מיידלעך קרעפטיקע פון אייגן בלוט און פלייש.

און קומען יונגען, נעמען און באשפּײַען זיי,
און לאָזן איבער אין שטילן ווײ־און־ווינד...
און דאָרטן ברענט די שול איצט אין העלע, פרומע פײַערן,
און יעדער בייגט זיך אונטער זײַנע זינד...

פאַרוואָס זשע קומען זיי אַהער אין שניפּסן און אין שלייפלעך

מיט אויגן רויִקע, מיט פּאַרזיכטיקן בליק?
אוי, איז גוט אַ זעץ טון אין די שלייפן, —
— נאָט אייַך — רו און נאָט אייַך — פרעמדן גליק...

מיידלעך, מיידלעך, גוטע פּראָסטע שוועסטער
פון הייַזלעך ניד'ריקע, פון קעלער און פון ראָג, —
נאָט אייַך לייַכטער, נאָט אייַך מעסערס,
הייבט די הענט און שלאָגט.

און ס'נעמען שויבן פיבערן, און קוילעס ברעכן זיך און רייַסן
און רונד אַרום ווערט הילכיק און געדיכט — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
און ווען דער „שאַבעס-קוידעש" קומט צו גיין אין וויַיסן,
צינדן פּאַרכטיק אַלע שויבן ליכט...

7

ס'איז פייִנען גוט צו זייַן אַ יונגער בלעכער,
הויך און הילכיק לאַכן איבער דאַך.
עס רייַסט, עס ציט און ס'ווילט זיך הויך און העכער,
אַהין, וווּ ס'רוט דער טאָג, אַהין, וווּ ס'רוט די נאַכט...

שוין הײם דער בלעך, און פּייַכט איז נאָך דער הימל,
די זון איז נאָענט: נעם — און כאַפּ זי אָן...
און אונטן דאָרטן דרייט שוין אַ געווימל,
שילדן קרעכצן, און אומרו הייבט זיך אָן.

קרעמער אייַלן זיך, ווי קליינע פלינקע פייַערן,
הערצער רייַסן זיך און ס'פּלאַפּלען הענט...

פארוווילט זיך דאָס אַזוי פון טיפן האַרץ אַ שפּײַ טון:
— אײַ, ווערט פאַרשוווּנדן און פאַרברענט!

ס'איז פּיניען גוט מיט הילכיקן געלעכטער
לאַכן, לאַכן הילכיק איבער שטאָט.
עס רײַסט, עס זינגט און ס'הילכן לײַכטע בלעכן,
און טיף אין האַרצן שטראָמט און שטראָמט...

8

שוין קיל דער בלעך און שטיל איז שוין דער הימל,
אַלע שטערן זײַנען רויק־פֿײַכט.
טראָגט זיך איבער דאַך אַן אָוונטיקער הימן,
און אַלע הערצער ווערן קוועלנדיק און רײַך...

מע האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט — ביז נאַכט און פון באַגינען.
זיצט מען איצטער אויף די בלעכן מיד...
זינגט דער פעטער פּיניע זײַן פּלעמעניק פּיניען
יעדן אָוונט, יעדע נאַכט אַ ליד:

— — — — — — — — — — — — — — —

— „...איצטער לעבן זיי אין קייטן און אין שניי,
איצטער זײַנען זיי שוין ווײַט אַזוי...

אָך, איז דאָן אַ צײַט אַזאַ געוועזן —
אין וואַרשטאַטן האָט געפיבערט און געוועקט...
שטרײַק, און בלוט, און פרייד פון מאַרסעליעזע,
אַז וואָס ווייסטו, וואָס פאַרשטייסטו, —
שנעק!

האָט מען זיי אַלעמען אַזעלכע האַסטיק־הייסע
גענומען און פאַרוואָרפן קיין סיביר.
ווען, אָ ווען וועט מען אַ נעם טון אָט דעם קייסער
און שווערערהייט אַ בראָך טון דורך דער טיר...

און גרינג, און גיך אַ נעם טון יענע ברידער,
גרינג און גיך אַ טראָג טאָן ביז אַהער".

— — — — — — — — — — — — — — —

יעדן אָוונט זינגט דער פעטער פיניע לידער,
יעדן אָוונט ווערט דער דאָך פאַרקלערט...

9

און אַלע נאַכט אויף שטילקייט פון געלעגער
דערהער איך שטיל, אַזוי ווי דורך אַ ווינט, —
ס'קלאָגן קייטן עלנט אויף די וועגן,
און זיי, פאַרווייעטע, קוקן שטיל אויף מיר...

אַזעלכע הויכע, קרעפטיקע און ווייטע,
ס'מוז יעדערער פון זיי דאָך זיין אַ ריז.
ווען כ'קען כאָטש איינמאָל נאָר אַ קוק טון פונדערווייטן
און שטילערהייט אַ זאָג טון זיי: — איך גריס...

נאָר סיביר איז ווייט, ווייט אַזוי פונדאַנען,
און אונדזער גרוס פאַרלירט זיך און פאַרפרירט...
מיר ווייסן: ס'איז באַם קייסער אַ לאַנד אַזאַ פאַראַנען,
רופט מען דאָס — פאַרווייעטע סיביר.

צווייטער טייל

10

גייט ארויס א האסטיקער דעקרעט
מיט ווערטער זיכערע, ווי פּײַלן:
פון פרי — ביז שפּעט, פון פרי ביז שפּעט
איר דאַרפט שוין, קרעמער, זיך ניט אײַלן...

גיט א קוק מיט שטומען בליק:
דער מארק פּארציט זיך אין א זשאַווער...
ס'איז יעדער טאָג — א באָלשעוויק,
און יעדער באָלשעוויק — א כאַווער...

און מיר, אָט די פון נויט און וויי,
פון אַלטע, שטילע געסלעך,
מיר וועלן אײַך, ווי פוילע שטרוי,
צעטרעטן — און פאַרגעסן...

11

מיר — גאנצע געסלעך מיט פּיניעס —
צו אַלץ — און צו גאַרנישט געווײנט,
מיר קלײַבן אין האַרצן אַ סינע,
און ס'איז האַס אונדזער שטענדיקעס ברויט.

אוי, ס'איז גוט, אַלץ איז גוט און צום גוטן,
וואָס דער ווײַטעק צעווײגט זיך און שרײַט!..
ווערט געדיכטער און היים אין די בלוטן,
און די הענט ווערן האַריק און שטײַף...

שווערע טעג, שווערע יאָרן פון הונגער
מיט ברודער, מיט פרייד און מיט לײַז,
נו, צענעמט און דערהויכט אונדזער יוגנט,
נאַט — צענעמט, און צעלויכט, און צערײַסט.

נאָר ס'מוז זײַן! און די צײַט איז געקומען
אין שטורעם, אין ליבשאַפט און בלוט.
מיר שטייען און הייבן דעם אומרו:
— ביזדאַנען. — אַראָפּ. — און געגנוג!

12

ס'איז גוט אַזוי, ס'איז היים אַזוי
מיט שווערע שטיוול אויף גאַרדינען,
ס'איז גוט אַזוי,
ס'איז היים אַזוי,
מיט שווערע שטיוול איבער זאַל...
און יעדן אָוונט זינגט מען דאָ די האַסטיקע „דובינושקאַ",
און יעדן טאָג, און יעדע נאַכט — דעם אינטערנאַציאָנאַל.

פון הויכן דאך — ביז ווייכן דיל
איז איצט צעלייגט דאָ אונדזער וווינונג,
און ווער עס דאַרף, און ווער עס וויל,
פון הויכן דאך — ביז ווייכן דיל, —
די גאַנצע וועלט איז אונדזער וווינונג.

13

און ווען דאָס לאַנד האָט זיך צעברודערט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין איין אָטעם,
האָט זיך צעטראָגן דאַן אין אײַליקער דעקרעט
פון אוראַלער בערג ביז מינסק מיט אירע בלאָטעס...

יעדערער פון אונדז — מיט אומרויִקן ווייטעק,
אין וועמעס לעבן עס האָט ארבעט שטרענג געשטראָמט, —
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך לערנען אױף אַרײַן אין סאָוונאַרקאָם!

יעדער איינער — איז אַציגד שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפּ — איז איצט א קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
מיר מוזן איצט צוזאַמען און פאַרייניקט — —
— נידער מיט...
— און נידער!
— און — עס לעבט — —!

14

אין יענעם יאָר האָט קיינער ניט גערעכנט,
ווער ס'וועט בלײַבן און ווער עס דאַרף פאַרגיין,

מע איז געוואָרן שטרענג, און אומרויִק, און העכער,
און קיינער האָט זיך ניט דערקענט אליין...

אויף יעדן ראָג — פּלאַקאַטן און אַפּישן,
אין יעדן הויז ברענט הונגעריק דער טויט,
און קיינער ווייסט ניט, קיינער קען ניט וויסן, —
וואָס איז בעסער: קאַמפּער אָדער ברויט...

און שלאָגט אין קאָפּ א היץ, — וועט מען די היץ ניט
מעסטן,
אַלציינס, אַלציינס: עס וואַרט דער טויט אין טיר,
און ס'ציט אזוי אין גאַס, און ס'ציט אזוי צו מענטשן,
זאָל זײַן פאַרמאַטערטע אין הונגער און אין טיף...

ווי קען מען נעמען איצט א לעבן און פאַרשטיקן,
אַרײַנהאַקן, פאַרשפּאַרן אין פיר ווענט?..
עס גייט דער פויל,
עס גייט דעניקין,
געשמאַק און הונגעריק האָט זיך א לאַנד צעברענט!

15

א לעצטע ברעט פון לעצטן פּלויט
האָט אונדז דאָס אייוועלע דערוואַרעמט.
איז גוט אצינד — א שטיקל ברויט
איז אונדז פאַרבליבן נאָך פון וואַרעמס.

ברענט אין רויך א דאַרער קנויט
און וועט נאָך ציִען ביז באַגינען, —
יונגערהייט און שטרענגערהייט
מעג טאָר ניט שלאָפן ביז באַגינען.

אף יעדן ראָג, אף יעדער גאַס
א שוואַרער אומרו וואַרט און וואַכט שוין.
עס רײַסט, עס שלאָגט אף אונדז מיט האַס
פון שוואַרצן יאַם ביז איבער וואַרשע.

16

וויקלט זיך א שטאָט אין אומרו און אין שוואַרצן,
אַלע שויבן זײַנען הײַנט פאַרדעקט...
קלאַפּט א שרעק און וויגט זיך אום אין האַרצן,
ס'האָט אף שטאָט זיך אָנגערוקט א שרעק.

א גאַנצן טאָג האָט זיך א לעצטער צוג געראַנגלט
און אָפּגעגאַנגען מיד נאָך אָרשע און סמאָלענסק,
שטיקט זיך איצט די שטאָט מיט אומרויִקע קלאַנגען:
וועמעס איז מען און אין וועמעס הענט?

ווידער קאָן דער סוינע מאָרגן קומען,
ווידער „כלאָפּי" און „פּסיא־קרעוו".
אומרו, אומרו, אומרויִקער אומרו,
ס'וועט די שטאָט ניט אויסהאַלטן די שרעק...

17

האָט מינסק אוועקגעשיקט א צוג מיט הייסע יונגען,
האָט פּיניע אויך צווישן זיי געברענט...
ס'האָט הינטער זיי קיין מאַרשן קײנער ניט געזונגען
און ניט געפּאָכט מיט יאָמטעוודיקע הענט.

צו גרויס, צו גרויס איז אפן פראָנט דער אומרו,
און ס'קען דער הימל פלאַצן איבער מינסק — —
און אויב מע דאַרף — וועט מען צוריק ניט קומען
און שטילערהייט שוין בלײַבן אונטער ביקס...

18

ווייסט שוין פיניע ניט, דעם וויפלטן מעסלעס
האָט ער דעם שלאָף אין זאָטל שווער באַגעגנט,
דורך ווינט, דורך רויך — פאַרמאַטערט און פאַרנעצט,
דורך ווינט,
דורך רויך
און זומערדיקע רעגנס.

ווערט שטיל אין פעלד. עס קלאַפּן טלאָ נאָך טלאָ.
דאָס הייסע פערד גייט רויִקער אין אָוונט...
און ס'איז קיין ברויט ניטאָ, און ס'איז קיין היי ניטאָ, —
וואָלט ערגעץ כאָטש א דערפעלע זײַן נאָענט.

ליגן דערפעלעך פאַרוואָרפענע אין שרעק
און כוטערן פאַרברענטע און פאַרמאַכטע.
אַלע יונגען זײַנען שטרענג אַוועק
מיט קויל, —
אויף פויל, אויף פּריצים און אויף שליאַכטע.

ערגעץ צו א כוטער וועט ער שטיל אַראָפּ,
מידערהייט א קלאַפּ טון אין א טויער:
— היי, כאַוויירים — ברידער, עפנט אָפּ, —
— אַן אייגענער — א רויטאַרמייער...

19

ניט קיין העלדן, ניט קיין האַריקע גיבוירים
האָבן זיך דאָ ביינערדיק פאַרקלערט.
יונגע יונגען מיט יונגע אויגן
וויגן זיך פאַרמאַטערט אויף די פערד...

ס'איז איצטער שטיל, די נאַכט איז פול מיט זומער,
מיט סאָסנע־וואַלד, מיט האָניק און מיט פעך.
ווער ווייסט, און עפשער וועט מען שוין צוריק ניט קומען,
ס'איז וואַרשע ווייט.
— ברידער, עך!

לאָמיר זינגען, זאָל די נאַכט איצט פּלאַצן,
ס'איז שטיל אַזוי, ס'איז שווער אַזוי! —
און האַרטע טלאָען האַקן זיך און האַקן
מיט יונגן פייף, מיט פּאָך און מיט געשריי...

און זאָל מען הערן, זאָל דער סוינע קומען
און מעסטן זיך דאָ שפּיז אָן שפּיז.
די נאַכט איז הייס, די נאַכט איז פול מיט אומרו,
און אומרו שרייט פון קאָפּ און ביז די פיס.

20

איבער דער בעריאָזע הענגט אַ שטרענגער בריק,
איילן עשעלאָנען, איילן איבער בריק.

און ווען דער לעצטער רייטער וועט דורכשניידן געשווינד
און שטרענגערהייט אַ זאָג טון: נו, כאַוויירים — צינד!

וועט דאָן דער בריק א בראָך טון, א פּאָך טון מיט די
הענט:
א בריק איז דאָ געהאנגען, געווען — און ניט געווען.

וועט מינסק דאָן ווערן נעענטער. ס'איז ווער אהין אריַין.
— מינסק, מיר וועלן קומען, מיר וועלן ווידער זיַין!..

21

אין וועלדער געדיכטע, אין וועלדער וויַיסרוסישע
ווער וועט היַינט האלטן די וואך?
ס'וועלן היַינט הערצער מיט פיַיער צעקושן זיך, —
היַינט אין א בלווילעכער נאכט...

שטילער, פארמאטערטע, רויִקער, טיַיערע,
ווער וועט פארהיטן די רו?
ס'וועלן היַינט ווינטן און רויִקע פיַיערן
שטיל מיט איַיך ריידן אַף דו...

און ווער עס וועט פאלן, — וועט מוזן פארגעסן
א פארלאָשענעם קאָפּ אַף דער ביקס...
— זאמדיקע, שטילע, פארוואָרפענע געסלעך,
היים, אונדזער בלוטיקער מינסק...

אָקטיאבער — דעקאבער 1924



ביינערדיקע
וואָר



* * *

פונדאנען שרײַ איך אזש צום צענטן דאָר,
צום צענטן, צום עלפטן און צום הונדערטן:
אונדזער ביינערדיקע, שטײַפע וואָר
זאָל פאר אײַך ניט אופגיין, ווי א וווּנדער!

ערגעץ דאָרט אין זומערדיקן לאנד
מיט טאָג פארבליבענע אף שטענדיק
זאָלט איר כאָטש מיט א בענקשאפט אין דער האנט
ניט קרוינען אונדז מיט שטויבן פון לעגענדן.

זאָלט איר כאָטש ניט באקרוינען אונדז די קעפּ
מיט געוועבן זוניקע און דינע...
מיר זײַנען דאָ געוועזן און געלעבט
אין ליבשאפטן, אין ווייטעק, און אין סינע.

מיר האָבן דאָ די ציגל נאָר צעלייגט
און זיך אליין אוועקגעלייגט פאר ציגל.
ביז טיפן בלוט אזוי געבענקט
פארמאָגן אויך צוויי אומרוּיקע פליגלען.

מיר זײַנען דאָ געגאַנגען אַף דער ערד
מיט שטויב פון כורבן אַף די אַרבל...
און אונדז איז נאָר געווען באַשערט
זינגענדיק דאָ ליגן זיך און שטאַרבן.

זאָלט איר כאָטש דאָרט אין זומערדיקן לאַנד
נאָך אונדז, פאַרבלוטיקטע, ניט בענקען.
פונדאַנען שטרעק איך אויס צו אײַך מײַן האַנט:
— טײַערע, באַפליגלטע, ניט קרוינט אונדז!

אָקטיאַבער 1925

* * *

דער וואלד איז הויך, און ברויגעזדיק, און אלט,
און ליגט אין מאָך און רויִקייַט באהאלטן.
מיר זייַנען וואלדהעקער — און שלייַדערן דעם וואלד,
און האקן אונטערביימער און צעשפּאלטן.

הארבע מי און העק — איז אונדזער פרייד,
ווי שווארצעס ברויט נאָך ביינערדיקער ארבעט.
מיר טרינקען אונדזער לעבן רויערהייט
און ווארטן ניט, ביז עס וועט נעמען שטארבן...

מיר האָבן הענט און טוען אלץ מיט קראפט,
און פּעטעס בלוט צעשרייַט זיך אין די גלידער.
א הייב די האק, — און ס'שפּריצט די לופט מיט זאפט,
און ביימער לייגן זיך שוין שרייַענדיק אנידער.

כאפּט זיך אויף א דעמבענער געשריי:
עס וואלגערט זיך דער וואלד — אן אופגערייצטער גיבער.
די לופט ווערט ריין און קלאָר, ווי ערשטער שניי,
און ראכוועס שוימט און גיסט זיך שוין אריבער...

יאנוואר 1926



* * *

דער ייִנגסטער אפילע פון אונדז
איז געבענטשט שוין מיט האָריקע אקסלען.
אין יעדן גייט אוף דער טריבון,
און דארף ער נאָר האָבן די זון, —
קען ער ביז הימלען דערוואקסן.

אָט דאָ אף דער הילכיקער ערד
לעבט נאָך די שטילקייט און לויערט.
און ווען ס'איז טרויער באשערט,
וועט ער אָט דאָ, אף דער ערד,
צעטרעטן דעם אייגענעם טרויער.

יאָ, ס'איז פאראן א געפאר:
מיר קענען נאָך בלייבן בארוטע.
ווייך אזוי, רויִק און צארט
קען דאָך אי זאטקייט, אי צאר
בארויִקן אונדזערע בלוטן...

נאָר ס'איז דאָך אין אונדזערע טריט
פארבאָרגן א שטענדיקע גוווּרע.
מיר קענען דען רוען? — איי, ניט!
ווי ס'פארבענקען זיך גאסן נאָך טריט,
בענקען מיר אלע נאָך שטורעם...

יון 1925

* * *

א שאָ קומט אָן שטיל און פארגייט,
היים איך איר האסטיקער גיין.
און איך האלט שוין מײַן בלוטיקע פרייד
פארביסן צווישן די ציין.

שטעל איך זיך אוף און איך שרײַ:
— כאווירים, אף מעסערם און — גוט!
מיר בענקען שוין ווידער נאָך בלײַ,
נאָך רויכיקן אופשטאנד און בלוט!

קומען מיר רויִק און הארט
און גרייטן די האָריקע הענט.
— איז נאָך דאָ עמעצער צארט?
— מיר האָבן די צארטקײַט פארברענט!

שטעלט מען זיך שווער — און אין ריי,
ס'צעוויגט זיך א שטורעם אף קעפּ.
איינס! און איינס! און צוויי!
און די ערד הילכט שוין אָפּ אונטער קלעפּ.

און ווער עס וויל קערן צוריק,
זינקט ער אין אייגענעם בראָך.
— כאַוויירים, אין אופשטאנד און קריג!
אין רו און אין ליבשאַפט — דערנאָך!

1925

* * *

רויִק, מײַן בייזער געמיט:
טיף ערגעץ דאָרטן אין הארצן
קען ווידער א שטיק דינאמיט
האסטיק א ריס און א פּלאַץ טאָן.

ס'קען ווידער מײַן קרעפּטיקע פּײַן
צעשרײַען זיך שווער אף די ליפּן...
הײַנט ווילט זיך מיר רויִקער זײַן,
דערפילן מײַן גרויזאמע ליבשאפט.

אז ניין, — ניט קיין האס נאָר אליין
האָט הילכיק אין מיר זיך צעוואקסן.
אז ניין, — ניט קיין ברויגעזער שטיין
האָט אין בוזעם בא מיר זיך פאראקשנט...

עפּעס פיל איך א ליבשאפט אצינד
אין אלע פיר וועלטישע ווינקלען,
און איך גלייב הײַנט נאָך מער פון א קינד,
און איך פריי זיך נאָך מער פון א יִינגל...

* * *

...אויב אזא צײַט וועט נאָך ווען־עס־איז זײַן,
איז ניט איך און ניט דו, — ס׳וועלן אנדערע זײַן...

אלציינס, אויב מײַן קינד וועט אמאָל נאָך דערזען
בלוטיקע ציגל אין זויבערע ווענט. —

מיר זײַנען געווען און מיר האָבן געלעבט,
אוי, מײַן קאָפּ, אוי, מײַן הארץ, ביסט אליין זיך ניט ווערט.

יעדער טאָג גייט אדורך, יעדער נאכט פאלט אוועק,
און וואָס בלײַבט, אויב ניט שײַן הינטער אומרו פון קעפּ?..

אונדזער דאך איז דער ווינט, אונדזער היים איז דער בריק,
און מיר נעמען די ראכוועס א שטיק נאָך א שטיק — —

פֿערליאַשעז

יעדער שניט פֿאַרגייט מיט נײַע הויטן,
יעדן בראָך פֿאַרציט מיט גראָז די ערד...
געוועזן אַמאָל אַן אויסבראָך און אַ ווייטעק,
הילכט ער אָפּ, ווי העלער קאָל אַף בערג...

איך וואַרף אַרײַן מײַן האַנט אין אָפּגעברענטן נעכטן,
און נעכטן קומט אַרויף און העלט אויף, ווי אַ נעס...
ברידער, — דאָס בין איך מיט אײַך געפֿאַלן אַ גערעכטער
אַף שטיינער און אַף בלוט פֿון פֿערליאַשעז.

דאָס האָב איך מיט אײַך אונטער הימלען פֿולע פֿײַער
די וועגן צו פֿאַריזש מיט ברוסט פֿאַרשטעלט,
און ווידער שטייען מיר הײַנט הויכע און באַנײַטע,
און אַקסלען טראָגן שוין די לאַסט פֿון נײַער וועלט.

מאַרט 1924.

ענגעלן

* * *

ברודער מײַנער מיט האָר געקרײַזלטע, ווי מײַנע האָר,
מיט שווארצן שניט אינמיטן פון דײַן וואקסן.
דאָס ביסל פּײַן פון דײַנע לעצטע יאָרן
מיר האָבן הײַנט געטראָגן אפֿ די אקסלען.

אינמיטן מינסק, אין מינסק פון אומרו און פון נויט,
האָט לעקערטס בלוט געשריִען פון זײַן דענקמאָל,
און מיר זײַנען געגאנגען שטילערהייט,
געשוואָרן זיך, מיר וועלן דיך געדענקען.

האָט נאָך אמאָל אין ווילנע דורכגעבליצט א שאָס,
האָסטו געשאָסן אפֿ באנײַס הײַנט...
ברודער מײַנער, ניט באשערט דיר זען לאָדז
אין גליק, אין בלוט, אין ליבשאפט און אין פײַער...

פון לאָדזער סקווער וועט לאנג נאָך ניט אראָפּ
דײַן לעצטער שאָס, א בלויער, א פארבענקטער...

כאָטש ווען־עס־איז א קוק טון אפֿ דײַן קאָפּ,
אפֿ קאָפּ דײַנעם פארקריצטן אין א דענקמאָל.

1924

אין רויך

ניט פֿון זון, ניט פֿון רוים און פֿון וועלטן, —
געגנוג געזונגען אַזוי און אַזוי,
איך בין געוואָרן איצט פֿײַערלעך־עלטער,
איז מײַן קאָפּ איצטער דורכזיכטיק־ריין.

איך געדענק א שטאָט — אין געוויין און גערודער,
א היץ און קעלט האָט געשטראָמט אונטער לײַב,
ס׳האָט די מאַמע געוויינט פֿאַר מײַן ברודער,
געוויינט און געבעטן זיך: בלײַב!

איז דער ברודער געוואָרן נאָך שטרענגער,
שטרענג געהערט, ווי דאָרט רײַסט זיך און וועקט,
און איך, אַזאַ יונגער און קלייניקער,
בין אויך נאָך מײַן ברודער אַוועק.

ווער האָט געוווּסט, וואָס ס׳געשעט דאָרט אין רויכן,
ווער עס פֿאַלט און ווער עס דרייט זיך צונויף!
ס׳איז מײַן ברודער געקומען א בלייכער,
מיט א בלוטיקער האַנט אויף שלייף.

שטילערהייט מיך אף אקסלען גענומען,
שטילערהייט מיך באשוואָרן: געדענק.
האָט א שטילקייט מייַן ברודער גענומען
און צאַרט אים אף דער ערד אויסגעלייגט...

זייַנען יונגען געווען און פארגאנגען,
שטרענגערהייט זיך צעלייגט אונטער ווינט...
ווי געקענט האָט דאן ווי טון און באנק טון
אונטער סרייפעס א גלוביקן קינד.

וואקסן יאָרן, גייען אוף און פארגייען,
פאָכן פאָרכטיק פון גליק און פון פרייד,
דערמאָן איך זיך ברידערשע ווייען
אף גאסן פון גליקלעכן טויט.

בא דער קרעמל־וואנט

וווּ ברידער־קוואָרים זײַנען ווייך און גראָזיק
און העלער כּאָלעם רוט אין דורכזיכטיקן רויך,
וועט זיך מײַן קאָפּ צעברויזן, ווי א לאָזונג,
וועט זיך מײַן קאָפּ צעשפּילן אין דער הויך!

אז וווּ איז זי, די שטים, וואָס הייסט א ווײַלע שטיין דאָ
און אײַנהאלטן דעם קאָפּ פאר שטײַגנדיקער רו,
און לייענען אף אויסגעהאקטע שטיינער
נעמען נאָענטע, ווי איך, ווי דו.

יעדעם וואָרט — א שטילם און א פארקלערטס,
יעדער שטיין דאָ — נאָענט, ווי מײַן האנט,
אין יענער נאכט איז ניט געווען באשערט מיר
פאלן דאָ א ברודער בא דער וואנט...

צו די אָקטיאבער־געסט

כאווײרים, Camrades, Genossen,
Товарищ פון פיר עקן וועלט,
מיר זײַנען צופרידן, Мы рады:
פרײַ די גאסטפרײַנטלעכע שוועל.

אין לאנד פון געבענטשטער מערידע,
ווו ס׳גייט אוף אין ווייען דער מענטש...
מיר גייען אנטקעגן אײַך: ברידער,
לאָמיר זײַן אלע געבענטשט.

מיר זײַנען דאָך נאָענט פון שטענדיק, —
ווערן מיר איצטער באקאנט,
איר אלע פון צענדליקער לענדער,
איר ברענגט אונדז דעם גרוס פון איין לאנד...

איין לאנד און איין שטײַגנדע מאכנע,
איין ערד און איין מענטשלעכעם ברויט.
מיר דאכט — איך פארשטיי אלע שפּראכן,
און יעדער פארשטייט מײַנע רייד.

און דאָרט, ווו ס'איז יאָמטעוו אום ווינטער,
און ווינטער האָט לויטערן גאַנג,
גייען אום גאָלדענע ווינטן,
וואָס שמעקן מיט דזשאָנגל און גאַנג...

1926

* * *

הייַנט וועט קיינער ניט פאלן מיט קני צו דער ערד
פאר נאָענטע בלוטיקע טראָפּן...
יעדעס וואָרט — ווי א שניט, יעדער קרעכץ — ווי א
שווערד
איבער קעפּ און אף שטעט פון אייראָפּע.

איין־און־צוואנציקסטער יאנוואר... פיר־און־צוואנציקסטע
יאָר...
א געשריי און א שניט איבער לענדער...
א שטרענגע, א בלוטיקע וואָר
פארגייט אין א העלער לעגענדע...

וועט דורכגיין א טאָג און וועט דורכגיין א נאכט,
וועט דורכגיין א דאָר — א יאָרהונדערט,
און וועט מען דערציילן: אָט דאָ אף דער וואך
האָט ער אזא שטאָלצער געדונערט...

יאנוואר 1924

* * *

און יעדער אינדערפֿרי קלאַפּן נײַסן אין די שויבן, —
שלײַדער איך ארויס צוויי אומרויִקע הענט.
און ווידער בין איך גרייט שוין — אופֿנעמען און גלייבן,
אז ס'האָט זיך ערגעץ־ווּ א לאַנד אין ווײַט צעברענט...

ווערט היים אין הארץ, דאָס הארץ הייבט אָן צו ברענען,
עס גיט א ריס, עס גיט א טראָג פֿון שטוב,
פֿון יעדן רויטן פּלאַץ רעדט ווידער צו אונדז לעניִן.
און יעדער רויטער פּלאַץ וויגט זיך שוין און רופֿט...

ווערן ווידער פֿײַעריק און היים די האָריזאָנטן.
הייב איך אויף מײַן קאָפּ א ליכטיקן און — טראָג.
עס שלאָגט מיט היץ, עס שפּארט, עס שלאָגט מיט יאָמטעוו.
און יעדער נאכט אזוי,
און יעדער טאָג...

יאַנוואר 1925

קאטערינקע

(פּאָעמע)

אריינפיר

היי, צעשריי, צעשפּיל זיך, קאטערינקע,
דו האָסט ביז איצט געליטן אין דער פרעמד;
א דאָרשטיקע, א פריילעכע און פלינקע
האָסטו זיך אומגעשלעפּט אין אָרעמינקן העמד.

אונדזער שטים האָט קיינער ניט געפּעסטעט,
אונדזער בלוט האָט קיינער ניט געשטילט,
פון יעדער שויב אין יעדן זאטן פענצטער
מע האָט אין אונדז געשליַידערט און געצילט...

אין געסלעך צעקרימטע און פארדרייטע,
פארזונקענע אין בלוט און אין געוויין,
האָסטו געוואָלט פארהוליען יעדנס ווייטעק
און ניט געקענט צעהוליען זיך אליין...

אין האַרטע טעג, אין האַרטן לויף פון יאָרן
מיר האָבן זיך אַ ריס געטון אין קאָן
און שווער געשריִען און געוואָרנט
אין אונדזער שטעכיקן און האַרציקן זשאַרגאָן.

היי, צעהוליע און צעשפּיל זיך, קאַטערינקע,
אין שאַלן, אין געשרייען און אין קלעפּ,
ווער עס דאַרף און ווער עס מוז פאַרזינקען,
זאָלסטו שלאָגן, ווי אַ דונער אויף די קעפּ.

מיר ווילן און מיר קענען צאַרט זײַן,
נאָר מיר ווילן ניט און קענען ניט אַצינד,
אויב געזונגען — איז פון פולן האַרצן,
און געהוליעט — איז געהוליעט, ווי דער ווינט.

פון שטויב פון גאַס — און ביז די העכסטע פענצטער
אונדזער ליד זאָל זינגען, ווי אַ פאָן.
מיר זײַנען איצט די שטאַרקסטע און די שענסטע:
איך, און דו, און קוויטיקער זשאַרגאָן.

1

מיידל, דו, מיט זומערדיקע הענט,
מיט שלאַנקן וווּקס פון שווײַגנדיקעביימער, —
עס איז דיר גוט אין רו פון ווענט,
אין זאַטער שטילקײַט פון דײַן וווינונג!

באַ דיר אין צימער איז נאָך קיל,
סע שווײַגט פאַרשטיקט דער זומער אויף די בלומען.

און אין דער נאכט און אין דער שטיל
איז דאָ אזויפיל רו און אומעט.

2

אָונטיק, שוויַיגנדיק מיידל
מיט איַינגעשפּארטער שטילקייַט אין געזיכט,
גוטן־אָוונט דיר! און לאָמיר בעסער ריידן
און אָנצינדן אין צימער אלע ליכט...

איך בין נאָרוואָס געקומען פון טראַמוויַיען,
געבראכט אהער א פריידיקן געשריי...
שוין אָוונט, און די שטאָט איז פול מיט פיַיער.
פארוואָס זשע קוקסטו שוויַיגנדיק אזוי?

3

האָסט גערופן, — בין איך אריַין אזוי בלייך
און ניט געקענט מיַינע אקסלען פארהייבן,
ניט געקענט דיך א הייב טון אין הייך
און — א פאָך און — א זעץ, און — צעשטויבן.

איך האָב דאָך אזוינע, ווי דו,
נאָך נעכטן אַף שפּיזן געשליַידערט
און געפאָכט און געצילט אין דער רו, —
און אצינדער שטיי איך און ליַיד דאָ.

קינד, מײַן צעשראָקענעם קינד,
מיט צעשראָקענעם ווײַ אױף די ליפּן,
זאָג, — וועל איך פאַלן צום דיל
און בייגן זיך, וואָיענדיק, טיפער.

נאָ מײַן פּויסט, נאָ מײַן קאַרק — און צעבײַס,
זעץ אָן בלויע צייכנס, ווי פּערל.
— — — — — — — — — — — — —
ס'האָט א האַנט אַזוי לופּטיק און ווײַס
געקילט מײַן צערודערטן שטערן.

4

עס זינגט אין מיר! איך וויל דיך הײַנט דערשפּירן
לײַב צו לײַב און נאַקעטקײַט צו נאַקעט.
עס רײַסט אין מיר, עס ציט אין מיר,
און ס'גיסט זיך אָן מײַן שווערער האַלדז־און־נאַקן.

איך קען שוין ניט באַרוּיִקן די הענט
און אײַנהאַלטן זיי האַריקע און האַרטע.
ס'ווערט ענג דער דיל, און ענג די ווענט,
און ענג אין צימער און אין האַרצן.

און זאָג מיר: גיי! און זאָג מיר: זײַ!
וועל איך אַצינד זיך ניט צעשיידן. —
עס שלאָגט אַ קעלט, עס שלאָגט אַ היץ
פון מיר, פון דיר, פון אַלע דײַנע קליידער...

5

שטילער־שטילער ציטערן די שויבן,
און אָוונט וועבט זיך ציטעריק און דין...
דו האָסט די אויגן העלער אופגעהויבן
און בייגסט זיך קניִענדיק נאָך טיפער צו דעם דיל.

קומט צו גיין א שאָ, איינע און א צווייטע,
און שטילקייַט קומט צו גיין, און שטילקייַט גייט ארויס.
פונוואנען נעמט זיך דאָס, פונוואנען קומט א ווייטעק
און בייגט דיך איַין און לעשט דיך אויס?..

6

א בענקענדיקער פאָרטעפּיאַן, נאָטן און שאָפעןּ
און פלינקער לויף פון ווינטלדיקער גרינגקייַט,
אינמיטן נאכט, אין רו פון ווענט
פארגייען זיך אין שטילקייַט דייַנע פינגער...

וואָס ווייַנען דאָס בא דיר אזוי די הענט?
פון וואָס האָט דאָס שאָפּען אזוי געטרויערט?
אָ, לערן אויס, עס זאָל אָט דעם שאָפּען
פארנעמען אויך מייַן אומרויִקער אויער?

איך האָב דאָך אין מייַן יוגנט נאָר געהערט,
ווי הייזעריק עס ציט א קאטערינקע.
זאָל זייַן געגנוגן! — איך קען ניט מער
אין ווייַסער רו פון דייַנע ווינקלען.

װעמען ס׳איז געגעבן פרייד און רו,
און װעמען ס׳איז אײן אומרו גרינגער...
א פּאָרטעפּיאַן אין בענקשאַפט, איך — און דו
און פלינקער לויף פון דײַנע פינגער...

7

דו לאַכסט פון מיר? — לאַך, לאַך,
איך בין אױף דיר ניט ברוגעז.
איך האָב די אויגן צוגעמאַכט,
קילע רו און קילע נאַכט
רוט אויף מײַנע אויגן...

נאַרעלע, דו מיינסט, איך שװײַג,
איך שװײַג דאָך ניט: איך פרײ זיך.
װי יונגע װינטן אויף דער צװײַג,
װי יונגער פויגל אויף דער צװײַג, —
מײַן האַרץ, מײַן יונגס, פאַרגייט זיך.

דו זאָגסט: דאָס איז גאָר ניט שאָפן,
דו האָסט געשפּילט מאָצאַרטן?
זאָל זײַן מאָצאַרט! — איז װאָס? איז װען?
אַז עפּעס רינט פון דײַנע הענט
מיט אַזאַ קאַלטער צאַרטקײַט...

װאָס האָסטו פּלוצלינג זיך פאַרמאַכט
און אָפּגעשטעלט מאָצאַרטן?
לאַך פון מיר. לאַך, לאַך!..

פאַרוואָס זשע האָסטו זיך פאַרמאַכט
מיט אומעטיקן האַרצן?..

8

שפּיל א פריילעכס! שפּיל מיר איצטער עפּעס,
איך זאָל מער ניט פילן דײַן פאַרגיין.
אין די ווילדע וועלדער, אין די פּוסטע סטעפּעס
זאָל דײַן ווייטעק אויסגיין און פאַרגיין...

ווער האָט דאָס דײַן יוגנט אָנגעפילט מיט אומעט
און דײַן יוגנט יאָגנדיק צעווייט?
שפּיל א פריילעכס! איך בין צו דיר געקומען, —
זאָל אַף דיר אויך נידערן מײַן פרייד!

א פּאַרטעפּיאַן און דו דאָ. ווער פון אײַך איז עלנט,
ווער פון אײַך פאַרגייט זיך אין געוויין?
אין די ווילדע וועלדער, אין די פּוסטע פעלדער
זאָל דײַן ווייטעק אויסגיין און פאַרגיין.

9

קענסט ניט זינגען? — וועט זיך איצט צעהוליען
מײַן פלינקע און מײַן האָפערדיקע ליד. —
ערגעץ אין א שטעטל, און ערגעץ אין פּאָדאָליע
האָט געלעבט א סאַמעטענער ייִד.

האָט דער ייִד געהאַנדלט מיט שווייַגנדיקע וועלדער
און די ביימער איינציקווייַז צעהאַקט,
און זייַן יונגע טאָכטער ניט פאַרהיט פון עלנט,
און זייַן יונגע טאָכטער ניט פאַרהיט פון צאַר.

געדיכטער ווײ פון וועלדער, ביז וואָרצל אויסגעדרייטע,
איז אַף איר געפאַלן, ווי א שרעק — — — — — — — —
וואָס קרימען זיך די ליפּן בא דיר אין שטומען ווייטעק?
פאַרוואָס האָסטו די אויגן צוגעדעקט?

וועל איך מער ניט זינגען. זאָל דיר ווערן גרינגער, —
האַק זיך אָפּ, מייַן אומעטיקע ליד!
עך, געוועזן, — און טויזנט מאָל נאָך זינגען:
האָט געלעבט א סאַמעטענער ייִד.

האָט ער אָנגעקליבן פּויערים פאַרווייעטע
און מיט זיי אליין אין וואַלד אַוועק.
האָט דער וואַלד צעוויגט זיך אין כורבן און אין ווייטעק
אונטער שאַרפע שטאָלן פון די העק.

הוק־און־האַק! און נאָכאַמאָל! און שטאַרקער!
ס׳איז א בוים געפאַלן צו דער ערד.
— — — — — — — — — — —
אוי, בין איך א נאַרישער, א שטעכיקער און — האַרגע!
פאַרוואָס האָסטו זיך אומעטיק פאַרקלערט?..

10

דו זאָגסט, דו פאַרשטייסט קיין זשאַרגאָן ניט,
א דייַגע, נו, רוף דאָס זשאַרגאָן!

װען ס'פּלאַטערן װערטער, װי פֿאַנען,
װאָס גייט דאָס אײנגאַנצן דיר אָן?..

אַכמאַטאָװעס טרויער געפֿעלט דיר, —
טאָ טרויער מיט סאַמעט פֿון בליק:
Я на правую руку надела
перчатку с левой руки.

װײסטו? — עס האָט זיך געדאַכט מיר,
ניטאָ שוין אַזוינע, װי דו.
צערונען, װי בלויע פֿאַרנאַכטן,
פֿאַרגאַנגען אין בענקענדער רו.

שטייסט װידער איצט שלאַנק, װי אַ ייִנגל,
שוין װידער געקומען... נו, זאָג,
װער הענגט דאָס בײַ דיר דאָרט אין װינקל:
אַכמאַטאָװע אַנאַ, צי בלאָק?

11

װײען, װײען רויִקע גאַרדינען,
און אַ שטילקײַט ליגט נאָך אױפֿן דיל,
העל און רויִק קומט אָן דער באַגינען,
און דאָ איז נאָך שלעפֿעריק און שטיל...

נעם, זעץ אויס: גאַרדין, און שויב, און פֿענצטער,
זאָל אַ װינט אַ ריס טון זיך אַהער.
און קוק: עס שפּאַנט אַרום דײַן שענסטער
צװישן אַלע שענסטע אױף דער ערד.

איבער יעדן פּלאַטערט אַ לעגענדע,
און ווינט, און פונק, און פלאַם אונטער די פיס.
און קומט מען אָן פון שטעט, און קומט מען אָן פון לענדער.
און אַלע ווערן שפּאַנענדיק באַגריסט.

ווּעסטו קענען, — ווּעסטו אויך נאָך קומען,
אַז מיר טרייַבן קיינעם ניט אַוועק...
— — — — — — — — — — — — —
עך, איז גוט נאָך רו און נאָך דייַן אומעט
מיט גאַס און מיט באַגינען אָפּן וועג...

12

וואָס טו איך דאָ? וואָס דאַרף איך דאָ בא דיר?
צו וואָס האָב איך געטרויערט מיט שאָפּענען?
ווען כ'וואָלט אַזוי אַ רים טון דורך דער טיר,
וואָלט איך זיך ווידער שוין אין רויִקייַט דערקענען.

כ'וועל בא דיר נאָך זייַן אַ פּאָר מינוט
און וועל דייַן טיר פאַרמאַכן, ווי אַ סוינע,
ווען ס'רעדט מייַן בלוט, ווען ס'וויינט נאָך דיר מייַן בלוט,
וועל איך מייַן בלוט צעטרעטן אויף די שטיינער.

און ווידער וועל איך טראָגן איבער שטאָט
און יאָגן פון אַ מויער צו אַ מויער.
פאַרשעמט זאָל זייַן מייַן יעדער טראָט,
וואָס שלעפּט נאָך הונגעריק מיך צו דייַן טרויער.

נו, זײַ געזונט, — גענוג. — און גוט.
און ס'האָט די טיר פאַרמאַכט זיך מיט א סינע.
ס'קען זײַן — אין גליק און בלוט
וועסטו נאָך עפּשער ערגעץ מיך געפינען...

אָקטיאַבער — נאָיאַבער 1925



שטעטל



שטעטל

1

א פרעמדער גאסט אין שטעטל איז געקומען,
א פרעמדער גאסט —
מיט אומרו אין די טריט...
ס׳האָט דאָרטן קיינער ניט דערקענט זײַן אומרו,
און קיינער האָט אים ניט געפרעגט:
ביסט מיד?..

דעם בלויען הימל האָט געצויגן צו פארנאכט דאן,
און שטילקײַט האָט נאָך עמעצן געוויינט,
אלע קראָמען שוין פון לאנג פארמאכט דאָרט
און קיינער דארף שוין דאָרט ניט גיין אהיים...

ביז טיף אין נאכט
דורך שטעטלדיקן העפקער

געגאַנגען איז דער גאַסט אַזוי אַליין,
און ניט געוואַרט, און ניט געבעטן:
„עפנט" —
באַ לעצטער טיר פון אָפּגעניצטער היים.

ער האָט געהערט און הערן ניט געקענט מער,
ווי שטעטל ליגט פאַרבראָכן הינטער פּלויט...
— גוט, — האָט ער געזאָגט, —
זאָל ברענען! —
און איז אַוועק פאַרשפּאַרט און האַרטערהייט.

און ביז פאַרטאָג האָט ער געהערט,
ווי ווינטן
היים האָבן מיט פייַער און מיט שטעטעלע געקלאָגט...
אַ לעצטן מאָל האָט ער אַ קוק געטון אויף הינטער,
און איז אַוועק, און ס'האָט געטאָגט.

2

אַ לעצטער רויך האָט צוגעדעקט מייַן שטעטל,
און לעצטן רויך האָט אָנגעשיקט דער ווינט.
אוי, ביזוואַן, און אוי, ביזוואַנען בעטן זיך:
— שטעטעלע, פאַרשווינד.

אינמיטן וועג, צווישן בלויע טראַקטן
ליגסטו אַלץ און קענסט נאָך ניט אַוועק.
אַ בראָך צו אַלע גרייַזע טאַטעס,
וואָס האָבן ניט פאַרלאָשן דייַנע טעג —

און דיך געלאָזט אַף שווײַגן און אַף וואַרטן! —
שווערערהייט זאָל דורכפאָרן אַ ראָד
און דיך צעטרייסלען ביז דײַן קראַנקן האַרצן,
טראָט — נאָך טראָט...

איך ווייס: די טעג זײַנען געציילטע,
און יעדער טאָג דײַנער איז אויסגעווייטעקט רויט.
אוי, ווען כ׳גלייב און קען דיר אויסהאַקן אַ ציילעם:
אַ לעצטן שוימער אַף דײַן טויט.

3

אין טיפן הויף פאַרגייט זיך אַ האַרמאָניק
און לעשט זיך אוים צווישן קילע ווענט, —
פאַרווילט זיך דאָן און כ׳קען זיך ניט דערמאָנען,
וואָס איז אַמאָל געווען.

שטעטל, שטעטל, שטילינקס און פאַרטרויערטס,
ביז לעצטן דאָך פאַרלאָזן און אַליין...
טרעפט נאָך ווען, אַף העכסטן פון די מויערן
דערגייט צו מיר דײַן טרוקענער געוויין.

ווען כ׳בין דאָס ערשטע מאָל אַוועק פון דײַנע געסלעך,
מײַן יוגנט האָט נאָך שטילערהייט געברענט,
געמיינט האָב איך — מע טאָר דיך ניט פאַרגעסן
און שטענדיק מוזסטו נאָכגיין אין דער פרעמד...

בין איך אוועק געבויגן נאָכן וואָגן,
דאָס גאַנצע לעבן צוגעדריקט צום לײַב...
ארופגעפירט האָט שטאָט אף העכסטן פון די שטאָקן,
צוגעפירט צום פענצטער: בלײַב!

איז גוט אצינד באם פענצטער זיך דערמאָנען
און גרינגערהייט א מאך טון מיט די הענט...
הערן שטיל, ווי ס'ציט נאָך דער הארמאָניק
און לעשט זיך אוים, ווי קיינמאָל ניט געווען.

4

א נאכט, ווי אלע נעכט אין בלויען,
ווי אלע נעכט איז אומרויִק און שטיל...
איך קען הײַנט ניט מײַן רויען ווײי צעווייען, —
איך הייב זיך אוף א לופטיקער און — שווים.

א הימל. א מעשוגענע לעוואָנע
ציטערט אוף און רײַסט זיך שטרענג און שארף,
עס רײַסט דאָס הארץ און רעדט, ווי טויזנט פאָנען.
ווי טויזנט פאָנען רײַסט זיך מײַן באדארף...

איך קען זיך ניט אין אזא נאכט בארויִקן,
אז ס'ציט אוועק און ס'טראָגט אף ווײי און ווינד,
מאמע, מאמע, ס'איז דײַן זון מעשוגע
און פליט ארום א בלויער אפן ווינט...

איך קוק זיך אײַן דורך דאָרשט פון מײַנע אויגן
און לענגער־לענגער צי איך אוים מײַן האלדז:

געוועזן זיינען שטעטעלעך פארלייגט דאָ
אין שטילער רו מיט שטילן ברויט און זאַלץ.

האָב איך אליין געהאָלפן זיי צעשטערן
און אָפּגעשיקט זיי אַלעמען אין רויך...
איצטער הער איך שוין, ווי ס'ציטערן די שטערן,
ווי ס'ציט אוועק און ס'טראָגט מיך אין דער הויך.

יון 1924

* * *

אנטלויפן? איך קען ניט, איך וויל ניט אנטלויפן,
און ס'ווערט שוין דאָ אומעגלעך ווײַטער צו זײַן.
עס האָט זיך דער כורבן צעלייגט אַף די הויפן,
אין שויבן — פארלאָשענע טראָפּעלעך שײַן.

גאָרנישט און ליידיקײַט. פּוסטקע און ווינטן.
עס הענגט דאָ א שטילע, פארלאָשענע שאָ...
איך גיי, און מיר דאכט זיך — מע גייט נאָך פון הינטן,
קער איך זיך אום, — איז דאָ קיינער ניטאָ.

גיי איך פּאמעלעך, און ס'ווילט זיך מיר יאָגן...
עס הילכט דאָ צעשראָקן מײַן טראָט אַף דער ערד.
טראָג איך זיך אום, און איך בעט זיך: זאָל טאָגן,
זאָל טאָגן, זאָל טאָגן! איך קען שוין ניט מער.

פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס...

פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפּענע מיט שניי!..
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווײ
זײַט איר פאַרבליבן לעצטע איידעס, —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס!

אַז ווינד, אַז ווײ צו אײַער גאַנצן שטעטל
צעטראָטענעם אין ווייטעק און אין נויט...
צו יעדן הונגעריקן ביסן ברויט
האָט איר פון לאַנג געשמייכלט און געבעטלט, —
אַז ווינד, אַז ווײ צו אײַער גאַנצן שטעטל.

און קוקט איר איצט צעשראָקענע און מידע,
און ס'ציטערן און ס'טרייסלען אײַך די קני.
— ווער ווייסט, ווער ווייסט, אויב ס'וועלן די,
אויב ס'וועלן אָט די זין שוין בלײַבן ייִדן? —
און ס'ציטערן און ס'טרייסלען אײַך די קני.

און מיר, אָט די, וואָס רופן אײַך נאָך זיידעס, —
און ווייסן, אַז דאָס דאַרף מען שוין ניט לאַנג, —
מיר גייען אויף, ווי ערשטער קלאַנג,

ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן,
מיר, אָט די, וואָס רופן אײַך נאָך זיידעס.

איז גוט אַרײַנקוקן אין אומעטיקע אויגן,
ווען פרעמד איז אײַער ווייטעק פון די בערד...
מיר — אָט די און די, — ס'איז אונדז באַשערט,
ס'איז אונדז באַשערט שוין קיינמאָל זיך ניט בייגן.
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע אויגן!

ברויט

ברויט

(פּאָעמע)

אַרײַנפֿיר

אַף געסלעך לײדיקע און מידע
לײגן זיך נאָך שטײַפֿער מײַנע טריט...
הײַנט באַטאָג האָט מיך אַ שטעטעלע מיט ייִדן
אָנגערופֿן: אַנטיסעמיט!

אַלע זײ, אין קנײטשן און אין שמאַטעס,
האָבן אַלץ געװיזן מיט די הענט:
„אָט דער, — מיר קענען אים, אַי אים, אַי טאַטע־מאַמע,
האָט ער זיך פֿון אונדז אַזױ פֿאַרפֿרעמדט...

װילט זיך צוגײן, צוגײן און אים זאָגן:
הערסטו, כאַװער, ס'איז אַזױ אונדז שלעכט,
אויב מע קען אונדז אַלעמען דערשלאָגן,
װאָלט באַ אונדז זײַן רעכט...

שווער צו זײַן, צו שטאַרבן מיטן שטעטל,
האָסט דאָך אויך אַמאָל דאָ װען געלעבט,
זאָג, — װער װעט אונדז דאָ רעטן,
װער װעט אײַנהאַלטן די קעפּ?..״

האָב איך זיי אָנגעקוקט: אַלע לײדיקע און טויטע,
בערד, און בערד, און װידער טויטע בערד...
— גענוג, — האָב איך געזאָגט, — פֿון לײדיקן און גרייטן,
מיט ערד, צו ערד! װען ניט — איז...

האָט שטעטעלע צעשריִען זיך אין פֿיבער,
יעדעס װאָרט און יעדער טראָט — אַ שניט.
װײס איך ניט, פֿאַרװאָס האָט מיך אַ שטעטעלע מיט ייִדן
אָנגערופֿן: אַנטיסעמיט.

1

אַזוי, צי אַזוי, נאָר סע שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן ייִדן געגרייט זיך, געטרעדט און געװאַרט.

איז פֿון שטאָט אָנגעקומען אַ יונגער יעװסעק,
די ערדן צעטײלט זיי, — און װידער אין װעג...

זײַנען קינדער, און רינדער, און טאַטעס, און פֿערד
געפֿאָרן, געקומען, — און אָט איז די ערד...

שטייט דאָרט אַ פֿאַלעץ צעשטויבט און צעשטערט,
און מיט לאָזע און גראָז איז באַוואַקסן די ערד.

האָבן זיך עלטערע ייִדן פֿאַרקלערט...
— װאָס טוט מען, װי טוט מען, גיי שפּיל זיך מיט ערד!

קוקט מען און שוויַיגט מען... אַז גרויס איז די לאַסט,
צי וועט מען דאָ בלײַבן, צי קומט מען צוגאַסט...

איז דער יִינגסטער, אַ פלינקער, אַראָפּ אױף דער ערד.
— וואָס איז דאָ צו טראַכטן? — און שפּאַנט אויס די פערד.

איז דער יִינגסטער דער ערשטער צום פּאַלעץ אַוועק,
זײַנען אַלע אַראָפּ פון די פערד, — און אַן עק.

2

— „...האָט דאָ געלעבט דער אַלטער גראַף,
דער אַלטער גראַף פון טיפן פּרײַסן.
נו, כאַוויירים, — אָן געלאַף,
ווילט איר הערן? — הערט די מײַסע.

האָט דאָ געוווינט אויך יענער ייִד
און ס'איז די זאַך אַזוי פאַרלאָפן"... — — — —
— „זאָל זײַן גענוג! מיר זײַנען מיד,
און לאָז אונדז שלאָפן!".

3

שטייט אַ פּאַלעץ איצט ביז דאַך צעשטערט,
און דער גראַף איז שוין פון לאַנג אַנטלאָפן...
ווילט זיך שלאָפן, — שלאָפט מען אױף דער ערד,
אױף פּאַרקעט איז בעסער נאָך צו שלאָפן...

נאָך צערטלט זיך דער מירמל אױף די טרעפּ,
אין אַ ווינקל הענגט די „פרומע מאַמע".

מע לייגט אוועק די פויסטן אונטער קעפּ,
ווערט שוין גוט, און שלעפעריק, און גראמער!

און זאָל דער ווינט זיך רײַסן דורכן שויב
און קלאָגן זיך מיט לעצטן שאל פון האָרן,
און אופהייבן דעם כורבנדיקן שטויב
פון אלטע ווענט און אויסגעלעבטע יאָרן.

עד, ס'זאָל נאָר דאָס יאָר אדורך געזונט,
און די זאטקײַט זאָל א וואקס טון אף די בייטן, —
צעטרייסלען ווען מיר די כורווע ביזן גרונט
און אוועקשטעלן א הויז א צווייטע.

4

נאכט. פארמאטערט. שוער. שטיל.
ליגן מענטשן מידע אפן דיל.

צעשלײַדערט און צעוואָרפן אף צעבראָכענעם פארקעט
שלאָפן מידע מענטשן. נאכט. שפעט.

האָט זיך אינמיטן נאכט א יינגעלע צעוויינט:
„כ'האָב מוירע, מאמע, — לאָמיר גיין אהיים".

כאפט זיך אוף די מאמע, — איז דער פאלעץ פרעמד,
דריקט זי צו איר קינד נאָך נעענטער צום העמד...

„ווען וועסטו איצטער וויינען, לאָז איך דיך אליין,
א יינגעלע דארף שלאָפן, — און דאָ איז אונדזער היים".

נאכט. פארמאטערט. שטיל. שווער.
שלאָפן מידע מענטשן אף דער ערד.

5

דער פאַרטאָג איז פריש, און זומערדיק, און ווייך,
און גרינגע ווינטן קומען און פאַרגייען.
ציִען זיך די זאַנגען מיט מײַלער אין דער הייך
און ציטערן און בייגן זיך אײַנצווייען.

ליגט אין טוי דער זומער אפן פעלד,
דער הימל האָט זיך שוין אף ראָז צעגאָסן.
מע קוקט אין שויב: דער הימל איז שוין העל.
— א גאַנצן טאָג וועט מען הײַנט קענען קאָסען!

איז גוט ארוים אין לײַוונטענעם העמד,
די ברייטע הענט א פאָך טון אינדערלופטן.
שא און שטיל, עס וואַכט די גאַנצע ערד,
יונגע זאַנגען וויגן זיך און רופן...

6

צײַטיקט איצט א פעלד און גיסט זיך אָן מיט קרעפטן:
— זאט בין איך און צײַטיק: קום און נעם!
סע ציט מיט צוויט, מיט טוי און מיט באהעפטונג,
און זאַנגען וויגן זיך און ציטערן אין דעם.

א פעלד א ברייטס — אָן פלויטן און אָן צייכנס...
א ראָזער ווינט צעוויגט זיך שטיל און ווייך.
גייט אוף פון פײַכטער ערד ביז הימלדיקע הייכן
א העלער און א זומערדיקער רויך.

נאכט און טאָג, — און זון איז שוין אינמיטן.
פרישע לופט ווערט דורכזיכטיק און קלאָר.
היי, ווו זײַט איר, גיכער, יונגע שניטער:
ס'קען די ערד א ריס טון זיך פון אָרט...

7

עס קלינגט און בלאנקט אין ברייטן טאָל,
און קלונג־און־קלאנג פון שארפן שטאָל
פארגייט זיך אין די קאָסעס...

טוי, און זון, און שטיקער גאָלד
רינט פון הייך און פאלט אין טאָל,
צעמישט זיך מיט די גראָזן.

די זון איז דאָ, נאָר ס'איז ניט היים,
נאָך ליגן טראָפּנס טוי, ווי שוויים, —
צעטרייסל און צעשפּריץ זי!

קאָסעס ראנגלען זיך אין גראָז,
קאָסעס ווערן פײַכט און ראָז,
פײַכט און ראָז און היציק.

פײַכטע גראָז בלײַבט שטיל און רוי.
— ברידער, הערט, ניט אײַלט אזוי:
קאָסעס ציטערן פאר שטיינער!

די זון איז הויך, און ס'העלט און ס'ברענט,
עד, ווו נעמט מען טויזנט הענט,
איין פּאָר הענט איז ווייניק!..

דאָס ליד פון די קרעמער

8

און אזוי האָבן קרעמער געזונגען,
פארטאָג בא דעם אקער אין פעלד:
„מיר וואָלטן קיינמאָל ניט ארומגיין,
מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געזונגען
אָט דאָ מיטן אקער אין פעלד.

אז ווען האָבן פינגער פארשמאכטע,
געוווינטע צו וואָג און צום פונט,
געקענט זיך פארבענקען און טראכטן
פון רויִקער, זעטיקער נאכלע,
פון טיפן און זאפטיקן גרונט?

אז קיינמאָל וואָלט אהין ניט געגאנגען
אונדזער פלינקע און אײַליקע פוס,
איז דאָס לעבן געקומען אין ראנגל,
אין ראנגל, אין וויי און אין אנגסטן,
גענומען באם נאקן: — מע מוז!

איז א סאָף, און אן עק, און אן ענדע
צו דעם, וואָס ניט לאנג איז געווען" — — —
— — — — — — — — — — — — —

אזוי האָבן קרעמער פארענדיקט.
און ברייט האָבן פעלדער צעבלענדט זיך,
פריש האָט די זון זיך צעברענט...

דאָס ליד פון יישוווניקעס

9

הענט געהאָרעוועט צום בויען!
איז יעדע האנט א קרעפטיקער בריטאן,
איז גוט מיט זיי צווישן ערד און טויען
אין ברוסט א זעץ טון זיך: — פאראן!

פאראן אן ערד, איז גוט אף איר צו טרעטן...
און דאָס גראָז איז פעט אזוי און גרין.
בא קיינעם דארפן מיר קיין ברויט ניט בעטן, —
מיר רייַסן דאָס פון יעדער דעסיאטין.

ערד, געשמאקע, פעטע גרונטן.
און זון, וואָס גיסט זיך אָן, וואָס צייַטיקט און וואָס ברענט.
מיר שטייען קעגן אייַך דאָ הויכע און געזונטע,
נאט! — מיר שענקען אייַך פארהארטעוועטע הענט.

מיר האָבן הענט, און הענט איז אונדזער אייגנס,
אז וואָס פארמאָגן מיר נאָך דאָ אף גאָרער וועלט! — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי האָבן יִישוּוּוניקעס פאַרצויגן
א ליד א פּראָסטע איבער פעלד.

10

הינטער שײַער, הינטער שטאַל: שטויב און הייסע ווינטן,
האַלבער טאָג, צוויי פּאסטעכער, א סטאַדע און א הינטל.

זאַט מיט זון, מיט מילך און גראָז — רוט א מידע סטאַדע.
זאָגט דער זיידע: „איַי, א היץ!". זאָגט דאָס אייניקל:
„אוואַדע!"

זיצט דער זיידע אַף א שטיין און גלעט א באָרד א ווײַסע.
„לאָז צורו די מידע שאָף און — שקאָץ — הער צו א מײַסע:

צוריק מיט דרײַסיק — פּערציק יאָר, — איך געדענק
שוין ניט גענויער,
האָבן מיר דעם פּאַלעץ דאָ געבויט, שטעטלדיקע בויער.

איז דער גראַף געווען א בייזער גראַף, א שטרענגער, נאָר
א וויצלינג,
פלעגן מיר אים רופן: „פּאַני גראַף", און ער אונדז:
„פּאַני איצקי".

האָבן מיר דעם פּאַלעץ אים געבויט — א פּאַלעץ אַן אַנטיקל,
מיט געזימסן און מיט מירמל־טרעפּ, מיט אַלע זיבן גליקן.

איז, אָט! ווען מע האָט אין לופטן שוין געשניצט די
קאָלאָנאַדע,
האָט זיך איינער פון אונדז אויסגעגליטשט, א פאַל
געטון און — נא דיר!

וואָס טוט מען איצט? וווּ לויפט מען איצט? וווּ קריגט
מען איצט א מיטל?
בין איך צום גראָף אַפּגיך אוועק, — צעטומלט, — אין
א היטל,

און גלײַך אין זאַל, און צו דעם גראָף — — — —
— — — — — — — — — „צו אַלדי שווארצע יאָרן!
פּאַסטעך מײַנער — גיב א קוק, די סטאַדע קריכט אין קאָרן!"

בלײַבט דער זיידע אַפּן שטיין, און דאָס אייניקל אַלץ
פלינקער
הייבט די בײַטש, און טרײַבט און שמײַסט —
„א־וווּהין? — מיזינקע!"

זאַט מיט זון, מיט מילך און גראָז — רוט צוריק די סטאַדע.
זאָגט דער זיידע: „אײַ, א היץ!". זאָגט דאָס אייניקל:
„אוואדע"...

11

און צו דער נאַכט. די זון האָט זיך געזעגט,
און ס'לעשט זיך אויס סאָף־מײַרעווודיקער פלאַקער, —
ווערט דאָס גאַנצע לײַב אין מידקײַט אויסגענעצט,
און ס'הילכט שוין אָפּ דער לעצטער בלאַנק פון אַקער.

מע קריכט אַרוּף א מידער אַפּן פערד,
א צי די צוים און, — פערדעלעך, — געשווינדער!
א גאַנצן טאָג האָט מען געאַרבעט שווער,
מוז צו אָוונט ווערן גרינגער...

גייען שווער און שווײַנגנדיק די פערד,
א מידקײַט פאלט און שלעפּט די ברעמען.
— אוי, ווער האָט דאָס געזאָגט און ווען,
אז גרינג איז, ערדעלע, דיך קענען.

נא, נעם צעווייע אונדזער שוויים,
נעם, דריק צו די מידע גלידער!
און ס'ווילט זיך עפּעס שווער און הייס
אזוי א פאל טון אין דער נידער.

צעיאָגט א ליד זיך אף באראָט.
— אוי, ווער האָט דאָס א ליד פארצויגן? —
גייען פערדלעך טראָט־נאָך־טראָט
מיט מידע צוגעמאכטע אויגן...

12

זאָלן ווינטן פלינקער זיך צעלאָזן,
זאָלן זאנגען פאלן צו דער ערד.
הערט איר,ביימער, הערט איר, גראָזן, —
הײַנט איז אונדז א שווערע נאכט באשערט...

ס'וועלן בליצן הײַנט פארדרייען זיך אין רייפן,
און א דונער וועט הײַנט נעמען שטרענג א וואָרט.
לויפן? — —
— — — קיינער וועט ניט לויפן!

עס איז א שוץ פאַר אַלעמען דער וואַלד דאָ.
היי, כאַוויירים, גיך פאַרנעמט די פערד!
בליצן אויף געשליפענע קינזשאַלן
און גראָבן זיך איַין פלינקע אין דער ערד.
— — — — — — — — — — — —

13

א נאַכט אין שלאַקסן, אין שטורעם און אין שטויב.
קוקן פרויען שטילערהייט אין שויב,

און קינדער וואַרטן פאַרשלאָפן און פאַרקלערט:
— א ראַכמאָנעס אויף די טאַטעס, א ראַכמאָנעס אויף די פערד!

אַז א נאַכט א פינצטערע איז הײַנט פאַרשטיקט און שרעקט,
אַז א נאַכט א פינצטערע איז פול מיט טויטע העק.

און יעדער אויגנבליק, יעדע איינציקע מינוט
קאָן די נאַכט א רים טון זיך מיט אומרו און מיט בלוט.

יאָגן רײַטער. קומען רײַטער, — מישן זיך צונויף.
און צום פּאַלעץ, — בא דעם פּאַלעץ, — פול איז שוין
דער הויף.

עפּשער קומען פרעמדע רײַטער שטיל און אומגעריכט? —
שווײַגן מאַמעס, שווײַגן קינדער... מע פאַרלעשט די ליכט...

נאַכט, און שרעק, און שווערע שטילקײַט. שטײַגנדיקע
קלעפּ! — — —
— וואָס האָט איר פאַרשפּאַרט די טירן, ווײַבערישע קעפּ?

און עס פּראַלן אויף די טירן אין העפּקער און אין קראַפּט —
טאַטעס, ברידער אויסגעוויקט אין רעגנס און אין זאַפּט.

14

ס'איז קיין ברויט אין שטוב ניטאָ נאָך,
שלאָף, מײַן קינד, מײַן שטײַפס.
איך קען נאָך איצטער דיר ניט זינגען
פון א פעלד, וואָס רײַפט...

פעט און זאַפטיק זײַנען פעלדער,
און אין שטוב איז לער.
נאָענט גייט ארום דײַן טאַטע,
רײַסט אויף ברייט די ערד.

גייט דײַן טאַטע נאָכן אַקער
שווער און אויסגעדרייט,
וועט כאָטש גיין בא דיר דער אַקער,
ווי אַן אַקער גייט...

דו וועסט וואַקסן, דו מוזסט וואַקסן
מיטן וווקס פון בוים.
שווערע מי וועט זײַן דײַן כאַוועך,
פעטע ערד — דײַן היים.

און ווען ס'וועט ווערן, — ווי מע זאָגט אונדז, —
גרינגע אַף גאָרער ערד, —
זאָלסטו וויסן, אז דײַן מאַמען
איז געווען שווער...

15

אין יענעם שאבעס־פרימאָרגן איז דער הימל געגאַנגען
קעשורע.
האָבן טאַטעס געדאַוונט, און זין אַף די לאַנקעס געלעגן.
האָט זיך פּלוצלינג פּארוואָלקנט, צעווײנט און צעשטורעמט:
— גוואַלד, ניכער! אָט ברעכט אויס א רעגן!

האָבן צעלאָזן זיך טאַטעס אין פּלאַטער, אין רויש פון
טאַלייסים.
און מאַמעס, און מוידן, און קינדער קונדייסים —
און אַלע מיט הענט צו דער לאַנקע...

שפּילט נאָך די זון אַף די הענט, אַפּן היי,
הייבט זיך, און שטויבט זיך, און ס'קלײַבט זיך דאָס היי,
האָפּ! — און צעוואַקסט זיך אין קופּעס.
דעקט זיך דער הימל און ס'ווערט עפּעס שטיל, —
רײַסט זיך און ס'טופּעט און טופּעט...

און ניט מיט געשרייען, און ניט אַף געשלעגן, —
א האַלב דאָרף
לויפט
אהערצו
מיט הילף.
רײַסט זיך פון הייך און פון דר'ערד א געשריי,
הייבט זיך, און שטויבט זיך, און ס'קלײַבט זיך דאָס היי.
האָפּ! — און צענומען אין קופּעס.

גייט מען שוין רויִק פון לאַנקע אהיים,
א דײַגע, זאָל שטורעם איצט שפּילן!
גייט מען צוזאַמען, מע רעדט ביז דער היים:
— „אַליע לאָוקאָיע סענאָ זראַבילי".

16

שמעקט דער שאבעס שוין מיט גרויער וואָך,
און די וואָך ווערט רויִקער פון שאבעס.
באוואקסן שוין פון לאנג מיט שטילקייט און מיט מאָך
אלע פרומע וועגן פון רעב אבעס.

נאָר אלטע זיידעס גייען נאָך אין שול,
אלטע זיידעס זיינען אלץ נאָך זיידעס.
ווערן קינדער דול, — ווערן טאטעס דול,
ווילט זיך שוין ניט שילטן און ניט ריידן.

גייט מען שטיל, געבויגן און פארטיפט,
עס ליגט די שול מיט אלע וועגט פארזונקען.
קומט אָן, און ס'יאָגט, און ס'טראָגט פון קאָלעקטיוו
א פולע פור מיט פייערדיקע יונגען.

מיט פעט־פארברענטע ברוינע הענט,
מיט בראָנזענע און אָפגעברענטע נאקנס:
— גוט־שאבעס! זיידעס, — ניט דערקענט?..
— כאָטש שעמען זיך האָט איר געדארפט, לײדאקעס!

און ס'פליט די פור, די גאס ווערט דול,
א הייב די בייטש, א פאָך, א פייף, פארפלויגן.
גייען זיידעס שטילערהייט אין שול
מיט שווערע און אראָפגעלאָזטע אויגן...

17

מיט געשטרויכלטע קני און מיט שווערן געמיט
זיינען זיידעס געשטאנען געבויגן.
איז א טרויער אראָפּ פון די ווענט, פון סופיט
און פארדעקט, און פארטרונקען די אויגן.

איז דאָ ליידיק און שטיל, איז דאָ ליידיק און הויל.
ס'קען די שול שוין קיין רו ניט געפינען.
האָבן זיידעס גערעכנט, געוואַרט און געציילט
און דערוואַרט צו פאַרנאַכט קוים א מיניען.

ווערט די שול שוין א שול, און גאָט ווערט א גאָט,
און דער קנויט קען שוין ציִען און ציִען.
איז די טפילע געגאַנגען מיט רויִקן טראָט
ביז — — —
— — — „עינינו בשובך לציון" — — —

האָט זיך פלוצלינג באַם כאַזן די טפילע פאַרמאַכט,
האָט שוין קיינער ביז סאָף ניט פאַרענדיקט.
ס'האָבן זיידעס געשוויגן פאַרשטילט און פאַרטראַכט
און געוויינט אף צעבראָכענע שטענדערס...

18

און שאַבעס פאַרנאַכט בלײַבט דאָס שטעטל אליין
און פאַרשעמט, און פאַרלאָזט, און באַליידיקט...
אַז ווּהין זאָל מען גיין, און נאָך וואָס זאָל מען גיין,
אַז אוועק זײַנען אלע אצינד פון דער היים, —
איז דאָ פרעמד, איז דאָ שטיל, איז דאָ ליידיק.

אַז אוועק איז די יוגנט די גאַנצע אין „הויף".
און צופוס, און מיט פרייד — אפּן יאָמטעוו.
דריקט זיך דאָס שטעטל נאָך ענגער צונויף
און ענגער פאַרציט זיך א בלוטיקער שלייף.
„אוי, לאָזט אָפּ, ניט דערשטיקט, האַריזאַנטן!..

יאָ, איך בין ווער איך בין, איז מיר — ווינד, איז מיר — וויי,
נאָר איך וויל ניט, איך דאַרף נאָך ניט שטאַרבן".
— — — — — — — — — — — — — —

און צו נאכט האָבן רויִקע ווינטן געוויִט,
און די לופט האָט פאַרשמעקט מיט געקאָסעטן היי,
מיט סאָף יול און מיט זעטיקע גאַרבן...

19

געקומען זיַינען געסט פון שטעטל און פון דאָרף,
און אַלע זיַינען נאָענט און פאַרשיידן,
געקומען זיַינען געסט פון שטעטל און פון דאָרף:
פּויערים און שטעטלדיקע ייִדן.

איז דאָ געדיכט, צעבושעוועט און היים,
א האַרמאָניק שריַיט, און לידער ווערן נאָענט.
דער פּאַלעץ איז דאָ גרויס, דער אוילעם איז דאָ גרויס.
— און זאָל מען גיך שוין עפענען דעם אָוונט.

— — — — — — — — — — — — — —

...האָט א שוסטער פון שטעטל דעם אוילעם באַגריסט,
האָט באַגריסט אויך א דאָרפישער פּויער.
האָט דער אוילעם געפּאַכט מיט די הענט, מיט די פיס
און געהאַקט — ביזן פּלאַצן פון אויער.

איז אַרויף אף די ברעטער א קרעפטיקער יונג
(א באַריכט פון דער אַרבעט צום יאָמטעוו),
רעדט ער און שלעפּט אַזא וואָגיקע צונג
און אינמיטן באַריכט — זיך פאַרפּלאָנטערט.

שטייט ער און שוויַיגט... אַז ער גיט דאָס א מאַך
און א פּאָך מיט דער האַנט מיט דער רעכטער.

האָט זיך א פּאלעץ מיט אוילעם צעלאכט:
— האָ־האָ! און האָ־האָ! — א געלעכטער!
— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אז געסט זײַנען פון שטעטל און פון דאָרף
און אלע זײַנען נאָענט און פארשיידן,
גיט מען זיך א שטעל אוף און א וואָרף, —
און אלע ברעכן שוין א ביינערדיקס, א דריידל...

טאנצט מען שווער צום העפּקערדיקן טאקט, —
א טאנץ אזא פון גייענדיקע וועלדער...
און נאָענט ליגט א ווייכע יולי־נאכט
גינענדיק און טוייִק אף די פעלדער.

סקופּלין — מינסק. יול 1925

פון
ברייטער
ערד

* * *

עס איז די נאכט הײַנט צארט, ווי א גיטארע,
און איך אליין ווער אויך ווי א געזאנג...
און קיין זאך טוט ניט באנק,
און קיין זאך קאָן ניט ארן
אין בלויער נאכט, ווען נאכט איז א גיטארע,
ווען נאכט איז הויך און צארט, ווי א געזאנג.

פון ברייטער ערד — ביז שטילקײַט אף די שטערן
איז אויסגעשטראלט, און אומרויִק, און שטיל,
און ס'גיסט זיך אָן א זוניקער אפריל,
און ס'ווערט מיר קארג, און כ'ווער ניט זאט פון הערן,
ווי פרילינג רײַפט, ווי ס'ציטערן די שטערן,
ווי טיף אין מיר גיסט אָן זיך דער אפריל...

ווערט זיס די לופט, און פעכיק־פעטער פרילינג
רויכערט זיך שוין ווארעם פון דער ערד, —
און ס'איז מיר גליקלעך־שווער,
און איך בין הײַנט מיט רויִקײַט באוויליקט —
שפּרייט איך אויס די הענט מײַנע צום פרילינג
און צי זיך א פארליבטער צו דער ערד...

1926

עס בליט שוין דער קאָרן

איך גיי מיט דער מעזשע און הער:
עס בליט שוין דער קאָרן...
וואַרעמע ווינטעלעך קלאָרע
רירן אָן רויִק דעם קאָרן, —
שמעקט דאָ מיט פרייד פון געבאָרן,
מיט זיסער און זעטיקער ערד...

איך גיי מיט דער מעזשע און הער:
עס וואַקסן אין שטילקייט די זאַנגען,
עס גרינט...
און לאַנג וואָלט איך, דאַכט זיך, געגאַנגען,
אַזוי ווי עס גייען די זאַנגען
מיט יונגינקע קעפּ אונטער ווינט...

1927

* * *

א ראָזע נאכט. א ראָזע יוני־נאכט
אין זיסן טוי און טויִקע פארלאנגען.
א גאנצע נאכט גייט נאָך די זון און ווארט,
און ס׳דאכט זיך אויס: די זון איז ניט פארגאנגען.

זי רעדט, זי לעבט — א לעבעדיקע הארץ,
א לעבעדיקע הארץ אין ראָזן לײַב פון צאָפן.
און ס׳איז געווען אזויפיל שטיקער צאר,
ווען ס׳איז די זון ביז מײַרעוו־ראנד דערלאָפן.

זי האָט זיך שטיל אראָפּגעלאָזט פון ברעג
און זיך געלאָזן ראָז און רויִק שווימען.
קער איך זיך צו צאָפן־זײַט און פרעג:
— אונטערגאנג, צי אָנהייב פון באַגינען?



אין ווײַסן צוויט

איך בין אוועק אין טיפן וואלד
פֿאַזעמקעס געפינען, —
האָב איך געפונען דיך אין וואלד,
ווייס איך ניט, ווּ בין איך.

ווייס איך ניט, פארשטיי איך ניט,
וואָס זאָל איך דיך פרעגן.
עס דאכט זיך אוים — אין ווײַסן צוויט
גייסטו מיר אנטקעגן.

פעלדער האָבן אויגן — לײַן,
דו האָסט גרויסע, שווארצע,
פאלט פון זיי א שטילע שײַן
און לייגט זיך אַף מײַן הארצן.

פרעג איך ניט און רייד איך ניט,
און היים ווערט מיר אין שווײַגן.
עס דאכט זיך אוים — אין ווײַסן צוויט
קרעכצן דײַנע צווײַגן...

האָב איך א גליקלעכער געלאַכט
אין ליכטיקע פארלאַנגען...
איך האָב די אויגן צוגעמאַכט
און בין נאָך דיר געגאַנגען.

ווייס איך ניט, פארשטיי איך ניט,
ווי זאָל איך זיך היטן.
עס דאַכט זיך אויס — אין ווײַסן צוויט
וועסטו מיך פארשיטן...

1927

* * *

ווייטעקדיק, ליכטיק און ראָז
אונטער גרין־גאָלדענע הימלען...
מער עסן די פערד ניט קיין גראָז, —
זיי שוויַיגן און קלייַבן זיך דרימלען.

און מיר, די, וואָס ליגן פאַרטראַכט,
מיר אַלע — די פאַסטעכער־יונגען, —
מיר האָבן א פייַער געמאַכט
און הויך דורכן פייַער געשפּרונגען.

הויך און הילכיק צעבונדן די פערד,
געיאָגט און געריטן אָן זאָטלען.
איצט ליגן מיר שטיל אױף דער ערד
און גלייַכן זיך אויס אונדזער אָטעם...

רוק איך זיך צו צו מייַן פערד
און נעם עס אַרום, מייַן געטרייַען.
אויפגאַנג אין הימל, און ערד,
און איינציקע קוילן פון פייַער.

ליגן מיר שטיל זאַלבעַנאַנד
און הייבן אָן רויִק צו דרימלען.
א גרינלעכער שטערן אין ראַנד
ברענט אינדערשטיל פֿאַר די הימלען.

לידער וועגן לידער

1

נאָך וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט זינגען לידער, —
קנאַפּ איז מיר דער אומרויִקער ווינט?..
קאָפּ מײַנער, מײַן נארישער און מידער,
קום, איך וועל דיך וויגן, ווי א קינד;

עס האָט דײַן טאטע פון לידער ניט געוווּסט גאָר,
שווערערהייט געלייענט אָם נאָך אָם — — — — — — —
וואָלסט אויך, ווי ער, געווען א פּראָסטער שוסטער,
געזונט, און ביינערדיק, און פּראָסט.

און ווען דער טאָג וואָלט זיך געשטיקט מיט פארבן,
דײַן הײַזעלע וואָלט אומוויגן דער ווינט, —
וואָלסטו, ווי ער, געזונגען בא דער ארבעט
און ניט געוווּסט אליין גאָר, אז דו זינגסט...

און גרינג וואָלט זײַן מיט מידקײַט אין די גלידער,
און אלעמאָל וואָלט דיר אין קאָפּ זײַן גרינג.
נאָך וואָס האָסטו זיך אויסגעלערנט זינגען לידער,
קאָפּ מײַנער, — מײַן אומרויִקעם קינד?

2

טראָגט יעדערער פון אונדז א שטיק מעשוגענעם אין הארצן,
און ס'איז אונדז שווער, ס'איז אונדז היים...
מיר צעעפענען די אויגן אין פײַערן אין שווארצע, —
ווערן זיי אי אומרויִק, אי גרויס.

ווייס איך ניט, פארשטיי איך ניט, פונוואנען קומט דער
אומרו,
פארוואָס עפּעס שלאָגט שווער אזוי אין שלייף,
און ווּהין מע זאָל ניט גיין, און ווּהין מע זאָל ניט קומען,
דרייען זיך די ליפּן שטרענג צונויף.

אוואדע וואָלט זײַן גוט, אוואדע וואָלט אונדז גרינג זײַן,
ווען מע קען אזוי צונויפדריקן דאָס הארץ
און מער ניט בעטן זיך, און מער ניט זינגען
און זיך אליין א זאָג טון: — איַי, דו נאר,

נאר, דו יונגער נאר, אין יוגנט און אין קרויזן
קראנק ביסטו צו זײַן געזונט און שטײַף?
און ווערט דיר שווער, — דריק צו דעם דיל און — פּויזע,
און איז דיר גרינג, — צעשרײַ זיך און צעפּײַף!

3

דער יונגער דיכטער־פאלאנגע — געווידמעט

האָבן טאטעס אלץ געמידט זיך און געשלעפּט,
שווערערהייט פארשטיקט אין זיך געשרייען.
און אונדז גענערט מיט אומרויִקע טעג,
און אונדז פארליבט אין אומרויִקע ווייען.

•

זײַנען מיר אצינדער דאָ — — —
מיט האק, מיט פּאק, מיט לעבן און מיט פלאטער,
עס רײַסט פון אונדז, עס שפּארט און שלאָגט
מיט שווערער קראפט פון הונגעריקע טאטעס...

וואקסן זינגער איצטער זאפּטיק און געדיכט,
און קומען אָן פאלאנגעס נאָך פאלאנגעס, —
עס שמעקט פון אונדז מיט אומרו און מיט ליכט,
מיט ערשטן ווּקס פון פרילינגדיקע זאנגען.

4

מיך ארט ניט, אויב די אייביקײַט וועט מיך ניט קענען,
אויב קיינער וועט ניט כאָוּוען מײַנע טריט...
אָט איצט — אצינד, ווען הערצער ברענען,
קום איך אָן מיט פויסטן אין מײַן ליד.

אוואדע וואָלט איך וועלן זיך פארזינגען,
דאָס גאנצע הארץ צעווייען מיטן ווינט, —
נאָר איך קען דאָך ניט, אז מיר זאָל גרינג זײַן,
ווען ס'איז נאָך אלעמען ניט גרינג!

איך האָב נאָך אלץ ביז איצט ניט פײַנט די שטערן,
מיט ווינטן איז מיר אלע מאָל נאָך גרינג,
נאָר איך וויל אצינד ניט הערן,
ווי ס'רוישט אף מיר א שטיפערל א ווינט.

ארט מיך ניט, אויב אייביקײַט וועט מיך ניט קענען,
אויב קיינער וועט ניט כאָוּוען מײַנע טריט, —
אָט איצט — אצינד, ווען הערצער ברענען,
דארף איך קומען מיט מײַן ליד!

5

ווי פֿליגלען פֿון א ווינטמיל דרייט זיך אום מײַן אומרו, —
עס קען מיך אַלץ ניט זעטיקן דער ווינט...
מיט פֿליגלען־הענט, וואָס װעלן מוזן קומען,
פֿלי איך אום א הונגעריקעס קינד.

און ס'איז מיר קאַרג, און ס'איז דער טאָג מיר ווייניק
מיט אַלע זײַנע פֿיר און צוואַנציק שאָ,
איך קען זיך אַלץ ניט אויסבויען קיין וווינונג
און רוק זיך אוועקלייגן: אָט דאָ.

איך וועל קיין רו שוין קיינמאָל ניט פֿאַרמאָגן,
ווי איך האָב קיין רו ביז איצטער ניט פֿאַרמאָגט...
און שפּעט באַנאַכט איך קום צו זיך און זאָג זיך:
פֿאַרבלוטיקטער, מײַן אומרויִקער, יאָג!

יאָג און יאָג ביזן לעצטן שפּור פֿון קרעפֿטן,
ביז לעצטן ריר פֿון דײַנע הייסע טעג,
און וועט א קויל א ליכטיקע דיך טרעפֿן,
וועסטו נאָך לאַנג זיך יאָגן אױף דײַן וועג.

און יעדער טריט, און יעדער בלוטיק טראָפּן,
וואָס רינט פֿון האַרצן דײַנעם צאַרט און הייס,
וועט שטיל זיך אויסלייגן בא דיר צוקאָפּן —
א גרויסע און א וווּנדערלעכע טרייסט...

* * *

שווײַגט א שטאָט אין גרוילעכן וווּנדער
און רײַסט זיך מיט שפּיצן דורך נעפּלען און רויך.
אז יעדע מינוט און אז יעדע סעקונדע
קענען דיך ווינטן א ריס טאָן אין הויך...

שפּאַנט מען אין שטרענגקײַט. מע קוקט ניט אף הינטער,
און טיפער פארגראָבט מען אין אקסלען די קעפּ.
באלטישער יאם. און געזאלצענע ווינטן
קומען פון יאם אָן מיט הילכיקע קלעפּ.

כאַפּט זיך די שטאָט אוף און וועקט: א פארפּלייצונג.
ווערט שטרענגער און הארטער בא יעדן דער בליק.
אז יעדערער שלעפּט דאָ אף האָריקע פּלייצעס
דעם אָנהייב און סאָף פון אזא מאטעריק...

נאָיאבער 1925. לענינגראד

* * *

שפּרייט זיך א וואָלקן אף בערג,
ברוינע און ברויגעזע קנוילן.
עס ווילט זיך מיר הײַנט, ווי א בער,
שטיין דאָ אנטקעגן און גרוילן.

עס שטעקט מיר אין האלדז א געשריי,
און כ׳קען דעם געשריי ניט דערווערגן.
אזוי גרויזאם און גרוים איז דער וויי,
וואָס האָט שוין באלאגערט די בערג דאָ.

קנוילט זיך און דרייט זיך א רויך,
קנוילט און פארדרייט אלע שפּיצן.
און ס׳רײַבט זיך דער פאָספאָר אין הויך,
ברעכט און צעברעכט זיך אין בליצן.

בערג, איר פארלאָשענע בערג,
זאָל פײַער אין אײַך זיך צעקלאפּן...

און כ׳שטיי, ווי א האָריקער בער,
און בײַם איצט די איינענע לאפּע...

1926

* * *

איך האָב פּלוצלינג היַינט דעם טויט דערפילט
און אָפּגעשפּרונגען צען טריט אַף הינטער. —
איך קען דאָך ניט פאַרבלײַבן שטיל,
ווי דערפעלע פאַרשאָטענעם מיט ווינטער...

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפרייט זיך און געקוויקט
מיט לעצטער רו פון צוגעמאַכטע אויגן,
און כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געצויגן צו א שטריק,
ווי ס׳ציט זיך הונגעריק אן אויפּעלע צום זויגן.

זינט איך האָב א ביסל זיך דערקענט,
רוישט אין מיר, ווי פּרילינג אַף די הרעבליעס,
און ס׳דאַכט זיך מיר — איך טראָג אין מײַנע הענט
דעם אָנהייב און די ענדע פון מײַן לעבן.

אײַ, לעבן מײַנס, מײַן אומרויִקער פרײַנט,
איך וועל מיט דיר נאָך לאַנג זיך ניט צעשיידן, —
און כ׳וועל געוויס נאָך לעבן זייער לאַנג
און עפּשער לענגער נאָך אפילע פון מײַן זיידן.

און וועט א קויל מיך טרעפן שטילערהייט,
וועט מיך די קויל געווים ניט קענען נעמען.
איך האָב עפּעס היינט דערפילט דעם טויט,
און הייב זיך אָן פאר זיך אליין צו שעמען...

פעווראל 1926

* * *

— שווײַג, — זאָג איך זיך, — שווײַג,
וואָס האָסטו זיך, באָכער, צעשריִען?
עס ווילט זיך דיר שטײַגן, — טאָ שטײַג,
עס ווילט זיך דיר פליִען, — טאָ פלי זיך!

אוואדע איז גוט דיר אצינד:
דו קענסט נאָך קיין רו ניט געפינען.
נאָר יוגנט פארגייט מיטן ווינט,
און אָוונט קומט אָן נאָך באגינען...

אין צווייט און אין פעכיקן רויך
פארלעשן זיך שטענדיק די פרילינגס —
און איך האָב זיך געענטפערט פון הויך:
„א דײַנגע! — עס ווילט זיך מיר פליִען!"

שניי־ליד

דעם צארטן גלעט פון קאלטן שניי
נעם איך היינט אויף מיט בררייטן שמייכל.
עס איז מיר גוט, — איך גיי און גיי,
און ס׳קען דער ווינט מיך ניט דערגרייכן.

עס יאָגט און ס׳טרייבט מיך אין גאלאָפּ,
מיין ברוסט ווערט פול מיט פרייד־געשרייען.
און אָט אזוי מיין הייסן קאָפּ
איך וויקל איין אין שפּיל פון שנייען.

איך טרעט דעם שניי מיט גיכן טראָט,
דער שניי דערגרייכט מיר ביז די קניִען!
איי, ווי גרינג איז איצט די שטאָט,
און איך אליין בין גרייט צו פליִען...

* * *

מײלע, — זאָג איך, — ס'איז מיר צײַט שוין
װערן רויִק און געשטעלט,
װען עס גיסט זיך אָן און צײַטיקט
טיף אין מיר אזא מין װעלט...

לײג איך צו צו ברוסט מײַן אויער
און דערפֿרײ זיך: װי עס הילכט!
אויב עס װוינט אין מיר א טרויער,
איז ער אויך פֿון בלוט און מילך...

קוק איך, קוק אַף מײַנע אקסלען,
אַף די שטײַפֿע הענט און פֿיס:
יונגער יונג אין יונגן װאקסן,
זײַ געבענטשט און זײַ געגריסט!..



* * *

איך גיי און גיי, — און ס׳רופט דער וועג אלץ ווײַטער,
אזא מין העלע זומערדיקע שטאָט!
עס איז דאָך הארבסט, נאָר הארבסט איז הײַנט געלײַטערט,
און ס׳דאכט, עס איז א פרילינגדיקער טאָג.

גיי איך, גיי איך, און ס׳ווילט זיך אלץ ארומגיין,
אז ווי קען גאָר פארגיין אזא מין הארבסט!
הויך אין לופט האָט דורכזיכטיק געקלונגען,
ווער האָט דאָס געקלונגען? — שטאָט, אָדער מײַן הארץ?

וויל איך ניט און קען נאָך גאָר ניט גלייבן, —
ס׳וועט ווינטער זײַן, און שניי, און ווײַסע קעלט.
גרינג אזוי — פארהייבן זיך די אויגן,
און כ׳קוק ארײַן אין אויסגעשטראלטער וועלט...

בלאָנד און ברוין

1

לאכסטו קלאָר און קושסט מיר ווייך די ברעמען
און נעמסט ארום מײַן טונקל־ברוינעם האלדז.
דו צערטלסט מיך, דו ווערטלסט מיך מיט נעמען,
וואָס שמעקן נאָך מיט דערפעלע, מיט וואלד...

אזויפיל נעמען צארטע, ניט געהערטע
האָט נאָך אויסבאהאלטן דײַן ריאזאן.
איך האָב געמיינט — איך ווייס שוין אלע ווערטער
און ס'איז מיר גוט דײַן מוטערשפּראך באקאנט.

לאכסטו, לאך איך, אין גליקלעכן געלעכטער
האָבן מיר זיך גליקלעכע פאַרשפּינט,
דו — די בלאָנדסטע פון ריאזאנער טעכטער,
איך — דער ברוינסטער פון די מינסקער זין...

2

וועט עס זײַן, וועט עס זײַן, —
אין געלײַטערטער פּײַן
וועסטו מײַן ערשטלינג געבאָרן.
יינגעלע דײַנס:
יינגעלע — לײַן,
יינגעלע — גאָלדענער קאָרן.

וועט עס זײַן, וועט עס זײַן, —
אין קרײַזעלעך לײַן,
מיט אייגעלעך טיפֿע און שוואַרצע.
וועט עס זײַן,
עס וועט זײַן! —
און עס וואַקסט שוין מײַן שײַן
בא דיר אונטער וואַרעמען האַרצן...

ווּ וועט זײַן זײַן הײם,
מיר ווייסן ניט אליין,
מינסק איז זײַן היים, ריאזאַן איז זײַן הײם,
די גאַנצענע ערד וועט שוין ווערן זײַן הײם...

1927

קניִענדיק

באַגעגנט מיך אַן אַלטע פֿון דער ווײַט,
אַן אַלטינקע אין פֿרומער פֿעלערינע.
גייט זי אָפּ א שטילע אָן א זײַט,
צײלעמט זיך א שטילע אָן א זײַט
און טוליעט זיך צו פֿרומער פֿעלערינע.

וועט אָנקומען די אַלטינקע אַהיים,
צופֿאַלן צו שטילקײַט פֿון איקאָנע,
און ווײנען שטיל פֿאַר צײלעם און פֿאַר טרוים,
ביז ס'וועט פֿון האַרצן אופֿליִען איר ווײ
און שטעלן זיך, ווי טויב, בײַ דער איקאָנע...

און קניִען וועט די אַלטינקע פֿאַרקלערט
מיט ווארעמקײַט און מוירע בײַ דעם האַרצן:
עס טרעט אַרום א יונג אַף מאָסקווער ערד,
טרײסלט אוף די רו פֿון מאָסקווער ערד
און שרײַט מיט קאָפּ צעלעסטערטן און שוואַרצן.

1924

* * *

וועט א קוק טון א מאמע אף זון, אף געקומענעם,
אף זון מיט באוואקסענע ברעמען, —
און מיט אויגן פארבאָרגענע פרומע
וועט זי אייגענעם זון ניט דערקענען.

אך, געווען איז דער זון אזא שטיפער,
ווי לאָשעק, וואָס לויפט נאָכן וואָגן,
האָט מיט יאָרן דער זון זיך געביטן,
איז וואָס קען שוין א מאמע איצט זאָגן?..

איז וואָס קען שוין א מאמע איצט ענדערן?..
איז איר שווער, טוט איצט ווי צו באנעמען,
פארוואָס עפּעס קוקט ער א פרעמדער,
מיט וואָס איז אים נענטער לעניִן.

וועט זי קוקן אף זון, אף געקומענעם,
אף זון מיט באוואקסענע ברעמען
און בענקען, ווי מאָכיקער ברונעם
נאָך לעצטן אנטרונענעם עמער...

1924

פון קינאָ

פרילינג. האלבנאכט. שפּעטע שאָ.
לאנגזאם וויגן זיך די שטערן.
איך גיי אהיים איצט פון קינאָ.
רויִק, רויִק. זאָל געווערן.

זאָל געווערן. העלע שטאָט
לעשט זיך, בייגט זיך און באהאלט זיך,
און מײַן שטיל־פארקלערטער טראָט
לייגט זיך ווייכער אף אספאלטן.

אין אויער ציטערט א געקלאנג,
א שפּור פון רוישיקן אנסאמבל.
גיי איך. זינג איך. מײַן געזאנג —
ניט געצוימט אין צוים פון יאמבן...

ווי ס'האָט געשווינדלט דער עקראן —
סיביר, אבכאזיע און קאפּרי.
און ס'דאכט זיך אויס — מײַן ברייטע האנט
שמעקט מיט דינקײַטן פון זאפרען...

ווערט נאכט באגינענדיק און גרויס
און הימלען — הויך און אופגעמאכט שוין.
און ס'דאכט זיך אויס, און ס'דאכט זיך אויס,
און כ'ווייס אליין שוין ניט, וואָס דאכט זיך...

1927



* * *

פֿײַכטער פֿאַרלאָרענער ווינט
אַף פֿײַכטע פֿאַרלאָשענע סקווערן.
שטיל אַזוי, האַרבסטיק און בלינד
וויגט אַ פֿאַרלאָרענער ווינט
אַ לעצטן און בלייכן לאַמטערן...
שווער ווערט הײַנט שטאָטיקער שטיין,
און ס'הילכט און ס'צעברומט זיך דער אײַזן.
איך גיי. און וווּהין זאָל איך גיין?..
שטאָט האָט פֿאַרשטיקט זיך אין שטיין,
אין וואַרעמער שטילקײַט פֿון הײַזער.
אַ לעצטער פֿאַרבענקטער טראַמוויי
אײַלט איצט אַהיים אַף געלעגער, —
שטעל איך זיך אָפּ און איך שרײַ:
— נאָענטער, מידער טראַמוויי,
שווער אונדז אין האַרבסטיקן רעגן?
הערט ער זיך צו — און פֿאַרשווינדט
מיט שלאָף און מיט מידקײַט אין גלידער.
אַ נאַכט האָב איך דאָן מיטן ווינט
געיאָגט אַזוי מאָנענדיק־בלינד, —
צוויי נאָענטע, לײַבלעכע ברידער.

1925

* * *

לעצטער קלונג! צעטומלטע מינוטן — — —
און ס׳טראָגט דער צוג די שווינדלדיקע לענג,
מענטשן — פּעק, באַיאָרטע און בארוטע
האָבן זיך צעלייגט דאָ אױף די בענק.

פּיל איך זיך דער שוואכסטער און דער קלענסטער
אין ציכטיק אויסגעכאָוועטן קופּע.
איך קען מײַן קאָפּ ניט אָפּרײַסן פון פענצטער,
איך קוק זיך אײַן און וויים ניט, וואָס איך זע...

הינטער פּלייצע — מענטשן און געלעכטער,
פרייליך שווענקען זיך די לעפעלעך אין טיי.
און ס׳דאכט זיך מיר — עס ליגט דאָ א פארשוועכטער
מײַן קינדערישער אײַנגעגלייבטער וויי.

וויי, מײַן וויי — א שעפּעלע א ליבינקס
וואלגערט זיך פארבלוטיקט און פארצוקט,
זײַ ריידן לאנג מיט זאטקײַט אױף די ליפּן,
בעט איך זיך בא זיך אליין: גענוג!

זיי שלאָפֿן ניט און ווילן זיך ניט לייגן,
זיי ריידן פּעט אין טײַנעגן פֿון יאם.
גאָרנישט, האָ? און שטילערהייט פֿארבייגט זיך
מײַן מידער קאָפּ אין מידקײַט איבער ראם...

אָוונט פֿאַרביקער

אָוונט פֿאַרביקער און זון־פֿאַרגאַנג,
אָוונט פֿאַרביקער אױף מײַנע אױגן,
יוגנט מײַנע — ליכטיקער געזאַנג,
יוגנט מײַנע — העלע און צעפֿלױגענע,
װי אַ פֿולער, זומערדיקער זאַנג
הײבסטו אָן אין רײַפֿקײַט זיך צו בײגן...

דערזע איך זיך — איך שװים איצט אױף אַ שיף
און בײג זיך טיף אַריבער די פּאָרענטשן.
דער ברעג איז װײַט, דער גרונט איז טיף,
הײב איך אָן אַ גליקלעכער צו בענטשן —
דעם ברעג, די װײַט, די רױזלדיקע טיף,
מײַן גרױסע בענקשאַפֿט נאָך אַ מענטשן...

אין בענקשאַפט נאָך אַ מענטשן

סטעפּ, און סטעפּ, און ווידער סטעפּ,
ווילדע זון אין ווילדע קלאָרקײַט,
עס דאכט זיך אויס, דאָ האָט געלעבט:
זון און ווינט און — ווײַטער גאָרניט.

הארט דאָס גראָז און שאַרף די לופט,
שטיל דאָס עטעמען פון מענטש.
און גרויסע שטילקײַט שרײַט און רופט
מיט גרויסער בענקשאַפט נאָך אַ מענטשן.

די שטילקײַט הילכט, ווי אין אַ גלאָק,
און רונד אַרום אויף מײַלן הערט זיך,
דאָ ווילט זיך טרעטן, ווי אַן אָקס
מיט שווערער שטילקײַט אויף די הערנער.

פאַרוואָרפן ליגט נאָר ווו אַ דאָרף,
און ווידער — סטעפּ, און ווידער ווילדקײַט,
און כאַפּט זיך אויף אַ פּעטער דראָף,
דערשרעקט ער אויך זיך פאַר דער שטילקײַט.

אַז ניט קיין בוים און ניט קיין וואַלד
אין זאַטער טויִקייַט און בענטשונג,
דער גאַנצער סטעפּ דאָ ליגט צעשטראַלט
און וואַרט אין בענקשאַפט אױף אַ מענטשן...

יעוופּאַטאָריע, 1926

האלבער טאָג

הענגט א זון אן אָפּענע איבער אלע קעפּ,
ס'וועט דעם טיפן הימל הײַנט קיין כמארע ניט פארגיסן.
איך האָב א קרוג א לויטערן מיט שטילקײַט דאָ פארשעפּט,
טראָג איך אים א פולינקן צעווישן קיפּאריסן.

קיינער, — אויסער מיר און זון און בלוילעכן קרישטאָל,
און קיפּאריסן וווּקסיקע אָן שאָטנס אין די צווײַגן.
א וועג א שלענגל־שמאָלינקער פירט מיך אָפּ אין טאָל,
פון אונטער יעדן טראָט מײַנעם רינט א קלאָרער שווײַגן...

אַזויפיל רו און לויטערקײַט איז הײַנט אױף מיר אַראָפּ,
קען איך מער ניט אײַנהאלטן, און הייב זיך אָן צו בייגן...
שטיל האָט זיך אוועקגעלייגט אױף א שטיין מײַן קאָפּ,
און א שמייכל מאכט שוין צו מײַנע הייסע אויגן.

1926

דורך זון

1

גייען שעפּסן פון פעלד,
און עס טרײַבט זיי דער ווינט.
עס וואַרט אפן ברעג
זייער בראָנזענער פּאַסטעך.
דער יאַם איז צעהעלט
און צעוויקלט און לינד,
יאָגט ער צום ברעג
און צום בראָנזענעם פּאַסטעך.

יאָגט א וועל נאָך א וועל
און פאַרגיסט זיך אין שוים
און דורך זון, און דורך גאָלד —
יאָגט צום בראָנזענעם פּאַסטעך. —
דאָס לויפן פון פעלד
זײַנע שעפּסן אהיים,
ווי זיי האָבן עס האָלט
זייער בראָנזענעם פּאַסטעך...

און זיי קומען געשווינד,
מיט די קעפּ — אָן דעם ברעג,
און צעשיטן זיך העל
לעבן בראָנזענעם פּאסטעך.
טרײַבט שוין דער ווינט
נײַע שעפּסן פון פעלד,
און ס'וואַרט אפן ברעג
זייער בראָנזענער פּאסטעך...

1926

2

דער ווינט קלאַפּט אין שויבן און שרײַט,
טעמפּ הילכט דער יאַם אָן די ברעגן.
איך הער, און מיר דאַכט זיך — ניט ווײַט
גייט איצט א הילכיקער רעגן.

עס וואָיעט. א ווײַטער געוויין
קומט און — אוועק און — פאַרלאָזן.
בענקט זיך פונדאַנען אהיים,
ווו ס'ברענען שוין אָפּ די בעריאָזעס.

דאָרטן מוז איצטער זײַן האַרבסט,
געדיכטער די נעפּלען און כליופּיק.
און ס'צינדן זיך פײַערלעך צאַרט
אין שטילע, פאַרוויינטע כאַלופּעס.

מע שפּאַלט דאָרטן פּעכיקן קין,
און ס'פּאַליעט שוין פריילעך דער אויוון.

איך עפן די פענצטער: א ווינט
און וואַרעמע שטערן פון אויבן.

3

ווי דער אומעט איז גרוי, — אזוי גרוי איז דער יאם.
ווי עס וואָיעט דער יאם, אזוי וואָיעט דער אומעט,
איך רײַס זיך פונדאנען און צי אויס מײַן האנט, —
זײַנען אַלע אוועק און מיך ניט גענומען.

גיי איך אום דאָ אַליין אפן ברויגעזן ברעג,
ווארף א שטיין נאָך א שטיין אין פארשלונגענע טיפן.
און עס דאכט זיך מיר אויס — מײַנע מונטערע טעג,
ווי גאָלדענע, גרויסע, פארשווומענע שיפן...

איז די יוגנט געווען, — איז די יוגנט אוועק,
זײַנען ברידער געווען, — און אוועק זײַנען אַלע.
איך וויל ניט אַליין אפן ברויגעזן ברעג,
איך וועל זיך נאָך ווארפן אין ווײַטן מעהאַלעך.

מײַן לעבן איז שטארק, ווי דער שטרענגער נאָרד־אָסט,
און קרעפטן פאראן נאָך — אף שטורעם און שטאָרם.
ניט לאנג איז א וויי און א שטילער פארדראָס
פארקראָכן אין מיר און צעטומלט געוואָרן.

ווערט מיר גוט, ווערט מיר הויך. אין געיאָג, אין געיעג
ווארפט און וויגט זיך דער יאם און ער וויל זיך צעשטויבן.
שטיי איך דאָ הויך אפן שוימיקן ברעג,
אין ליכטיקן ווארטן און קלאָרער דערהויבונג...

4

װעל, װעל, װעל, װעל,
כװאַליעס, קװאַלן, קװעלכעלעך.
איך און שיף, און בלויע װעלט
און יאַם — אין װײַסע פּעלכעלעך...

שוים־שװים, שוים־שװים,
שוימט די שיף און שאָקלט זיך,
און איבער מיר — אַ דינער װינט:
אַ מעװע אַ צעשראָקענע.

אופֿגעדעקט און אָפּגעדעקט
יאָגט די ראַכװעס שוימענדיק.
איך האָב פֿאַרלאָזן הײַנט דעם ברעג, —
איז דער יאַם מײַן װױנונג איצט.

ס'איז מײַן לעבן דאָ מיר גרינג,
װי דעם יאַם, װאָס שפּיגלט זיך.
איך קען ניט אויסהאַלטן — און זינג,
און פּלוצלינג כ'װער אַנשװיגן גאָר.

איך האָב שוין אויסגעשמירט די הענט
אין גאָלד אין בלױלעך־פּליסיקן.
אַזױפֿיל זון, אַזױפֿיל בלענד,
און מײַנע אויגן שליסן זיך...

װעל, װעל, װעל, װעל,
כװאַליעס, קװאַלן, קװעלכעלעך.
איך און שיף, און בלויע װעלט
און יאַם — אין װײַסע פּעלכעלעך...

1929

האַרבסט

1

איך זאָג אַזוי: אין אָנהייב האַרבסט
ווערט נאָענט ליב דער זומער.
פֿון קילן שלייף ביז טיף אין האַרץ
גייט אויף און ס'בלײַבט אַן אומעט.

אַזאַ מין ווייַ, אין לעצטן טאָג,
אין לעצטן ביסל העלקײַט, —
געווען אַ זון, און איז ניטאָ
און שווײַגט שוין אַ פֿאַרוועלקטע.

ווי זאָל איך איצט באַדויערן די פֿרייד,
דעם קילן טאָג — דעם ערשטלינגל פֿון האַרבסטן.
אַ טאָג גייט אויף, אַ טאָג פֿאַרגייט,
און ס'בלײַבט אַ שטילקײַט אין מײַן האַרצן...

2

הײַנט איז מיר גוט דאָ. הײַנט קען איך שווײַגן.
איך זיץ אונטער הימלען און הער:
ס'פּאַרענדיקט שוין ברענען דער האַרבסט אין די צווײַגן
און שיט זיך אַראָפּ אױף דער ערד.

די זון הענגט נאָך הויך אין די בלוילעכע הויכן, —
דער ווינט איז שוין לופטיק און פריש.
און ס'ווייעט אַ קילער, געלײַטערטער שמייכל
אין גאָלדענעם בלעטער־געמיש.

ווײַסע בעריאָזעס אין ליכטיקע קרוינען —
ליכט, וועלכע ווערן פאַרברענט...
און ס'דאַכט — אַזאַ דורכזיכטיק־ריינער
בין איך נאָך קיינמאָל ניט געווען.

בענטש איך די גנעדיקע זאַטקײַט פון פאַרבן,
מײַן רו, וואָס גייט אױף און ווערט גרויס.
און ס'איז מיר הײַנט ליכטיק און גוט, ביז צום שטאַרבן:
די ערד גיב אַ קוש און גיי אויס!..

1927

3

אַ טאָג האָט גערעגנט. און טיף אין דער נאַכט
געדיכט איז דער רעגן געגאַנגען.
איך האָב ניט געקענט מער, און פײַער געמאַכט,
און שטילער די שויבן פאַרהאַנגען.

איך האָב זיך נאָך קיינמאָל מיט זיך ניט פאַרשפּאַרט,
מיט זיך אויג־אויף־אויג ניט באַגעגנט.
זיץ איך אַצינדער אין שטילקייט און וואַרט.
וואַרט איך. וואָס וואַרט איך? עס רעגנט...

איך האָב שוין איצט עטלעכע ביכער געליייענט
און האָב זיי אַליין ניט באַנומען,
דאָס, וואָס עס האָט אין מיר גליקלעך געוווינט,
איז נאָך צום וואָרט ניט געקומען.

איך בין דאָ ביז איצטער צעשלײַדערט און יונג
און וויג זיך אין אייגענע קוויכעס,
די גאָלדענע רײַפקייט, וואָס ליגט אפן צונג,
באַלד וועט צום וואָרט שוין דערגרייכן...

1928



* * *

איציק פעפערן

מאָרגן וועל איך אופשטיין
גלײַך מיט דעם באגינען
אופנעמען די שטראַלנדיקע גנעדיקײַט פון ראנד.
מאָרגן וועל איך ווידער זיך א ליכטיקן געפינען,
א ליכטיקן, א לויטערן
מיט לעבן אין דער האנט.

עס האָבן אף א ווײַלינקע פארלאָזן מיך די לידער,
איז אין דעם אן אומעטיקע ליידיקײַט פאראן.
קען איך שוין ניט אײַנזיצן,
שלײַדערט מיך שוין ווידער
איבער שטעט און שטעטלעך —
צופוס און מיטן באן.

פײַערלעכע אָוונטן אף ליכטיקע עסטראדעס,
לייען איך און לייען,

ביז איך ווער ניט מיד.
אין גאָר מײַן גאַנצער אופריכטיקייט בין איך זיך מיסוואָדע
און זינג ארוים פאר אלעמען
דעם יאָמטעוו פון מײַן ליד.

הילכיק אפלאָדירט מען, —
נאָר עס איז מיר ווייניק.
הילכיק אפלאָדירט מען, —
און עס ווילט זיך ווײנען...
פײַערלעכקייט, פײַערלעכקייט, פײַערלעכקייט, ליכט —
און כ'פארדעק אין שעמעוודיקער שטילקייט מײַן געזיכט...

1928



* * *

אָוונט און טויִקער אָטעם,
שטילקײַט און ווארעמע נאכט,
איך און מײַן טונקעלער שאָטן
זײַנען אינצווייען הײַנט וואך.

כ'גיי אף די שפּיץ פון די פינגער,
און ס'ווילט זיך וואָס גרינגער הײַנט גיין.
ס'ווילט זיך הײַנט שווײַגן, און ס'זינגט זיך,
זינג איך ביז קלאָרן געוויין.

כ'וועל עפּשער נאָך ווערן אנשוויגן
און ווארטן ביז שפּראָץ פון פארטאָג.
מײַן ווארעמער, קרעפּטיקער ניגן
זאָל ניט בלײַבן
אין מיר
ניט דערזאָגט...

* * *

...מײַן ליד, וואָס האָט טאָמיד געהילכט
און געשמעקט מיט בעריאָזע און ערד,
האָט פֿלוצלינג זיך איצטער פֿארקלערט
און טוליעט זיך שעמעוודיק־שטיל.

איך צעבײַס זיך די פֿינגער ביז ביין,
ביז בלוילעכע צייכנס פֿון וויי.
עס דערהערט זיך באנאכט א געשריי —
איך הער און איך שעם זיך אליין.

אוי, איך ווארט שוין אַף שטרענגקײַט פֿון שטאָל,
אַף פֿעסטן געבוי פֿון צעמענט.
איך ווייס, עס וועט שטארק זײַן מײַן קאָל,
ווי בורלאקישע, בראָנזענע הענט...

1929

* * *

גייסטו פֿאַמעלעך אהיים פֿון דער ארבעט,
לעשן זיך זוניקע גאָלדענע גארבן
הינטער די ווּקסיקע דעכער און שויבן,
און ס'עטעמט די לופֿט מיט פֿארמאטערטע טויבן...

שוין זײַנען די ראָגן צעהעלט און צעצונדן,
דו הייבסט אוף פֿארמאטערט די אויגן אין ווּנדער,
דו קוקסט אף די גאסן, דו גאפֿסט אף די ראָגן,
עס זײַנען די הײַזער מיט בויונג באשלאָגן.

ערשט נעכטן — צעוואָרפֿענע קרומע און אלטע,
הײַזעלעך קליינע אין כורבן באהאלטן.
און הײַנט וואקסט א מויער א יונגער, א שטאָלצער,
און ס'פֿראוועט די פֿרייד דאָ איר ליכטיקן מאָלצײַט...

עס זײַנען נאָך פֿײַכטע און רויע די ווענט דאָ,
עס שמעקן מיט זויערער לופֿט די צעמענטן.
ווילסט ניט אוועקגיין, קענסט ניט אוועקגיין:
עס גייט איבער דיר אזא זוניקער רעגן...

און גייסטו אהיים ערשט אין טיפֿן באַגינען,
קענסטו אַליין זיך דאָס גליק ניט פֿאַרגינען.
דו קוקסט, ווי עס לעשן זיך לופֿטיקע שטערן,
דו זינגסט, און דיך אַרט ניט, און זאָל מען דיך הערן.

1929

צווישן די העכסטע

אין שטיוול יוכטאָווע, פארשמירט אין צעמענט,
מיר שטייען אף הויכער מישקוילעס פון ווענט.

אף העכסטן געקלעטער, אף שטאָל און אף שטיין,
מיר קנעטן די ראכוועס, ווי האָרכזאמע ליים.

אין ארבעט — פארטראָגן, אין פראצע — פארטאָן,
ווערן געזעטיקט די ווענט מיט בעטאָן.

פונדאנען פארוואָרפן מיר העכער די קעפ
און קוקן, ווי ס'לויפן אין לופטן די טרעפ...

און פלוצלינג, אינמיטן, מיר בלײַבן פארטראכט,
עס ווילט זיך דערלעבן, דערבויען דעם דאך...

און גוט איז צו פילן — אין וווּנדער פון שײַן,
צווישן די העכסטע אויך מיר וועלן זײַן.

1929

אין דײַנע הײַזלעך...

1

ניט דערפֿאַר, ווײַל דאָ איז ענג,
וואָלט איך צו דיר, מײַן שטעטעלע, געקומען
נאָכאַמאָל אַ קוק טון, ווי דו בענקסט
אין שטילן דורכזיכטיקן אומעט...

וואָס האָב איך, שטעטעלע, פֿון דיר געוואָלט,
וואָס האָב איך, שטעטעלע, מיט דיר געטײַנעט, —
איך האָב געוואָלט אין שטיין און שטאָל
דיך אָנטון, שטעטעלע דו מײַנס.

איך האָב געוואָלט, דײַן יעדער שטוב
זאָל אויסוואַקסן אין שטאָלצע גאָרנס,
און דו זאָלסט מער ניט שווײַגן שטום
אויף דײַנע אויסגעלעבטע יאָרן...

ניט דערפֿאַר, ווײַל ס'ווערט איצט לינד,
און מײַ צעגיסט זיך אויף די גאַסן,

פיל איך זיך איצט שטיל און גרינג
און קען דיך, שטעטעלע, ניט האסן.

בא דיר מוז איצטער אויך זײַן מײַ.
כאָטש דו מוזט אַלץ אים רופן סיוון,
און ס'בלויט דער הימל סײַוויסײַ
אַף אַלץ, וואָס איז נאָך דאָ פאַרבליבן...

2

דאָס גאַנצע שטעטעלע — א יאָמטעוודיקע ליכט,
דערברענט איר שטילן וואקס, וואָס טריפט נאָך אַלץ
מיט האָניק,
איך גיי דאָ אום מיט רו אַף מײַן געזיכט
און כ'ווער הײַנט פול מיט שטילקײַט פון דערמאָנונג...

דאָ האָט אמאָל א יינגעלע געלעבט
און ס'האָט דאָס יינגעלע נאָך ניט געוווסט פון זאָרגן,
הײַזלעך פלעגן אופהייבן די קעפּ
און שטילערהייט אים ענטפערן: — גוטמאָרגן.

און ס'איז געוועזן אים ניט גוט, ניט שלעכט,
עס איז געוועזן אים נאָר גלאט אזוי זיך...
אין אויסגעשטערנטקײַט פון ווײַסע נעכט
האָט ער אַף געסעלעך געפרייט זיך.

מיט אויגן אָפענע, מיט אָפן הארץ
האָט ער א טוייִקער געוואכט דאָ,
און ניט געוווסט האָט ער, ווי ליבט מען האס,
ווי קען מען בענטשנדיק פאראכטן...

...איצט וואָלט דאָס ייִנגעלע זיך ניט דערקענט
און ניט דערקענט וואָלט איך אים אויך מיסטאמע.
גוט, ווען ס'לעבט נאָך דאָ אין רו פֿון ווענט
אונדזער אומעטיקע מאמע.

3

איך בייג דאָ אײַן מײַן יונגן קאָפּ און שווײַג,
און ס'קען מײַן האַרץ קיין רו זיך ניט געפֿינען,
שטעטל־שטעטעלע, מײַן אָפּגעדאַרטע צווײַג,
ווידער ווילסטו אָנהייבן צו גרינען.
גיי איך דאָ אום אַ שטילער גאַסט און שווײַג.

און ס'טוט מיר באַנק, עס טוט מיר זייער באַנק
און כ'בין אַזוי יעסעניִנען מעקאַנע:
אויך מיר וואָלט זיך דאָך ווען אין געזאַנג
קומען און דיך אָנרופֿן: מײַן מאַמע,
עך, דו שטעטעלע, ווי ס'טוט מיר באַנק.

אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר, איך שטיי שוין בײַ דײַן סאָף,
און אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר, דו ווילסט ניט שטיין געבויגן,
און דײַנע הײַזעלעך, ווי אויפֿגעוואַכטע שאָף,
עפֿענען די קײַלעכדיקע אויגן
נאָך אַ שטילן, זומערדיקן שלאָף...

שטעטל־שטעטעלע, מײַן קינדערשער אַמאָל,
איך האָב געוואָלט דערזען דיך אין ברענען,
נאָר ווער עס האָט געשאָלטן דיך אַמאָל,
וועט שוין מוזן דיך פֿאַרשאָלטן קענען,
שטעטל, שטעטעלע, מײַן קינדערשער אַמאָל...

1926

4

אווגוסט. איך בין אין שטעטעלע געקומען.
איז אווגוסט קיל, און דורכזיכטיק, און בלוי,
צו אָוונט רויכערט זיך א שמייכלענדיקער אומעט,
און פארטאָג גייט אוף דאָס שטעטעלע אין טוי.

ס'איז לופטיק־גרינג אין זומערדיקן נעפּל,
פון הייכן ווייט מיט ווארעמקײַט און ליכט,
סע שמעקט די לופט מיט ווײַניק־קלאָרע עפּל,
און אין הארצן ווערט אויך ווײַניק און געדיכט...

איך האָב ניט לאנג געשאָלטן און געפלוכט דיך,
ליגסטו איצטער, שטעטעלע, פארשטילט...
גיי איך ארום אין רויך פון צוויט און פרוכטן,
און אווגוסט ליגט דאָ דורכזיכטיק און קיל.

1925 אווגוסט



מיט לײַב און לעבן

(פּ אָ ע מ ע)

...איך האָב געוואָלט אין שטיין
און שטאָל
דיך אָנטון, שטעטעלע דו מײַנס...



דאָס ערשטע קאַפּיטל

МЫ — МОЛОДАЯ ГВАРДИЯ...

לופּטיקע הימלען, צעוויקלטע, קלאָרע,
לופּטיקע, קלאָרע — אין האַרבסטיקן אומעט.
סקריפּעט דער וואָגן אין לאַנגזאַמען פאָרן. —
ווען וועט זי אָנקומען? ווען וועט זי קומען?

שווער ווערט דעם זאַמדיקן לאַנגווײַל פאַרטראָגן
וויאָרסטן — און וויאָרסטן — און וויאָרסטן — און ווידער...

זי טוט זיך א הייב און א וואַלגער אין וואָגן
און טוליעט צונויף אירע דאָרשטיקע גלידער...

...פיר יאָר... און פאַרענדיקט... פאַרגאַנגענע רויכן,
און ווייטעקדיק־העל איז געווען דער אַרויסלאָז...
זי וועט נאָך אין שטעטל א פרווו טון די קויכעס,
זי וועט נאָך א פרווו טון! זי וועט נאָך א רויש טון!

און גוט איז צו פילן, — זי קען זיך פאַרמעסטן,
מיט לײַב און מיט לעבן אַרײַן אין דער אַרבעט.

שטעטעלעך־שטעטלעך, פאַרוואַרלאָזטע נעסטן,
איז עמעס, אז אלע איר מוזט שוין צעשטאַרבן?

און עפּשער איז דאָרטן אזוי גאָר ניט גרויזאם,
און ס'קענען זיך שטעטלעך נאָך פּאַשען, ווי ציגן?
היי, באַלעגאָלע! צי קענסטו דעם ניגון?!
און ס'זינגט זיך א פרייליכס פון „200 000"!

די שווארצכיינעוודיקע גויע

א שטעטעלע מיט געסלעך און מיט גאסן,
און אלץ קען מען אדורך פאר צוועלף מינוט,
מע האָט שוין דאָ פון וועמען איצט צו שפּאסן:
— זע נאָר,
— הער נאָר,
— קוק זי אָנעט —
— נו? — — — —

און זי איז גרייט געווען די גרעסטע מאסע נעמען,
זי האָט אליין געבעטן זיך — אין העק.
וואס טוט מען איצט?
און וואס?
מיט וואס?
מיט וועמען?
ווען אלץ איז נאָך מיט ווילדפלייש דאָ באדעקט.

האָט זי ארויסגעקלעפּט א ייִדישע מוידאָע,
האָט זיך געשמאַק דאס שטעטעלע געלאכט:
„איר זעט?
אָט די שווארצכיינעוודיקע גויע
וויל אויסלערנען די קינדערלעך טאנאך".

און ווען מע האָט כּאַדאָרים דריַי געפֿונען
און איין מעלאַמעד האָט מען נאָך באַשטראָפֿט,
האָט זיך דערפֿילט: ס׳איז עפּעס וואָס אַנטרונען
און עפּעס וואָס האָט אופֿגעוואַכט פֿון שלאָף...

איז דער מעלאַמעד געקומען צעטומלט
און — מאַנט...

„איר טראַכט נאָך?..
נאַט אײַך אַ מעסער:
קוילעט! — וועט ווערן כּאָטש לינדער.

קען דען אַ טאַטע פֿאַרגעסן,
ווי ס׳הונגערן אייגענע קינדער...

איך וועל זיי אײַך ברענגען אַהערצו,
און פֿרייט זיך מיט אײַער ניצאָכן:
איר האָט דען נעשאָמעס? צי הערצער?״..

„ברענגט!
און זיי לערנען...
אליין איר...
מיר דאַרפֿן דאָ האָבן אַ שוימער״.

איז דער מעלאַמעד געוואָרן צעטומלט,
געזעצט זיך.
פֿאַרבליבן געבויגן.
אין זײַנע פֿאַרלאָפֿענע אויגן
שטיל האָט געוויגט זיך דער אומעט...

„גוט“, — האָט געזאָגט דער מעלאמעד.
„גוט!“ — האָט געענטפערט דאָס מיידל,
און פּלוצלינג דערפילט האָבןביידע:
אין שטוב איז געוואָרן געראמער...

אפן פּריפּעטשיק ברענט א פייערל...

„א יינגעלע דארף זיין מיט כאָכמע פול,
דארפן מיר ניט האָבן אָט דעם יידיש“.
האָט דער טאטע ניט געוואָלט די שול,
האָט די מאמע ניט געוואָלט די שול,
און ס'האָט דאָס יינגעלע זיי אָנגעקוקט פארכידעשט...

האָט דער טאטע זיך געבייזערט: „ניין!“
האָט די מאמע זיך געבעטן: „ניין!“
און ס'האָט דאָס יינגעלע געמאָנט אליץ בא דער מאמען.
א גאנצע נאכט האָט שטיל דאָס יינגעלע געוויינט
און גאנצפרי אוועק אין שול אליין, —
און לערנט זיך מיט אלעמען צוזאמען.

גייט זי דורך די גאס

גייט זי דורך די גאס,
ווייזט מען מיט די פינגער,
קייכט מען און מע שפּאסט:
„קוקט נאָר אָן: א יינגל!“

„קוקט נאָר: קורצע האָר,
און קוריץ מוז זיין דער סייכל“.
„גוטמאָרגן!“ — „א גוט־יאָר!“
זי גייט פארביי און שמייכלט...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

„אויב ניט נאָך העכער"

דורכזיכטיק. אומעטיק. אין שײַן
דערברענען שוין די אָוונטיקע ליפּעס...
וואָס וועט זײַן? — עס וועט באַלד יאָמטעוו זײַן,
די הײַזלעך גיסן אָן זיך מיט יאָמקיפּער.

אין גרויע הײַזלעך ברענען ווײַסע ליכט,
און ווײַסע ייִדן גייען צו קאָלנידרע.
און ס'האָט די לערערן דערפילט זיך אומגעריכט
אַזוי אַליין. עס יאָמטעוון נאָך ייִדן, —

באַלד וועט בא זיי ווערן העל אין שול,
און אַפן גאַס — איז אויסגערוט און ליידיק.
זי האָט זיך היים אַ ריס געטון פון שטול,
ווי ס'וואָלט זי עמעץ ווייטעקדיק באַליידיקט...

אין אויסגערוטער בלויקײַט פון דער נאַכט
שטייען קאָמיוגיסטן אין איין בינטל.

— פארוואָס האָט מען קיין אָוונט ניט געמאכט?
— וווּהין זאָל מען זיך, כאַווערטע, אהינטון?

— אזוי, אזוי, און עפּעס מוז מען טון,
אך, כאַוויירים ברידער, מײַנע יאטן!
זי איז אוועק.
געבראכט מיט זיך א פאָן,
און ס'האָט די פאָן, ווי זי אליין, געפלאטערט.

און איינס נאָך איינס,
און איינס נאָך איינס,
האָט מען צעשטעלט זיך אין דער לענג,
און איינס נאָך איינס,
און איינס נאָך איינס —
פארזינגען זיך שוין אלע...

און ס'האָט דער הימל הויך א בלוילעכער געבענקט,
און שטערן זײַנען בלוילעכע געפאלן...

דערנאָך, —
ווען ייִדן זײַנען זיך פון שול צעגאנגען,
האָט זיך יעדערן געדאכט:

אין גרויסער שטילקייט פון דער נאכט
גייט אויף א ליכטיקע פאלאנגע,
גייט אום א ליכטיקע פאלאנגע
אין ווײַסן ווונדער פון דער נאכט.

און ס'האָבן ייִדן זיך פארטראכט...

יוגנט־יוגנט

יוגנט, יוגנט, דורכזיכטיקע יוגנט,
פריידיק איז צו גיין מיט דיר באַנאַנד.
דאָ לעבט אין שטעטעלע אַזויפיל שטיקער יוגנט,
גייט דאָס אום און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט.

וואָס זאָל מען טון?
וווּהין זאָל מען אַהינטון
אַזויפיל יונגע און געזונטע הענט?
און פאַרנאַכט —
צעיאָגן זיך דאָ ווינטן
און קלאָגן אויף די שטעטלדיקע ווענט...

...האָט זי געפּרוּווט! — געמאַכט דאָ אַ פאַרזאַמלונג,
זי האָט גערעדט, פון וואָס זי האָט געקענט.
און ס'האָט זיך איר געדאַכט:
זי שטייט דאָ, ווי אַ מאַמע,
און ציט צו זיי אין ליבשאַפט אירע הענט...

זי האָט מיט ווערטער צערטלעכע און האַרבע
דערציילט זיי, ווי מע שטייט בײַ אַ מאַשין.
און זיי —
האָבן געבעטן בײַ איר:
— „אַרבעט" —
אַלע אירע הונגעריקע זין...

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך!

פרימאָרגן.
נאָכיאָמטעוו.
זי זעט:

אפן גאס —
א הײַפּעלע ייִדן — אין שווײַגן.
הײַזער — אין וואָלקן, הימל — אין אש,
נאקעטער הארבסט — אין די צווײַגן...

מע האָט דאָ א פּולינקן וואָגן באגלייט,
א וואָגן — מיט היים און מיט טומל,
שעמט מען זיך ריידן...
מע קוקט שטילערהייט,
ווי ס'ציִען זיך טראקטן אין אומעט...

מע רײַסט זיך פונדאנען אין אָפּענער וועלט,
אלע, און אלע, און אלע...
און ס'דאכט זיך איר אוים: ס'איז דאָס שטעטל
א שוועל,
וואָס פירט נאָר אוועק צו וואָקזאלן...

אלה תולדות מאָסקווע

און דאָס איז די צאָל פון די מענטשן,
וואָס זײַנען אין מאָסקווע געפאָרן:
פיר קרעמער, איין שויכעט, אכט מיידלעך,
וואָס ווילן אין מאָסקווע שטודירן,
מעלאמדים דרײַ־פיר, און צוועלף באָכרים,
וואָס זוכן אין מאָסקווע אן ארבעט,
און דאָבע־די־גראָבע מיט קינדערלעך פינף —
צום מאן, צום קוסטאר, איז געפאָרן,
און ביילקע — צום גוי, צו איר מאן,
וועלכער לערנט אין דער אקאדעמיע,
און בערעלע־ביק, וועלכער איז שוין
א יא־טעבע־דאס דאָרט,

יע, און דער ראָוו, אַט דער אַלטינקער ראָוו,
אויך ער כאַפּט אַראָפּ זיך אין מאָסקווע.
און קומט ער צוריק מיט מאַטאָנעס־נעדאָוועס,
דערציילט ער דערנאָכדעם אַ גאַנץ יאָר,
אַז —
„גוט איז אין מאָסקווע, ווייל איז אין מאָסקווע,
גוט איז און ווייל צווישן ייִדן...״
— — — — — — — — — — — — —
גוט איז אין מאָסקווע, ווייל איז אין מאָסקווע, —
טײַנען און בעטן זיך אַלע.

דאָס דריטע קאפיטל

אין שנייען

דער שניי האָט געיאָמערט, דער שניי האָט געריסן
אומעטיק און ברויגעזדיק פארהויבן די שטימע.
האָט זיך געדאכט איר: זי זיצט דאָ אין טפיסע,
זי וועט שוין ניט קענען אנטלויפן פון צימער...

הינטערן פענצטער שפאנט אום א וועכטער,
שפאנט אום א וועכטער אין הילכיקן שפאנען,
שפאנט ער, דער וועכטער, אין וויַיסן געלעכטער,
אין וויַיסן געלעכטער פון וויַיסע בוראנען.

שארפע מעטעליצעם און שנייען־זאווייען
האָבן פארשאָטן שוין אלץ, וואָס געווען דאָ.
זיַינען אין שטעטל פארבליבן נאָר צווייען:
זי — און דער שטורעם דער וויַיסער, וואָס בלענדט דאָ —
— — — — — — — — — — — — — — —

...אין שטילקיַיטן איר צימער.
צינדט זי אָן א ליכט,

און ס'ווערט דאָס צימערל באַקאַנטער און גערעמער.
שאָטנס ליגן זיך אַף איר געזיכט,
אַף העפטלעך דינינקע,
אַף דיאַגראַמעס.
דאָס האָבן קינדערלעך מיט ציטעריקע הענט
פון האַיאָר די גערעטעניש פאַרצייכנט.
לייענט זי.

און אַף די דאַרע ווענט: —
מענדעלע
און לענין — אין א שמייכל.

און הינטער פענצטער — ליגט א ווייַסע נאַכט,
און ווייכע שנייען ליגן זיך און ליגן.
עס האָט די לערערן אין מידקייַט זיך פאַרטראַכט.
דער שלאָף בלייַבט שטיין א קלאָרער אין די אויגן...

וואָס זאָל זי טון? ניט זיכער איז איר האַנט,
און זי אַליין מיט וויסן ניט באַלאָדן.
געפּרוווט האָט זי מיט פאָרכט דעם דאַלטאָן־פּלאַן,
און עפּשער האָט זי אָנגעטון נאָך שאָדן...

ע, זאָל זייַן! און ווי ס'וועט זייַן, וועט זייַן.
כאַוווער דאַלטאָן, איַי דו, כאַוווער דאַלטאָן.
און ס'דאַכט זיך אויס — אַזויפיל שטיקער שייַן
ליגן אין די העפטלעך באַהאַלטן...

וועט זי דאָס אויסגראָבן! און אַף די דאַרע הענט
ברענגען פאַר די קינדערלעך אַף שטענדיק.
האַלבע נאַכט.
די ליכט האָט שוין דערברענט,
און זי האָט נאָך איר אַרבעט ניט פאַרענדיקט...

וואכט איר קאָפּ פארבויגן און פארקניט
אױף װײַסקײַט טונקעלער פון בויגנס.
און ברוינע מאנדלען שווימען מיד
אין גאָלד אין ווארעמען פון אירע אויגן...

דריטער לימעד

אין די הימלען שווימען בלויע רויכן,
ווײַסער פראָסט, — ווי צוקער אױף די ציין.
ווײַסער שניי־טאָג. הייבט זי אָן צו שמייכלען
און פארכאפט זיך. הייבט אָן ווידער גיין...

גייט זי אום א גרינגע איבער צימער,
אנטקעגן פענצטער לײַכט א רויטע זון.
ווען ניט איר מידע אָפּגעהאקטע שטימע,
וואָלט זיך גלייבן: זי מוז גאָר זײַן געזונט...

הערן קינדער. שרײַבן אין די העפטן.
דריטער לימעד בא דעם דריטן קלאס.
ווײַסער שניי־טאָג — אויסגערוטע קרעפטן
קײַקלען זיך אום קלאָרערהייט אין גאס.

מידע שטימע. העפטן. קינדער הערן.
ווײַסער שניי־טאָג, און דער הימל בלויט...
אױף איר ברוינעם, אָפּגעדעקטן שטערן
זעצט זיך שטיל א לײַכטער, דינער טוי...

א טאטע — בלייבט א טאטע

עס האָבן קינדער געשפּילט זיך און געזונגען,
איז די האַלבע שאָ אדורך און — גאָר!
עס האָט דער שוימער שוין אין גלעקל הויך געקלונגען
און געבליבן שטיין אין קאָרידאָר.

12 אזייגער. עס גייט דער פּערטער לימעד,
עמעץ לייענט שעמעוודיק און גרין.
12 אזייגער.
„וועמעס איז די שטימע?
יע, אוואדע, —
עס לייענט דאָך זײַן קינד.

עט, ס'איז גאָרנישט.
ציבעלע מיט בלאָטע.
זייער לערנען!..
ס'איז דאָך גאָרנישט ווערט".
נאָר אין פאָטער שמייכלט שוין דער פאָטער,
שטעלט ער אויף זיך,
נעענטער,
און — הערט:

„קינדער, קינדער, טײַערע קונדייסים,
איר האָט נאָך ניט באוויזן ווערן מיד,
וואָס וועט זײַן, ווען איר וועט ווערן גרויסע,
וועט איר ויסן, וואָס עס איז א ייִד?"
שווײַגט ער, הערט ער,
אויגן ווערן קלערער...
ער וואָלט מיט פרייד צו זיי אצינד אַרײַן.

שווײַגט ער,
הערט ער,

ס'ווילט זיך זיי ניט שטערן.
„קינדער־קינדערלעך, געזונט זאָלט איר מיר זײַן!"

און ליכטיק זאָל זײַן!..

מאמעס זײַנען מאמעס, — זײַנען זיי ניט בייז,
נאָר די טאַטעס קוקן שווער און ברויגעז:
וואָס וויל מען דאָ פון זיי?
וואָס מאָנט מען דאָ פון זיי?
מע לאָזט זיי גאָר ניט אויסרוען א שאַבעס.

און פּיזשיקלעך,
זיי פילן זיך,
ווי גרויסע,
שטייען זיי און נעמען אוף די געסט.

— האָט א ייִנגעלע געלייענט א „באַריכט",
האָט א מיידעלע געלייענט א „געדיכט",
האָבן עלטערן געשוויגן און געשמייכלט.

דערנאָך האָבן די קינדערלעך געזונגען,
דערנאָך האָבן די קינדערלעך געטאַנצט — — —

און לייבע דער שמיד, אָט דער האָריקער בער,
איז געזעסן, געשוויגן, געקוקט אף דער ערד.

און שווער זיך געדרייט די פּאַרויכערטע באָרד.
גיט ער זיך פּלוצלינג א שטעל אוף פון אָרט,

א זעץ איבער טיש און א זעץ זיך אין ברוסט:
„כ'וואָלט אויך דאָך די אויסיָעס די שוואַרצע געוווּסט.

האָט מען מיך לערנען אמאָל ניט געקענט?!"
און האָט זיך פארהאקט, און האָט זיך פארשעמט,

אוועק אָן א זײַט, זיך געזעצט אף זײַן אָרט
און געדיכט זיך פארדרייט אין דער אייגענער באָרד.

לייענט מען, הערט מען, עס פאלט צו די נאכט,
איז לייבע ארויס און ס'איז לייבע ארײַן,
פון ערגעץ א לאָמפּ אהערצו געבראכט:
„וואָס זיצט איר אין כוישעך? — און ליכטיק זאָל זײַן!"

האָט דער אוילעם צעלאכט זיך: „איי, לייבע דער שמיד,
עס איז דאָך נאָך שאבעס און דו ביסט א ייִד".

איז לייבע געבליבן פארלאָרן, און הויך
האָט דער אוילעם געלאכט, און געלאכט האָט ער אויך...

די עקסקורסיע איז פארענדיקט...

„...קינדערלעך פרייליכע, פון אומעטיקע הײַזער,
נאקעטע און באָרוועסע מיט בלויע־ברוינע פּיאטעס,
קומט מיט מיר, קינדערלעך, קומט, איך וועל אײַך ווײַזן,
ווי ס'לעבן דאָ אין שטעטעלע די הונגעריקע טאטעס.

מיר וועלן דאָ הײַנט אויסציילן די הײַזער און די הויפן,
און וועלכע קראָמען לעבן נאָך און וועלכע מוזן פאלן.
מיר קענען דאָך שוין רעכענען: כיבער־כיסער־קייפל,
און טיילן קענען אלע שוין?" — „יע, מיר קענען אלע!" —

זײַנען זײ געװעזן שױן באַם שנײַדער און באַם שוסטער
(װײסן דאָס די קינדערלעך און — „אױך מיר א מעציִע!״).
דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט: א הײַזעלע — א פּוסטקע,
נאָך אײנס, און נאָך אײנס — אױף אױסגעדרײטע קניִען.

האָט זי געטראַכט א װײַלע דאָ, און לאַנג האָט ניט געדױערט.
„װײסט איר גאָר װאָס, קינדערלעך,
די עקסקורסיע איז פאַרענדיקט!״
עס װילט זיך ניט, אז קינדער זאָלן קענען אָט דעם טרױער, —
קינדער דאַרפן אױסװאַקסן אין ליכטיקע לעגענדן...

?...

װאָס דאַרף איך שאָף און רינדער,
אז א רינד בין איך אלײן. — —
— — — — — — — — — —
קינדער מײַנע, קינדער,
שװער מיט אײַך צו גײן.

װאָס קען איך און װאָס דאַרף איך
און װאָס איז מײַן פאַרמאָג?
װוּהין װעט אײַך פאַרװאַרפן
דער מאָרגנדיקער טאָג?

עס איז דאָך אײַך געגעבן
אזױפיל אױף דער ערד.
איר װעט נאָך עפּשער לעבן
אױף די אוראַלער בערג.

און עפּשער װעט גאָר טולע,
און עפּשער װעט גאָר קרים

אופנעמען מיט פולן
אָט די נײַע זין...

און איר וועט ווערן גרעסער,
און העכער — דער געמיט...
און איר וועט מיך פארגעסן,
און עפשער... וועט איר... ניט...

שווײַגן מײַנע קינדער
און מיינען, אז איך וויין. — — — —
קינדער מײַנע, קינדער,
איך בין א קינד אליין...

דאָס פערטע קאַפּיטל

בלוי און שניי...

גוט, ווען דאָ וואָלט עמעצער געווען,
ער וואָלט בא איר געווען איצט דער שענסטער.
זי האָט אין טונקלקייַט איר צימער ניט דערקענט,
און ס'האָט א צי געטון זי נעענטער צום פענצטער...

אָוונט שוין. דער פראָסט גייט אוף געדיכט,
און ס'ברענט צעקרימט דער איינציקער לאמטערן...
אין צווייטן הייַזל צינדט מען אָן א ליכט,
און זי פונדאנען קוקט נאָך אף די שטערן.

— — — — — — — — — — — — — —

קיינער וועט ניט קומען הייַנט באנאכט,
קיינער וועט ניט אָנקלאפּן אין פענצטער.
זי האָט פון זיך אליין הייַנט שטיל געלאכט
און אופגעמאכט די ווינטערדיקע פענצטער...

בלוי און שניי.
און שווייַגנדיק־צעשטראלט

ליגט דער ווינטער בא איר פענצטערל דערוואַרעמט.
בלוי און שניי. אין צימער איז שוין קאַלט.
און טיף אין איר איז אופגעוואַכט און וואַרעם...
— — — — — — — — — — — — — —

„שטיי, בולאַנער מײַנער, שטיי!
דו וועסט מיר באַלד צעברעכן נאָך דעם שליטן״ —
טרייסלט ער פון זיך אַראָפּ דעם שניי
און פאַרוקט נאָך העריקער דאָס היטל.

און די לייצעס בינדט ער צו צום פּלויט
און פאַרדעקט דעם האַלבן זאַק מיט האָבער.
„אָט א פראָסט! וואָס איז מיט אײַך די פרייד?
איר וועט זיך דאָך פאַרקילן! א כוואַראָבע!

מע האָט מיך פון אָרטעל נאָך אײַך געשיקט,
עס האָבן זיך די ווײַבער דאָרט צענומען!
זיי האָבן זיך א גאַנצן טאָג געקריגט,
ווילן זיי, אַז איר זאָלט ווידער קומען!״

שטייט א באָכער אָנגעגורט אין פּעלץ
און דרייט אין האַנט דאָס ווינטערדיקע היטל.
און זי שטייט אוף,
און דורך דער ווײַסער קעלט
גיט א ברען א הונגעריקער ציטער...

ווײַסקייט

א ווײַסע לעוואָנע, א גרויסע, א שטומע
האָט פּלוצלינג א שטיק פון דעם הימל פאַרנומען.

א ווײַלע געטראַכט, זיך דערשלעפּט ביזן מיטן
און גיך זיך געלאָזן דעריאָגן דעם שליטן.

א וויאָרסט נאָך א וויאָרסט — און עס שיטן זיך שטערן,
און סאָסנעס אנטקעגן — פארווייעטע בערן...

שליטן, דו שליטן, — אין זילבערנע רויכן,
דיך יאָגט א לעוואָנע און קען ניט דערגרייכן.

שליטן, איַי־שליטן, איַי־שליטן, איַי־שליטן,
עס יאָגט זיך די ראכוועס, און דו ביסט אינמיטן.

וועל איך דערציילן איַיך א מיַיסע,
וועלכע וועט געשען באלד.

נאכט
און שטערן,
קלאָרע וויַיסקיַיט,
קלאָרע וויַיסקיַיט און א וואלד.

זיצן זיי באצווייט אין שליטן,
און דער שליטן — אין געלויף...
יונגע בלוטן, יונגער ציטער
האָט דערגרייכט שוין ביזן שלייף...

וויַיסע נאכט — אין פערלמוטער,
וויַיסע שטילקיַיט איבער זיי.
„איַי, דו באָכער, איַי, דו גוטער,
וואָס זשע זיצסטו שטיל אזוי?"

„איַי, דו מיידל".
„איַי, דו באָכער".
„באָכער־מיידל, מיידל־מויד".

איז דאָס פערד אין שניי פארקראָכן
און עס גייט שוין שטילערהייט.

זאָל עס גיין זיך!
נאכט — אין ליבע,
נאכט ווערט היינט פון היץ צעשפּאָרט.
איז דער שליטן שטיין געבליבן,
און דאָס פערדל שווייגט און וואַרט.

גוטמאָרגן, וועלט!

א וועג — אין שניי, אין בלענד, אין בלוי,
אין שטיקער זון און שטיקער רעגנבויגן.
עס האָט דער שניי היינט אויפגעשטראַלט אזוי,
פאַרמאַכן זיך פון ווייסקייט אירע אויגן...

עס שמעקט דער פראָסט מיט האָניק און מיט וויין,
דאָס רויק־פעלד איז אָפּגעדעקט און העלט שוין.
„גוטמאָרגן, וועלט, געגריסט זאָלסטו מיר זיין!"
זי וויקלט זיך נאָך ווארעמער אין פעלץ איין.

עס שווימט דער הימל דורכזיכטיק און טיף,
דער באָכער פייפט און שווייגט אין זיך פאַרלאָרן.
פונוויטן זעט זיך שוין דער קאָלעקטיוו,
ער שוימט, ער שווימט מיט הייזלעך און קלאָרקייט...

הערט אונדז אויס!

דער אוילעם האָט פאַרקליבן זיך אין פאַלעץ.
דער קאכלנער קאמין האָט געברענט.
איז א גאָלדענע שטילקייט געפאַלן
אויף אלטע פארויכערטע ווענט.

אויף הארטע, פארברענטע געזיכטער,
אויף פעטע, פארפלאָנטערטע בערד.
ס'האָט דער אוילעם זיך געטוליעט געדיכטער
און געשוויגן פארטראכט אויף דער ערד.

האָט איינער געקײַט א קארטאָפל,
דער צווייטער — די אייגענע באָרד.
„זע נאָר,
איר ווערט דאָך אנשלאָפן,
זאָל עמעצער נעמען א וואָרט!"

א... א... און ס'האָט די שטילקײַט זיך צעשאָטן
אין פלאָנטער פון צענדליקער הענט.
און ס'בייגן און ס'קרימען זיך שאָטנס
אויף טונקל-באלויכטענע ווענט...

„רויִקער, נאָר ניט געטומלט!
(און דער אוילעם האָט געריסן זיך פון דיל)
אלע ווערן ווערטער הײַנט באקומען!
איינציקווײַז!
איינציקווײַז".
שטיל.

„הערט אונדז אויס, — און זאָל אונדז ווערן גרינגער,
רעדט צו אונדז, — און זאָל אונדז ווערן לײַכט.
מיר מאָנען ניט, מע זאָל אונדז נאָר באזינגען.
מיר בעטן ניט, מע זאָל אונדז מאכן רײַך.

וואָס מיר ווילן? און וואָס מיר קענען ווערן? —
מיר ארבעטן, און האָבן אונדזער ברויט.
נאָר אָפטמאָל כאפט אונדז אָן אזא מין עלנט,
פארבענקט מען זיך נאָך לעבעדיקע רייד.

און פּלוצלינג גיט א צי צוריק אין שטעטל,
און ס'הייבט אָן נאָיען דאָ אין הארצן
טיף...

ווילט זיך עפּעס,
כ'ווייס אליין ניט,
בעטן:
„ברידערלעך, ס'איז שווער אין קאָלעקטיוו".

איז אין מאכלויקעס אויך פאראן א טײַנעג,
און גרינגער ווערט, און ס'טוט ניט אזוי וויי.
איך האָב זיך, עפּשער, צופיל שוין צעטײַנעט,
מיילע,
נו,
פארצײַיעט!
אָט אזוי".

— — — — — — — — — — — — — — — —

געשמעקט האָט מיט שניי און מיט שטאָלן.
דער קאכלנער קאמין האָט דערברענט.
איז א גאָלדענע שטילקײַט געפאלן
אף אלטע פארויכערטע ווענט,

אף שטילע, פארטראכטע געזיכטער,
אף פעטע, פארפּלאָנטערטע בערד.
איז די שטילקײַט געוואָרן געדיכטער
און געבליבן מיט זיי אף דער ערד.

און זי דערזעט...

דער פארהאָרעוועטער קרײַז איז געזעסן און געהערט,
און זי האָט ניט גערעדט, זי האָט נאָר הויך געקלערט...
אז אָט, אויך זי דערפילט זיך פּלוצלינג שוואך.

און ווען אין ווײַסער שטילקײַט ליגט א ווײַסע נאכט,
פארווילט זיך איר ארוף צום קלויסטער־גלאָק און — באך!..

מע קלינגט,
מע קלינגט!
מע קלינגט!!

און מעשענע געשרייען

קײַקלען זיך און קלאַנגן אין דער הייך.
באלד וועט זיך א שטעטעלע א ווײַסינקס דאָ דערפרייען,
וויקלען און פארוויקלען זיך אין רויך.

מע וועט זיך רײַסן
פון די הײַזער,
פון די שטעטלעך

און אין פלאם ארײַנוואַרפן דעם סקארב.

און מע וועט רעטן,

רעטן,
רעטן,
און צום אלטן שטעטל: — שטארב!

פון די זומפּן,
פון די גרונטן,
פון די בלאָטעס
וועט מען אָנפירן דאָ פעטע בערג מיט טאָרף,

און ס'וועט א לעבן זיך צעוואקסן דאָ געראָטן
אין דאמף... אין רויך...

און כּיִעם איבער דראָטן,
ווי ווארעם בלוט וועט צושטראָמען צום דאָרף...

— — — — — — — — — — — — — — —

און עפּשער גאָר דערפאר, ווייַל זי האָט הויך גערעדט,
און עפּשער גאָר דערפאר, ווייַל ס'איז געווען שפּעט,
און ווייַל די ווינטער־נאכט איז אופגעגאנגען קלאָר, —
האָט פּלוצלינג זיך דער קרייַז א שטעל געטון פון אָרט!..

און זי האָט זיך פארהוסט... זיך אָנגעכאפּט באם הארצן...
און איז געוואָרן רויט און נאָכדעם בלייך און בלאסער
און שטילערהייט געבעטן: „א־א ביסל וואסער!"

צוריקוועגס

צוריקוועגס.
ווינטערדיקע רויכן.
פון שליטן ביז די שטערן הערט זיך:
שטילע שנייען, ווארעמע און ווייכע
לייגן זיך מיט פרייד אף יונגע הערצער...

ליגט דער וועג אין קלאָרקייַטן פארשאָטן,
און ס'הילכט דער פראָסט אף דורכזיכטיקע מייַלן.
ווילט זיך לאכן!
אייַלנדיקער אָטעם
רויכערט זיך געדיכט אין יונגע מייַלער...

„פאָר שוין גיכער" —
האלט ער איין די לייצעס.
„פאָר שוין גיכער" —
וויל ער ניט און רייצט זיך.

„היי־דו, הער־דו, לאנג וועסטו נאָך שטומען,
לאַנג וועסטו אזוי נאָך אף מיר קוקן?"
זי האָט זיך הויך א שטעל געטון און — „נו־קא!"
און די לייצעס הונגעריק צענומען.
האָט דאָס פערד א ריס געטון און טראָנט זיך,
האָט די ערד א ריס געטון און יאָגט זיך,
וויקלט־זיך־און־וואקלט־זיך־און־וויגט־זיך,
וויקלט־זיך־און־וואקלט־זיך־און —
וויאָ־אָ!
— — — — — — — — — — — —

און דאָס שטעטעלע רעדט...

אזוי האָט מען נאָכדעם אין שטעטל גערעדט,
אזוי האָט מען נאָכדעם דאָס מיידל בארעדט:

...שטילקייט און בלויקייט און זיי זאלבעגאנד,
און הינטערן פענצטער דאָס פערד איז געשפאנט.
„קום, זאָגט ער, לאָמיר איצט פאָרן אין דאָרף,
מײַן עמעסע ווײַב וועסטו ווערן און — גאָר,
אז קוק, וואָס דו האָסט פון מיר, מיידל, צעמאכט"...

און זי האָט זיך הילכיק און הילכיק צעלאכט:
„א ליבע צו פירן איז טאקע קעדײַ,
נאָר מיר, זאָגט זי, ווילט זיך זײַן האָפעררדיק־פרײַ.
קום, זאָגט זי, מאָרגן צו מיר אפדערנאכט.
„נו?" — פרעגט דאָס מיידל דעם באָכער און לאכט.
„נו? — זאָגט דער באָכער און שעמט זיך און לאַ־אכט.
גיב מיר א וואָך אף באטראכטן די זאך".
„נא דיר א וואָך אף באטראכטן די זאך".

דערנאָך פֿלעגט ער קומען שווין פֿון קאָלעקטיוו
אָן כופּע, אָן קדושן, — איר האָט א באגריף?
אָן כופּע, אָן קדושן — ס׳איז גוט שוין און רעכט.
אזוי האָט דאָס מיידל איר לעבן פֿארשוועכט.

אזוי האָט מען נאָכדעם אין שטעטל דערציילט,
און דאָס האָט מען נאָכדעם אין שטעטל דערציילט.

דאָס פינפטע קאפיטל

א בריוו פון מאָסקווע

— — — — — — — — — —

...אין אָנפאנג קום איך דיר צו לאָזן הערן,
אז מיר זײַנען גאָט צו דאנקען — רײַך.
מיר כאפּן נאָך פון הימל ניט קיין שטערן,
נאָר מיר פילן זיך מיט אלעמען צוגלײַך.
דאוונען דאוון איך דאָ נאָענט אין א מיניען,
און די מיניאָנים זײַנען דאָ פארפולט.
געבענטשט זאָל זײַן דער אלטיטשקער קאלינין, —
מע זאָגט, אז ער פארהיט דאָס אונדזער שול.
האנדלען האנדל איך ניט ערגער, ווי אין שטעטל,
און פיל שוין ניט, געלויבט איז ער, קיין נויט.
קום צו פאָרן, לאָז זיך לאנג ניט בעטן,
האָסטו אויך א זאטן שטיקל ברויט.

— — — — — — — — — — — — — —

א בריוו קיין מאָסקווע

פּ׳ ויחי.

לכבוד... און... נ״י.

עד היום פּיל איך זיך נאָך זייער שוואך,
איך וועל שוין דאָ דערלעבן מײַנע יאָרן,
שוין שפּעט פאר מיר צו לעבן אין א כרך.
מע טאָר אַף קיינעם גאָר ניט בעטן קיין מפּלה,
און זאָל דאָס זײַן דער ערגסטער באָלשעוויק.
אָט ארבעט איך פּאוואָליע אין יעווּשקאָלע —
און גאָרנישט. ס׳איז נאָך אויך א שטיקל גליק.
איך האָב געמיינט, עס ענדיקט זיך מײַן וועלטל,
איך וועל שוין מוזן מיט דער טאָרבע גיין.
און איצט בין איך געוואָרן אַף דער עלטער
א שומר און א חבר פון פאריין...
איך ווייס, דו וועסט פון דעם ניט וועלן הערן,
דו וועסט מיך באלד שוין האלטן פאר א גוי.
די קינדער מײַנע זײַנען פּיאָנערן.
מיינסטו וואָס? און גאָרנישט. אָט אזוי.
נו, גענוג. עס קלעקט ניט קיין פּאַפּיר.
גרים זוגתך, זײַ געזונט.

ממני — — —

יע, מען זאָגט, אז דאָרט, אין מאָסקווע, קען מען
פראנק־און־פרײַ גיין אָנקוקן, ווי לענין
ליגט נאָך אלץ אין אוהל ניט גערירט.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

ווען מע גייט אום אַליין...

קיינער ניט. קיינער ניט. שניי.
נאַכט אין אַ בלויליכן דרימל.
אַ שאָ שוין און צוויי, און זי גייט
אַליין אונטער זילבערנעם הימל.

קיינער ניט.
קיינער ניט?
אַ־אַ־אַ? — —
— — — — —

די שטאָט איז מיט מענטשן הײַנט זאַט,
אַ רעגן פון ליכטיקע פײַערן...
זיי גייען פון ברייטן אַרבאַט
און גייען אַרויס אויף טווערסקיי־ע.

שליטנס און אויטאָ־געלויף,
טאַבונען, טראַמוויי־ישע באַנדעס

קומען זיך פּלוצלינג צונויף
און גייען זיך ווידער פאַנאַנדער.

און ס׳הילכט, ווי א וואַרעמער גרוס,
דער אָנקום פון נײַע טראַמווײַען...
גייען זיי ביידע צופוס
אונטער א רעגן פון פײַערן.

ראָז ווערט דער וואַרעמער שניי,
וואַרעם און נאָענט די ראַכוועס...

רופט זיך אָפּ איינער פון זיי:
„די אונטערשטע שורע — וואָס מאַכסטו?

לעבסטו נאָך אַלץ אין דעם העק
און לערנסט נאָך ייִדיש די קינדער?
און זיי וועלן נאָכדעם אוועק,
און אַלץ וועט אַף שטענדיק פאַרשווינדן...״

שטעלט זי אים אָפּ און זי רעדט:
„אײַ, האָסטו ריכטיק באַהאַנדלט!
מע קען דאָך אין ליכטיקע שטעט
די קליינינקע שטעטלעך פאַרוואַנדלען!״

רופט זיך אָפּ איינער פון זיי — —
— — — — — — — — — — — —
קיינער ניט.
קיינער ניט.
שניי.

נאַכט — אין א בלווילעכן דרימל.
א שאָ און צוויי, אַז זי גייט
אליין אונטער זילבערנעם הימל...

הײַזער — אין שנײ און אין פראָסט.
געסלעך — פארשנײט און פארװײעטע.
צו װעמען איר שטילער פארדראָס,
איר שטילער בארויִקטער װײטעק?

צען מאָל, עלף מאָל גערעכט:
מיטן פּאָנעם צום דאָרף און צום שטעטל.
נאָר אין װײַסע פארזױבערטע נעכט
קומט מען צו זיך און מע בעט זיך:

טײַערע, בלײַב דאָ ניט מער,
דו קענסט זיך פארליבן אין טרױער.
און ס'װילט זיך צו פּראָסטיקער ערד
צוליײגן װארעם דעם אויער.

ערגעץ הילכן דאָך ליכטיקע שטעט,
און יעטװידער שטײנדעלע שײַנט דאָרט...
צו װעמען איר שטילער געבעט,
איר שטילע בארויִקטע טײַנע?..

זאָל עמעצער קומען אהער
און העלפן איר שלעפּן די לאסטן!
ברידער גרױסשטאָטישע, — שװער!
איך בין נאָך צו דעם ניט דערװאקסן.

מײלע, און גוט װעט נאָך זײַן.
זי זאָל זיך נאָר פילן געזינטער.
און ס'גײט אױף א פּראָסטיקע שײַן
און לײגט זיך אװעק אפן װינטער.

ראַט צי סאָוועט

(פּראָטאָקאָל)

ס׳האָט די נאַכט מיט זאַווייען געשטיפּט.
אַ צוועלפער אַ לאָמפּ האָט געברענט.
אין ענגשאַפט פון הילצערנע ווענט
איז יוגנט הײַנט וואַך און פאַרטיפט.

מע האָט זיך אויף דעם שוין געריכט:
ס׳דאַרף זײַן דאָ אַ ייִדישער ראַט.
נאָר מע ווייסט נאָך ניט דאָ אַקוראַט,
ווי עסט מען אַזאַ מין געריכט.

האָט יעדער געטראַכט און גערעדט,
האָט יעדער גערעדט און געטראַכט.
מע וואָלט דאָ אַ מיטינג געמאַכט
און דעם אוילעם דערציילט פון סאָוועט.

האָט די לערערן נאָכדעם גערעדט,
און געפרעגט האָט זי איינער אַ יאַט:
„ס׳איז ריכטיקער — ראַט צי סאָוועט?"
און זי האָט געענטפערט אים: „ראַט".

ס׳האָט די לערערן ריידן געקענט
און אויף ייִדיש די זיצונג געפירט.
דער „צוועלפער" האָט רויִק געברענט.
די נאַכט האָט געוואַכט בײַ דער טיר.

ס׳האָבן ווינטן געווייט אויפן גאַס
און פאַרגאַנגען אין שטילן געשריי.

„ווי זאָגט מען אף ייִדיש — נאַקאַז,
לערערקע, נו, וויאַזוי?”

האָט די לערערן פריִער... געטראַכט,
האָט די לערערן נאָכדעם... געקלערט.
און יונגען, זיי האָבן געלאַכט:
„וואָס הערט זיך, געלערנטע, שווער?”

האָבן יונגען צום ערשטן געלאַכט.
האָבן יונגען דערנאָכדעם געלאַכט,
האָט די לערערן מער ניט געטראַכט,
ס'האָט די לערערן אויך זיך צעלאַכט
אינמיטן פון שטייַגנדער נאַכט.

פאַרשטעלונג...

...מע האָט גערעדט, ווי מע רעדט —
און דעם מיטינג פאַרענדיקט.
און גוט! און גענוג! און דערלאַנגט דעם ספּעקטאַקל.
פאָרהאַנג.
עס ברענען שוין פייַערלעך־פאַקלען,
און קינדערלעך שפּילן דאָ אויס א לעגענדע:

קומען אָן יונגען אין בלויען געקליידעט,
מיט העק, און מיט האמערס, און קרעפּטיקע לאָמען.
היי, געסלעך, איר קליינע, איר קרומע, איר לאָמע,
בראָך! — און מיר ברענגען אייַך מייַסעס אין פריידן.

בראָך! — און ס'צעשיטן זיך שטויביקע שטיבער
און קלייניקע געסלעך — צעשטויבט און צעשראָקן.

וואקסט אוים א הויכער, א שטיינערנער גיבער, —
א הויכע פאבריק אף געמויערטע שטאָקן.

אין פונקען, אין פיבער, אין פײַער, אין בלענד,
אין פונקען, אין פיבער — די שטיינערנע ווענט.

זינגען די יונגען:
„פארבראָנזעטע הענט,
הייסע פארפעציקטע ארבל.
גוטמאָרגן, גוט־ברידער! איר האָט ניט דערקענט?
מיר גייען דאָס איצט פון דער ארבעט.

מיר האָבן דאָ הויכע פאבריקן צעבויט,
צעשטעלט זיך מיט פרייד בא מאשינען,
איז געוואָרן שוין הארט אף די דלאָניעס די הויט —
טא־נא־נים, טא־נא־נים, טי־נאם!

אין פונקען — אין פיבער — אין פײַער די ווענט,
גייען די יונגען און הייבן די הענט,
גייען און הייבן די מוטיקע הענט —
טא־נא־נים, טא־נא־נים, טי־נאם!" — — — —

— — — — — — — — — —

האָט דער אוילעם זיך פארקוקט און גיט זיך ניט קיין ריר,
האָט דער אוילעם דעם אָטעם פארטײַעט.
און זי האָט פון בײַדל געפירט און סופלירט,
פארשפארט און געבויגן אינדרײַען...

צו...

...פון דעם געגוג. און איצטער נאָ דיר פאַקטן.
איך אַרבעט שוין אַליין באַ דער מאַשין.
דו ווייסט עפּשער, זי רופט זיך סעליפאַקטער,
אַ לענגלעכע, אַ ליכטיקע, זי שפּינט.

זי שפּינט, זי שפּינט, און ס'שפּילן זיך די שפּינדלעך,
און פֿעדעם ציִען זיך אין דינינקן געדריי.
ריַיסט זיך איינער, — גרינגערהייט פאַרבינד איך,
און ווידער ציִען זיך די פֿעדעם לאַנג אין ריי.

געדענקסט, ווי ס'פלעגט דיַין מאַמע שטענדיק שפּינען,
די אויגן מיד און בלינדערהייט געבלענדט? —
איז מיַין מאַשין... זי קען זיך שוין פאַרגינען...
אַרבעטן פאַר טויזנט פלינקע הענט...

אַ ראַכוועס איז אַזאַ אַף איר פאַרצויגן,
זי וויגט זיך אום אין פלינקער פלאַפּלעריַי.
פאַרמאַכן זיך אַ וויַילינקע די אויגן —
שמעקט מיר דאָ מיט סאָסנע און מיט מיַי.

און ווידער — רויש, און שפּינדל־לויף, און ליכטיק,
און שפּינדלעך וויקלען זיך אין לאַנגזאַמען געוועט.
דו לאַכסט פון מיר: איך שריַיב דיר, ווי אַ דיכטער, —
גענומען דאָס באַ איינעם אַ פּאָעט.

ווערסט ציַיט האָבן, טאָ וואַרף אַריַין צוויי ווערטער,
און טאָמער ניט, — כ'פאַרגיב דיר דעם פאַראַט.
וואָס טוט זיך עפּעס איצטער אַף די ערטער?
גריס די יאַטן און זיַי אויך אַ יאַט!

פון...

איך לייקן ניט. מיר איז נאָך שווער,
און ס׳פּרייט שוין ניט, ווען עלטערע פאראכטן...
נאָר אָפּטמאָל דאכט זיך מיר: מײַן פּיצל ערד
איז אויך אין קאָן פון איצטערדיקע שלאכטן.

און ס׳ווערט מיר גרינג. פארשאָטן דאָ אין שניי,
וואָלט איך מײַן פרייד דאן אלעמען פארטרויען...
וואָס ווייסטו, מענטש איינער, ווי ס׳טוט מיר ווײ,
ווען שטעטלעך שווײַגן נאָך אין שטילן טרויער.

דו ביסט די ערשטע שטעטלדיקע שוואלב,
דו וועסט אין מי אן אָרט זיך שוין געפינען.
און עפּעם דאכט זיך מיר אז באלד־און־באלד
און ס׳וועלן שטעטלעך זיך שטעלן בא מאשינען.

און איך? — איך ראנגל זיך, איך ארבעט דאָ, און — גוט!
מע זאָגט — איך האָב זיך דאָ מיט עמעצן פארפלאָנטערט.
גאָרנישט. ס׳הוסט זיך נאָך. ווי זאָגסטו דאָרטן? — מוט!
און שטענדיק דאכט זיך מיר, אז מאָרגן דארף זײַן יאָמטעוו.

יאָ, ס׳איז ראדיאָ בא אונדז שוין דאָ,
און ס׳איז א קלוב בא אונדז שוין אויך פאראנען.
ווען דו וואָלסט אויסשרײַען צו מיר: א־ל־ל־אָ!
וואָלט איך — א־ל־ל־אָ! — דיר ענטפערן פונדאנען...

דאָס זיבעטע קאפיטל

גייט זי דורך די גאס

גייט זי דורך די גאס,
ווײַזט מען מיט די פינגער,
גייט זי דורך די גאס,
הייבט מען אָן צו זינגען:

רעב באצקעלעס טעכטער
לאך־צי־די־רײַ,
די בײַכלעך ווערן העכער,
לאך־צי־די־רײַ,
בא איינער אָט אזוי —
לאך־צי־די־רײַ,
בא דער צווייטער אָט אזוי —
לאך־צי־די־רײַ.

מע רעדט. זאָל מען ריידן!
כ׳וויי, וואָס מען רעדט.
— שוין איינמאָל א מיידל.
— אנטלײַ איר א בעט.

— און ווינדעלעך האָט איר? —
— אײַ, לאָזט מיך צורו!
— און ווער איז דער פֿאָטער? —
— ניט איך און ניט דו...
— טאקע? — געווים, נו!
— אײַ־אײַ, מיטאמאָל
קען זײַן נאָך א בריסל
בא רעב קאָמסאָמאָל.

נו?

די קאָנפֿערענץ האָט אין קרײַז־שטאָט דרײַ טעג נאָר געדויערט,
און זי האָט פֿארבראכט דאָרטן אכט.
פֿארנאכט, ווען אין שניי האָט דאָס שטעטל געטרויערט,
האָט א דאָרפֿישע פֿור זי געבראכט.

זי איז געלעגן אין פעלצן. א שטילע, א בלייכע,
אליין פֿון דעם שליטן ארויס,
ביזן גאנעק דערגאנגען, זיך מאָדנע צעשמייכלט,
ניט געקענט שוין דערגיין ביזן הויז.

האָט דער פֿויער צעשראָקן געוואָרפֿן די לייצעס,
אַף די הענט זי גענומען פֿון שניי.
און זי האָט פֿארוואָרפֿן די הענט אַף זײַן פּלייצע
און הענגען געבליבן אזוי...

און 7 אין אָוונט, דעם 8־טן אין מארט,
איז אַן אוילעם געגאַנגען צום מאָסקווער ראַט,

איז אַן אוילעם געגאַנגען, געקומען און — שטייט.
און פאַקלען — און פאָנען — און פּלאַטער — און פרייד.

און פון מאָסקווער ראַט, פון דעם העכסטן באַלקאָן
האָבן רעדנער גערעדט אונטער שוץ פון אַ פאָן.

האָט אַ רעדנער גערעדט און פארהויבן די האַנט
און דעם אוילעם באַגריסט מיט דעם יאָמטעוו אין לאַנד.

און ער — לונאַטשאַרסקי — דער בילדונג־נאַרקאָם,
האָט ווערטער געוואָרפן אין הילכיקן שטראָם,

האָט ווערטער געוואָרפן, געלויבט און געמאָנט
גיין אַפן דריטן און וויכטיקן פראָנט.

און — „פון דערפל פון קלענסטן — ביזן קלענסטן אולוס
אײַך, לערער־אַרמייער, — אַ דאַנק און אַ גרוס!"

און פאַקלען און פאָנען און פלאַטער און פרייד.
שטייען האַמוינים אין יאָמטעוו געקליידט,

שטייען האַמוינים און ענטפערן: „גוט!"
10 אַזייגער מיט 20 מינוט. — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
10 אַזייגער מיט 20 מינוט
האָט פון האַלדז באַ איר פלוצלינג אַ שפּאַר געטון בלוט,

און די ליפּן פאַרדעקט מיט אַ ראָזלעכן שוים...
איז דער אַלטינקער פעלדשער געקומען צו גיין.

„מע דאַרף, — זאָגט ער, — ברענגען אַ דאָקטער פון קרײַז,
דערווײַל זאָל זי שלינגען צו שטיקעלעך אײַז — —
און גיכער דעם דאָקטער! — וועט זײַן, עפּשער, גוט".
13 אַזייגער מיט 20 מינוט.

— — — — — — — — — — — — — — —

13 אַזייגער מיט 20 מינוט,
דאָס גאַנצענע שטעטעלע אויף איז.
רו זיך אויס, לערערן, ס'איז דיר ניט גוט,
רו זיך אויס, לערערן, ס'וועט דיר זײַן גוט.
הונדערט מיט צוואַנציק דער דויפּעק.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין פונקען...
אין פיבער...
אין פײַער... די ווענט.
קומען אָן יונגען.
פאַרבראָנזעטע הענט...
הייסע, פאַרפּעכיקטע אַרבל...
— וואָס ליגט איר?
— וואָס שווײַגט איר?
— איר האָט ניט דערקענט?
— מיר גייען דאָס איצט פון דער אַרבעט.
— מיר האָבן דאָ הויכע פאַבריקן...
עס בלענדט!! — —
וויגן זיך, וויגן זיך,
וויגן זיך ווענט.
האָט זי פאַרוואָרפן אין ווייטעק די הענט.
הייסע, אָראַנזשעווע פאַרבן...

— — — — — — — — — — — —

13 אַזייגער מיט 30 מינוט.

13 אזייגער מיט 40 מינוט.
א שטעטל אין ווײַסער בעהאָלע.
רו זיך אויס, לערערן, ס׳איז דיר ניט גוט,
רו זיך אויס, לערערן, ס׳וועט דיר זײַן גוט.

די נא־אכט וועט הײַנט דו־ו־רכ־גיין בע שאָ־אָ־לעם.

Да-а-а...

אפּאָנעם, אז דעם דאָקטער האָט מען שפּעט צו איר געבראכט:
ער האָט געבייזערט זיך און גאָרנישט ניט פארשריבן...
כאוויירים זײַנען אומעטיק פארבליבן
און אָפּגעזעסן שטיל א גאנצע נאכט.

און זי האָט ניט געוואָרפן זיך און ניט פארדעקט די
ווײַסלעך,
ווי ס׳וואָלט מיט איר קיין זאך גאָר ניט געשען.
דערנאָך — איז זי געלעגן אזא ווײַסע,
און ס׳האָבן ליכט צוקאָפּנס ניט געברענט...

אפן מארק

דער בעסאלמען צו דעם שטעטל נאָך געהערט.
האָבן די שאמאָסים זיך פארקלערט.

„מע דארף זי, זאָגט מען, לייגן הינטער פּלויט
און דעם קיווער גראָבן אינדערברייט.

מיט די פים — אין קלויסטער! מיטן קאָפּ אין דר׳ערד!
ניט פאר איר דאָ אָנגעגרייט די ערד!״

און א קרעמער האָט געבעטן זיך אין שרעק:
„גייט און הייבט זיך אָן מיט א יעווסעק".

האָט דער גאַבע אים דאַן אָפּגעענטפערט: „פערד,
וואָס מיינסטו, אז מיר זשאַלעווען „זיי" ערד?"

און מע האָט צעלאַכט זיך אין די בערד...

דער שומער

געבראַכט האָט ער און אָנגעצונדן ליכט
(און ליכט, וואָס ווייסן זיי — מע צינדט זיי און זיי פינקלען...)
פאַרדעקט האָט ער די בלייכקייט פון געזיכט
און שטילערהייט פאַרוקט זיך אין א ווינקל.

ס'איז שטיל געווען.
די ליכט האָבן געברענט
און שטיל געטריפט מיט גינגאָלדענע טראָפּנס.
און ער האָט זיי אין שוויַיגעניש דערזען:
זיי ברענען גאָר באַם באַרמינען צוקאָפּנס...

און ער איז גאָר קיין שומער ניט געווען,
און זי האָט אים גאָר קיינמאָל ניט באַליידיקט.
די ליכט האָבן שוין ביסלעכוויַיז דערברענט,
און ס'איז די שול נאָך אַלץ געשטאַנען ליידיק...

איז ער צום אָמעד צוגעגאַנגען בלייך, —
די וויַיסע ליכט דערברענען שוין אין פיַיער.
געזאָגט האָט ער דעם קאַדעש אין דער הייך
און איז דערנאָך אוועק צו דער לעוויַיע.

גאָרנישט

גאָרנישט. א לעוויַע. וואָס איז דאָ געשען?
א מענטש איז היַינט געשטאָרבן. געווען־און־ניט־געווען.

דריַיצן־פערצן קאָמיוגיסטן האָבן זיך פארטראכט...
פיר און פערציק פּיִאָנערן האלטן דאָ די וואך.

האָט מען צוגעמאכט די טירן און פון שטוב ארויס.
גייען אלע נאָך דער מיטע, שוויַיגן קליין און גרויס.

האָט ווער „צעדעק” אויסגעשריִען און געוואָרן שטיל...
רויִק־רויִק — זאָל זיַין רויִק! אלטער קלעזמער, שפּיל!..
רויִק־רויִק, זאָל זיַין רויִק! הייבט די מיטע הויך —

— — — — — — — — — — — — — — —

...און לייבע דער שמיד, אָט דער האָריקער בער,
האָט די מיטע פּאוואָליע געשטעלט אף דער ערד.

איז געבליבן געבויגן. א זאָג געטון: „ניין!”
און שטיל אף א קינדעריש קאָל זיך צעוויינט...

— — — — — — — — — — — — — — —

און ווען עס האָט דער באָכער איַינגעשפּאנט דעם שליטן, —
האָט מען שוין געטראָגן שטילערהייט די מיטע.

און ווען ער האָט צעיאָגט זיך — פלינק, ווי פיַיל פון בויגן, —
האָט מען איר מיט שערבלעך צוגעדעקט די אויגן...

און ווען ער איז אין שטעטל געקומען אָן אן אָטעם, —
האָט מען שוין דאָס מיידל מיט פרישן זאמד פארשאָטן.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

МЫ — МОЛОДАЯ ГВАРДИЯ...

לופּטיקע הימלען, צעוויקלטע, קלאָרע,
לופּטיקע, קלאָרע — אין האַרבסטיקן אומעט.
סקריפּעט דער וואָגן אין לאַנגזאַמען פאָרן,
ווען וועט זי אָנקומען? ווען וועט זי קומען?

שווער ווערט דעם זאַמדיקן לאַנגווײַל פאַרטראָגן, —
וויאָרסטן — און וויאָרסטן — און וויאָרסטן — און—
ווידער...
זי טוט זיך אַ הייב און אַ וואַלגער אין וואָגן
און טוליעט צונויף אירע דאָרשטיקע גלידער...

קען זי ניט ליגן אַ שטילע און וואַרטן.
„לאָז!" און זי גיט זיך אַ ריס פון דעם וואָגן.
„היי, באַלעגאָלע! און פּרוּוו מיך דעריאָגן!"
און ס'טאַנצט שוין די זון אויף איר לעדערנעם גאַרטל.

געדענקט, אז דאָס געזונט...

ס'איז קיינער ניט ארוים דעם נײַעם גאסט אנטקעגן,
און קיינער האָט מיט ווערטער ניט דערפרייט.
זי איז בא זיך אין צימערל געלעגן
און שטיל געקוקט, ווי אווגוסט־זון פארגייט.
באלד זײַנען געקומען די קוסטארן
און האָבן זיך דאָ רונד־ארום צעשטעלט.
„און כאווערטע...
און זאָל אײַך גאָר ניט ארן,
און מיר וועלן פאריכטן דאָ, וואָס ס'פעלט...
און איר געדענקט, אז דאָס געזונט איז טײַער,
הערט איר, וואָס מיר בעטן אײַך, טאָ זעט"...
דערנאָך האָט מען דאָ אָנגעצונדן פײַער
און מע האָט זיך שמייכלענדיק צעזעצט.

גייט זי דורך די גאס

גייט זי דורך די גאס,
שעמט מען זיך צו ריידן,
ווער עס האָט געשפאסט,
שפאסט ניט פון דעם מיידל...

— גאָט זאָל לאנגע יאָר
שענקען כאָטש דער צווייטער.
— גוטמאָרגן! — א גוט־יאָר!
— וואָס מאכט מען, און ווי גייט עס?
— גוטמאָרגן! — א גוט־יאָר!
מע דערזעט זי און מע פרייט זיך...

פעווראל־נאָיאבער 1927

העכער פון מארס...

ביז נערוון ביז דינסטע איך הער איצט פּאַרטײַעט,
מײַן צימער קען אָנהייבן פּלוצלינג צו שרײַען.
הער: פּעדאָסייענקאָ גייט איצט באַפרײַען
די קלאָרע, די הימלשע בערג־הימאַלײַען
און בלעטערט דעם הימל אַפּגיך...

נאָך קאָסמישע שטראַלן! צו טײַערסטע שטערן!
מיר דאַרפן זיי האָבן, מיר ווילן זיי הערן,
אַזוי ווי אַ שלאָגלער דאַרף נאָענט אונדז ווערן
דער קאָסמאָס, וואָס בלאָנקעט אַרום דאָרט, די ספערן,
וואָס הענגען אַף אונדז, ווי קרישטאָל...

העכער פון צוואַנציק מיט צוויי קילאָמעטער —
נאָך גרינגער איצט ווערט אונדז די ערד צו באַטרעטן,
און וואָס וועט זײַן נאָכדעם, און וואָס וועט זײַן שפּעטער,
ווען מיר וועלן שווימען אין בליצן־ראַקעטעם
און פאָרן צוגאַסט אַפן מאַרס?..

— מיר קומען! נעמט אוף אונדז, די ערד־דעלעגאַטן!
אונדז שיקט דער אַלערדישער ציק פון די ראַטן.

— היי, מארסיאַנער, אין אײַערע טאַטעס —
איר האָט נאָך דאָרטן קלאַסן: פאַרשקלאַפּטע און זאַטע —
מיר נעמען אײַך אפן בוקסיר.

איר האָט נאָך אומהיימלעכע הימלען און שטערן,
אין אוּונטן לאַנגע איר מוזט נאָך דערהערן
ביז ווייטעק, ביז וווּנדער, ביז מענטשלעכע טרערן
עס וויגן זיך אום נאָך פאַרעלנטע ספערן
און יאָמערן שטיל איבער אײַך.

ביז נערוון ביז דינסטע איך הער איצט פאַרטײַעט.
מײַן צימער — אף שפיצן פון בערג־הימאַלײַען...
מײַן צימער קען אָנהייבן פלוצלינג צו שרײַען.
פעדאָסייענקאָ גייט איצט די הייכן באַפרײַען
און בלעטערט דעם הימל אפגיך.

קוק: פעדאָסייענקאָ קלעטערט שוין אויבן.
זע: ער זעצט אוים דאָרט די הימלשע שויבן...
רויק: ער גייט איצט זײַן לעבן צעשטויבן.

שטילער. מיר גייען זײַן אָנדענק פאַרהויבן
העכער אפילע פון מאַרס...

27 פעוורואַל 1934

ערדישער פּילאָט

לופט. ליכט. פּלאַטער פון פּראָפּעלער.
איך פיל דיך ביזן הויט, אעראָפּלאַן.
די אויגן מײַנע ווערן שטרענגער — שמעלער,
דער האָריזאָנט — א גרויסער גרינגער פּלאַם.

ער האָט די אויגן מיר מיט לופט פארכלינעט,
ער הוידעט אום די פאלדן פון מײַן הארץ.
עס קען מײַן הארץ אראָפּגיין באלד פון זינען,
א סעקונדע, א סעקונדע. ווארט...

א הייב. א פאל. און ווידער בין איך אויבן.
אזויפיל הימל. איינינקער אליין.
אף מײַן שטיוול רויכערן זיך שטויבן,
וואָס כ'האָב פארשלעפּט פון מײַן פארליבטער היים.

די גאנצע ערד — א גרויסע שטיק דערמאָנונג,
זי שווימט אוועק, זי טוליעט זיך אין רויך.
איך וויל דערמאָנען זיך און קען זיך ניט דערמאָנען,
ווען האָב איך געזען אזא מײַן הויך.

מײַן יוגנט פֿלעגט פֿארהייבן שטיל די אויגן
צום הימל, צו דעם בלוילעכן געבעט.
דורך העלע טויערן און רעגנבויגנס —
דאָרט שווימען אום קרישטאָלן — קלאָרע שטעט.

מײַן קאָפּ פֿלעג איך אין קולעקעס פֿארפֿרעסן,
מיר ווילט זיך אָנקוקן דאָרט יענע שטעט,
איך האָב דאָרט גאָרנישט ניט נאָך הײַנט געגעסן,
און דאָרט פֿרייט מען זיך. געזאנג און זעט.

געביימער־לײַכטער וואקסן אין די הימלען
און אויף די ביימער — ברוינע לאבנס ברויט...
מײַן קאָפּ אין קולעקעס פֿלעגט אָנהייבן צו דרימלען
בא די ווייכע שאָטנס פֿון א פֿלויט.

ערד מײַנע — אין פֿײַערדיקע רונגען,
געבאָדענע אין פֿלאם, אין רויך,
פֿלוצלינג האָט זיך עמעצער צעזונגען, —
איך האָב זיך צעזונגען אין דער הויך...

עס האָט אדורכגעלײַכט דער פֿײַערדיקער שאָטן
פֿון מײַן העכסטער, אויסדערווײלטער ערד.
מײַן אעראָפּלאן כאפּט איבער קוים דעם אָטעם,
ער יאָגט. עס יאָגט: בודיאָני אפֿן פֿערד.

ערד מײַנע — פֿון הויכע, הייסע טאטן —
פֿון מײַן פֿארבלוטיקטן און שטײַפֿן טראָט,
דאָס זינגט אצינד דער זונען־אוויִאטאָר,
דער אײַנגעליבטער, ערדישער פּילאָט.

ראָט־פראָנט

די זון האָט מיט פרילינג געלײַכט איבער שטאָט.
ארוים בין איך מעסטן געדולד פון מײַן טראָט.

איך האָב ניט געאײַלט זיך און הײַנט ניט געיאָגט.
איך גיי איצט ארום אָט אזוי ווי דער טאָג,

אזוי, ווי דער הימל מיט רויִקײַט רײַך.
איך האָב איצט דעם פויסט אין מײַן האנט אויסגעגלײַכט...

זאָל אָפּן מײַן האנט זײַן און פרידלעך פארלייגט.
מיט ווארעמע טויען פארלאָפּן מײַן אויג.

גיי איך, עס גייט זיך. באצווייט — מיטן טאָג.
איך שטעל זיך אָפּ רויִק אַף ראשיקן ראָג.

מיט ווינטן — געזעטיקט, מיט רויִקײַט זאט,
איך עפן די לופטיקע פליגלען פון בלאט.

עס גיט מיר אָן אָטעם מיט פאַרב און בענזין.
וואָס מאַכן כאַווײרים אַצינד אין בערלין?

די בלאַט גיט מיט פליגלען אַ קרײַז נאָך אַ קרײַז,
און ס'הייבן אָן שרײַען פאַרבלוטיקטע נײַס.

איך גיי. נאָר איך גיי ניט. איך שטופּ זיך. איך שטיי.
איך בין איצט, אַפּאָנעם, איין גרויסער געשריי...

מע שטעלט זיך אָפּ קוקן... עס טרײַבט מיך פאָרויס.
איך טראָג, ווי אַ מעכטיקע פאָן, איצט מײַן פויסט.

פון אַלע פיר זײַטן מע שרײַט מיר: „ראָט־פראָנט”.
איך האָב איצט מײַן פרילינג אין שטאָט ניט דערקאָנט.

אַזוי ווי אַ האַרץ, וועלכע בלוטיקט און לעבט,
וואַרפט זיך די זון איבער אונדזערע קעפּ.

וואַסיליעווע קאַרינע

זעקסכאַדאָשימדיקע מיידעלע, וואַסיליעווע קאַרינע,
דו האַלטסט איצט אין געפּאַנגענשאַפט מײַן האַרצן און
מײַן זינען.

פּיצי־פּיצי־מאָנצינקע, דו ליכטיקע, דו קלאָרע,
אַף פּאָליאַרער שנייעניש דו ביסט באַ אונדז געבאָרן.

אין דײַנע אויגן בלויִלעכע דאָס אײַז האָט זיך געשפּיגלט,
בוראַנעס האָבן אומגעוויגט דײַן צאָפּנדיקע וויגל...

אונטער ווײַסער בערן־ליד דו פּלעגסט אַנשלאָפן ווערן,
ס'פּלעגט די גרויסע בעריכע הויך דײַן אָטעם הערן.

פּלעגט זי העל נאָר אָנצינדן אַלע אירע שטערן:
שלאָפט אַ קליינינקע מיידעלע, דאַרף מען איר ניט שטערן...

שלאָפט אַ קליינינקע מיידעלע, און ס'שווימען קאָמוניסטן,
זיי נעמען אײַן די שטערן־וועלט, די ווײַטקײַטן די וויסטע.

צווישן יאם און אײַז־וועלטן „טשעליוסקין" ווערט
פארפראָרן,
צווישן יאם און אײַז־וועלטן „טשעליוסקין" גייט פארלאָרן.

אײַ, דו פּיצי־מאָנצינקע, אײַ, דו ליכטיק־קלאָרע,
דער כאווער שמידט דער אָנפירער האלט דיך אף די
אָרעמס.

דער כאווער שמידט דער אָנפירער — אין דער באָרד
דער גרויסער
וויל ניט, דו זאָלסט געבן זיך צופיל שוין א טרייסל...

צווישן יאם און אײַז־וועלטן „טשעליוסקין" איז דערוואָרגן,
דער כאווער שמידט הייבט העכער אוף דאָס קינדעלע
פון מאָרגן...

ער הייבט דיך הויך און ראטעוועט. צום אלעם ערשט
און פריִער
נעמט מען דיך דערווארעמען אף דער קלאָרער קריִע.

פון דײַן יונגן מײַלכל גייט א וואָלקנדל — א פּארע...
שלאָף אײַן, ארקטיק־מיידעלע, דיר וועט זײַן דאָ ווארעם...

קיינער וועט ניט אומקומען. אויב ס'וועט אויסגיין ווער דאָ,
דו וועסט אָבער פרייען זיך אף דער רויטער ערד דאָרט.

מיר וועלן דיך פּילנעווען, באהיטן און באזאָרגן,
אײַ, דו קלאָרע־ליכטיקע, דו קינדעלע פון מאָרגן.

ס'אײַלט דאָס גרויסע ראטנלאנד מיט זײַנע מאטעריקן,
די העכסטע אוויִאטאָרן נעמט מען דיך צו שיקן.

— פליט אהין, באפליגלטע, צו יענער ווײַטער קריַע,
נעמט, פארכאפט דאָרט אלעמען, קומט צוריק צו פליִען.

שלאָפט אצינד דאָס קליינינקע, דאָס קינדעלע דאָס קלאָרע,
עס פליט שוין ליאפּידעווסקי דאָרט דער זעקס־און־
צוואנציקיאָריקער.

האָריזאָנטן וויגן, ער וועט זיך באלד באוויַיזן.
ער יאָגט זיך שוין, ער טראָגט זיך שוין, ער מאכט אין
הימל קריַיזן.

א קריַיז, א קריַיז, און נאָך א קריַיז. ער איז שוין אױף
דער קריִע,
מיט מאמעס און מיט קינדערלעך ער הייבט זיך אױף
אין פליִען.

א הייב, א פלי, ער טראָגט זיך שוין אױף לופטיקע מאָטאָרן,
ער האָט שוין אופגעהויבן הויך דאָס קינדעלע דאָס קלאָרע.

דאָס קינד דאָס זעקסכאדאָשימדיקס עפנט אױף די אויגן,
דער זעקס־און־צוואנציקיאָריקער האָט זיך צארט פארבויגן.

ער כאפּט א קוק: א קינדעלע, פריַי פון אלע זאָרגן,
איַי, דו פּיצי־מאָנצינקע, דו קינדעלע פון מאָרגן.

8 מארט 1934. כארקאָוו

א נאַכט אין בירָאָבידזשאַן

1

ס'איז דער ווײַטער מיזרעך פּערלמוטער־גרין.
כ'ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ס'בענקט זיך מיר נאָך אים.

ס'ווערט מיר אַזוי ליכטיק, אַז עס טוט מיר וויי.
פאַר די אויגן שווימט דורך אַזאַ מין הויכער שניי.

מאַך איך צו די אויגן. מיט די אויגן כ'הער,
ס'גייט דער ווײַטער מיזרעך, ווי אַ ווײַסער בער.

ער באַשמעקט די הימלען, ער באַטאַפּט די ערד.
כ'עפן אויף די אויגן, — וועלכער ווײַסער בער?

בערן בלײַבן בערן, און דער שניי איז הויך.
איבער ווײַטן מיזרעך גייט אַ דיקער רויך.

איבער ווײַטן מיזרעך גייט אַ יונגער שניי.
ס'ווערט מיר אַזוי ליכטיק, אַז עס טוט מיר וויי.

2

אין דער ווינטער געגנט, אין דעם בלויען קאנט
גייט מען דאָרטן שטענדיק מיט דער זון באנאנד.

און די זון, זי ווייעט לײַכטע בלויקייט אָן,
און די גרונטן שמעקן דאָרט מיט האָריזאָנט.

אזא גרויסע בענקשאפט שרײַט פון דאָרט ארויס.
הונדערט קילאָמעטער און איין פיצל הויז,

הונדערט קילאָמעטער און איין מענטש אף זיי
האלט אינמיטן שווימען איבער וועלטן־שניי.

ווי דו זאָלסט ניט קומען, שרײַ ביז ווערן טויב,
ס'שיט זיך נאָך פון הימל א פארשנייטער שטויב.

ס'שליסט צונויף די ליפּן, — ווינטן זײַנען שארף.
פעסט זײַנען די הימלען און די הימלען — שא.

3

איבער גרויסע מײַלן טראָגט זיך א געזאנג.
נאכט. די שטערן גייען זייער בלויען גאנג.

ס'ווערן הימלען שטילער. גרין און פּיִאָלעט.
האָבן מיר די זיצונג הײַנט פארצויגן שפּעט,

דארף מען איצטער שלאָפן. ליכטיקער געמיש
בייגט מײַן קאָפּ פּאמעלעך צו דעם הארטן טיש.

ווען א נאכט אזא איז, וואָס זשע טראכט זיך דאן,
אין א נאכט אזוינער אין בירא‎ָבידזשאן?

קאַלטלעך איז אין צימער. מע קאָן זאָגן — קאַלט.
הינטער שויב דער מיזרעך הייבט זיך אויף און שאַלט.

אין א נאכט אזוינער, וואָס זשע טראכט זיך דאן,
אין א נאכט אזוינער אין בירא‎ָבידזשאן?

4

ס'טראכט זיך דעמלט הילכיק, כאָטש דאָס מויל איז צו,
לעבן מיר צופוסן ליגט און האָרכט די רו.

ס'קריכט אראָפּ דער הימל, לייגט זיך אויס פארשנייט,
ס'לייגט זיך אויס די געגנט אפן טיש פארשפּרייט...

— שנייַד און בוי מיך איבער, וועק מיך אויף פון שלאָף.
(...געווען אמאָל א שטעטל, א פּיצל ראָהאטשאָוו,

האָט אן אַלטער טאטע געשניטן און גענייט...)
...ס'ליגט א גאנצע געגנט אפן טיש צעשפּרייט.

— שנייַד און בוי מיך איבער, נעם און פורעם אויס
אזא וווּנדער־לעבן, וואָס זאָל אופגיין גרויס.

שטעטלעך, ווייַסע ציגן, מיט קלאָרע ציין,
אף ווייַטן מיזרעך וואקסט א גרויסע היים.

5

אזא גרויסע שטילקייט גייט אויף מיר אראָפּ,
בייג איך איין נאָך טיפער מיין פאַטלאַטן קאָפּ.
— איי, דו ברודער מיינער, כאַוועך מיכאַיל,
כ׳האָרך נאָך דיינע קייטן, ווען די נאַכט איז שטיל.

ווען דו האָסט געמאָסטן דעם סיבירער טראַקט,
האָט א שניי געשניטן און א פראָסט געהאַקט,

און סיבירער ווינטן האָבן אייך באַטאַפּט,
גרויע אַרעסטאַנטן, קאַטאָרזשנער עטאַפּ.

— זאָל זיין ברויט און וואַסער, זאָל זיין בלוט און בליי,
מירן נאָך א רעד טאָן, קייסער ניקאָליי.

— איי, דו ברודער מיינער, כאַוועך מיכאַיל,
כ׳האָרך נאָך דיינע קייטן, ווען מיין קאָפּ ווערט שטיל.
צווישן טויזנט סאָפּקעס זוך איך דיין געביין.
אויפן ווייטן מיזרעך גייט א גרויסע היים.

6

נאַכט. די שטערן גייען זייער בלויען גאַנג.
איבער וויאָרסטן־מיילן שפּרייט זיך דער געזאַנג.
צו דער ערד איך לייג א וואַכן אויער צו,
פון די סאַמע מיטן גייט א שווערע רו.
ברוין איז דאָרט דער קויעך און די רו איז שוואַרץ,
ווי מיין גרויסע בענקשאַפט, איז דאָרט רייך דער אַרץ.
ווי די ווילדע טייגע, איז די רייכקייט ווילד.
און די רייכקייט רעוועט, קערט זיך אום און ברילט,

טויזנט קאָנטראַבאַסן ריידן מיטאַמאָל,
טויזנט קאָנטראַבאַסן און די שטים איז שטאָל.
קויל און גאָלד און אײַזן און דער פּראָסט איז האַרט.
ס'ליגט א גרויסע געגנט אײַנגעדרייט און וואַרט...

מאָסקווע, 1936



ביז דעם קלאס, וואָס רופט זיך מענטשהײַט

...איך האָב זיך דערקענט אין לײדן,
איצט אין פרײדן זיך געטראָפן,
װעלן מיר שױן דורכגײן בײדע
דעם טונעל פון מײַנע סטראָפן.

דורכגײן, אופגײן און באַגרײַפן,
װאָס מיר האָבן דורכגעמאכט דאָ.
אָנגעגאָסן זיך מיט רײַפקײַט
אַף די גערטענער פון שלאַכטן.

און מיר מעגן שױן און קאָנען
הײבן איצטער אומגעהױערס.
פלוצלינג לױכט אוף די דערמאָנונג,
װי א גרױסע ליכט פון טרױער...

...ס'לעבט מײַן יוגנט אין א קעלער,
יעדן טאָג כ'וויל זײַן א זאטער.
פאר די אויגן — קארוסעלן.
דורך דער שויב — א וועלט מיט פּיאטעס.

פּיאטעס, פּיאטעס. שווערע שטיוול.
לײַכטע שיכלעך און שטיווליעטן.
ס'דאכט — מע האָט מיך מיט א קיוון
דאָ פארגראָבן אף צעטרעטן...

כ'גיב א וואָרף זיך צו די שויבן:
א בלוייִנק שנירעלע — דער הימל.
טאטע, הערסט, מיר ווילט זיך אויבן,
שאָטנס רייצן זיך אין צימער...

וויל דאָרט אָנקוקן א פּאָנעם,
זע איך פּיס נאָר אף די גאסן...
זײַנען אלע דאָרטן סאָנים?
איך, א ייִנגל, דארף זיי האסן?

האָב איך ליבשאפט דאן פארטריבן,
האס אוועקגעשטעלט צוקאָפּן.
אף געווים וואָלט איך פארבליבן
מיזאנטראָפּ פון מיזאנטראָפּן.

א ציגײַנערישער טאבאָר —
האָט ארומגעבלאָנקט דאָס לעבן.
האָבן מיר אין דעם אָקטיאבער
אים א גרויסע היים געגעבן.

א טיפֿן הימל אָנגעצויגן,
א גרויסע ערד געגומען בויען;
דורך טריִומף און רעגנבויגן,
מיט באגײַסטערונג אין אויגן
שפּאנט מײַן דאָר — מײַן העלער גאָען.

איך — צעבלוטיקטער זיקאָרן,
איך — פֿארביסענער פּלעבייער,
האָב דערהויבן מײַנע יאָרן
ביז דער הייך פֿון א פּארטייער,

און מײַן סינע אויסגעלײַטערט,
און מײַן ליבשאפֿט דורכגעטראָגן
דורך די טרויערן פֿון שטרײַטן,
דורך וואָקזאלכעלעך מיט וואָגל.

ס׳איז נאָך אָרעם מײַן אנקעטע
מיט צעקלאפּטע פּערעקאָפּן,
און פֿארייביקטע פּאָעטן
וואכן ניט בא מײַן צוקאָפּן...

איך שטיי אויף מיט דעם באגינען
און צעעפֿן אלע פֿענצטער.
יעדער טאָג דארף מיך געפֿינען
אין די רייען פֿון די שענסטע.

יעדער טאָג און יעדע רעגע —
ביז דעם קלענסטן, דינסטן אטאָם.
און א זומערדיקער רעגן
זעטיקט אָנעט מײַנע טאטן.

כ'בין מיט זיך נאָך ניט באַנוגנט,
איך — דער ברוינער פּראָלעטאַריער,
נאָר איך קען שוין ווײַט אַ קוק טאָן,
ווי די אויגן פון פּלאַנעטאַרי...



אף א פרעמדער כאַסענע

(פראַגמענטן)

איך קען דיך, ווײַסרוסלאַנד, אַזוי ווי איך קען
מײַנע אייגענע פינגער.
אינמיטן דער נאַכט וועל איך שטענדיק
דײַן יעטווידער סטעזשקע דערקענען,
די טראַקטן, די טײַכן, די ווייכע פאַרנאַכטן,
די וועלדער, וואָס זינגען,
יעלן — אין סמאָלע, בעריאָזעס — אין שנייען,
פאַרפעכיקטע סאָסנעס, וואָס ברענען.

כ'געדענק דעם ווײַסרוסישן סוס, וועלכער האָט
אַלע דערפלעך פאַרצויגן,
דעם עלנט — דעם געלזוכט אין שטעטעלעך
קרומע־און־לאָמע.
ס'איז אַלטע ווײַסרוסלאַנד... און פּרוּוו איך
פאַרמאַכן די אויגן,
דערזע איך קורהאַנעס, און שוואַרצע בעסוילעמס,
און הילצערנע צלאָמים...

רײַך איז ווײַסרוסלאַנד. די רײַכקײַטן אַלע ניט איבערצוציילן.
לאַבנס פֿון סיטניצע־ברויט פֿלעגן קומען צו אונדז נאָר,
ווי גרויסע לעוואָנעס, צו כאַלעם...
רײַך איז ווײַסרוסלאַנד. דאָס קענען באַטראַקישע פֿלייצעס
דערציילן,
באַטראַקישע רוקנס, וואָס זײַנען פֿאַרשמיסן
אין פּריצישע הויכע סטאַדאָלעס.

וועלדער סאָסנאָווע און וועלדער יאַלאָווע,
נאָר זיי זײַנען סײַווי קאַזיאָנע.
דעם גאָלדענעם שוואָם און די פֿרײלעכע מאַלינע
טאָר דאָרט ניט אָנרירן קיינער...
אין וועלדער אַזעלכע סע ווערן געבאָרן — נאָר קרענעצעס,
וועלף און גאַזלאָנים...
און ערגעץ־ווו קען מען דאָרט פֿלוצעם געפֿינען אַ פּעדער
אין בלוט צווישן ביינער...

און ווידער גייט וואַלד. אויף די מעכטיקע שטאַמען —
פּעכיקע טרערן פֿון כוואָיע.
און ווידער גייט וואַלד. און מיט יעטווידן בוים
ער ווערט אַלץ באַרויִקט־געדיכטער.
בלײַבסט שטיין. דאָרטן טיף — עפּשער זינגט גאָר אַ
מענטש, צי אַ סטײַע מיט וועלף עפּשער וואָיעט...
ערגעץ דאָרט, אין דער טיף, ווערט געבאָרן דער קלאַנג
און פֿאַרשיידענע ווונדער־געשיכטעס.

סאַמע טיף וואַקסט אַ יעל, ברייט די לאַפּקעס צעשפּרייט
און צענומען די גרינלעכע פֿינגער.
יעדע נאַכט קומט אַהינצו אַ מעכטיקער מענטש מיט
אַ שווערד, מיט אַ האַק, מיט אַ פֿײַפֿל.
ווען ס׳צעפֿײַפֿט זיך דער מענטש, כאַפּט זיך אופֿעט
די יעל, און די יעל הייבט אָן אומעטיק זינגען.

אוּן דער גאַנצענער וואַלד — אַ פאַרקישעפטע האַרפע,
וואָס קען זיך אַליין ניט באַגרײַפן.

אַ געזאַנג גייט אין וואַלד! פון דעם גאָלדענעם שוואָם
ביז די העכסטע צעוואַקסענע קרוינען.
ס'גייט אין וואַלד אַ געזאַנג. דעמלט רוען דאָרט אָפּ
אי די וועלף, אי די ברידער — גאַזלאָנים.
און ס'טרעפט, אַז אינמיטן דעם גרויסן געזאַנג הייבט
עמעץ אָן פלוצעם צו וויינען.
ס'הייסט — וועלדער סאָסנאָווע און וועלדער יאַלאָווע,
נאָר זיי זײַנען סײַווי קאַזיאָנע...

אַ כוישעך. אַ וויוגע. עס פאָרן אַרומעט
צוויי עלנט־געלאַטעטע בוידן.
זיי זוכן אַ שטעטל. ניטאָ. נאָר די ווינטן דאָ
ווערן מעשוגע.
ניטאָ דאָ קיין שטעטל. ניטאָ שוין קיין טראַקטן.
די ערד און דער הימל זיך הוידען.
קיין שטעטל, קיין קרעטשמע, זאָל זײַן כאָטש אַ נעפעש.
ס'איז קיינער ניטאָ דאָ. אַ וויוגע...

דאָס פאָרט אין די בוידן די מינסקער גובערניע,
די צאַרישע גרינע פריסוטסטווע.
און ס'האָבן דעם הימל באַקלעפּט און באַלאַגערט
צעשראָקענע ווײַסע וואָראָנעס.
דעם קאָפּ אָן דעם דאָזיקן הימל צעזעצן. טײַערע מײַנע, —
אַ פוסטקע!
אַזוי ווי אַ ווײַסער צווייקעפּיקער אָדלער
קריכט דאָרט אַרום די לעוואָנע.

שטעטעלעך פליִען, ווי הענער אין סרייפעס,
פאַרגייען אין שוואַרצע מאַגייפעס.

אומגליק און דער. אלע ברעמען פארצויגן מיט
בלוטיקער, רויער טראכאָמע...
איז בויטרע אנטלאָפן אין פינצטערע וועלדער אף א
גאזלאָנישן אויפן.
שטעלט ער אָפּ פורן און הארגעט נעפּאַשעס
און לאָזט מיטן וואסער פּאראָמען.

אינמיטן א וויוגע קען בײרעכקע־בויטרע ארויסגײן
מיט זײַנע גאזלאָנים.
בויטרע דער גאזלען אין האנט האלט א מעסער,
א צווייטן ער האלט אין כאַליאַווע.
מע זאָגט — אפן אָרט פּלאַצט דער סויכער אין וואלד,
ווען ער זעט זײַן באוואָקסענעם פּאָנעם.
מע זאָגט — עס איז בויטרע א גרויסער אסילעק[1]
און דײַקע דערצו נאָך א בראַווער.

ס'איז בויטרע דער עלטסטער בא כעוורע גאזלאָנים,
ווערט גאָט אף געווים אים באשטראָפן.
מע וועט אים פארשמידן אין אײַזערנע קייטן,
מע וועט אים דערנאָכדעם פארשמײַסן.
נאָר כאַפּ אים! ער לעבט אין די פינצטערע באָרן,
מיט שווערע קלייזײַען באוואָפנט.
פּאָרן דורך וויוגעס צוויי עלנטע בוידן,
ווי דורך א פארקישעפטער מײַסע...

דאָס פּאָרט אין די בוידן א קלעזמער־קאפּעליע. מײַן
זיידע דער מארשעלעק לייזער,
דער באדכן, דער קלעזמער, דער פריילעכער קאפּצן,
דער העפקער־הוליאַקע.

---

[1] אסילעק — א גוואר, א גיבער.

ער זיצט אין די בוידן, און ס'דאכט זיך אים אויסעט:
די וויוגע ווערט שארפער און בייזער.
עס ברעכט זיך דער הימל, און הינטער די פּלייצעס —
עס הערט אלץ ניט אופּעט צו קראקען...

עס פלאטערט די וויוגע מיט טויטע טאליסים,
פארדרייט זיך אין ווײַסע פאטשיילעס.
— א בויטרע דער גאזלען קען פּלוצעם ארויסגיין:
„גיט נאָר אהערצו די בײַכער".
איז וועל איך אים זאָגן: — דאָס פאָרן דאָך קלעזמער,
וואָס שפּילן אף הילצערנע קיילים.
מיר זײַנען די עמעסע פײַנע קאפּצאָנים, וואָס האָבן צו
זיך ניט קיין גלײַכן.

— אויב אזוי, — וועט ער זאָגן, — איז האָט ניט
קיין מוירע און מאכט נאָר ניט אָן קיין בעהאָלע.
אויב איר זײַט בעעמעס א קלעזמער־קאפּעליע,
די ערשטע זאך — נאט אײַך אָפּ שאָלעם.
אויב איר זײַט דערצו נאָך די רעכטע קאפּעליע,
טאָ שפּילט פאר אונדז, פרײַנט־מוזיקאנטן;
איר וועט בא אונדז קריגן די רעכטע מאטאָנע —
א פולינקן זאק מיט בריליאנטן...

א כוישעך. א וויוגע. גוט איז די קלעזמער,
די בערדיקע הונגער־קלעזמאָרים.
אזוי ווי אף הארציקע פידלען פלעגט שפּילן דער
אומעט בא זיי אף די גאָרגלען...
ביז פינצטערע כופּעס זיי פלעגן דערפירן
פארפירטע קלעזמאָרישע יאָרן.
אין כאָלעם צו זיי פלעגן קומען און שפּילן
גרויסע פארקישעפטע אָרגלען...

נעגידישע כופעס. גווירישע סימכעס. מײַן זיידע גייט אום
אף די טישן...
דאָס האָט ער זײַן סיווינקע שיטערע בערדל פארבראָכן
אזש ביז צו דער סטעליע.
ער שלינגט איצטער שווערדן, ער הוליעט אף שטאָלצן,
ער טאנצט מיט א קישן.
עס ווילט זיך אים זינגען, פון מויל ציט ער סטענגעס...
וואָס ביסטו אנשוויגן, קאפעליע?..

„העכער, קאפעליע, שטארקער, קאפעליע. דער שעד
זאָל מיך נעמען אינגאנצן!"
אף אויסגעסערווירטע נעגידישע טישן לייזער דער באדכן
גייט טאנצן...
ס'האָט לייזער פארהויבן די קורצע קאפּאָטע, ווײַל שמאָל
די קאפּאָטע אין סטאָן איז.
ארום און ארום קוקן פריילעכע צורעס, ניט צורעס,
נאָר פולע לעוואָנעס.

„שפּילט, קלעזמערוקעס, יעשיִע־די־פּרימע אין ריפּסענעם
קורצן ספּינדזשאקל
און אבע־סעקונדע, רעב אבעלע־קאצעוו אין קאָרטענעם
קרומען סורדוטל,
יוינע־די־פּלייטע און יאָשע־באנדורע, איז מאכט איצט
דעם רעכטן שעהאקל,
שפּילט זשע א פריילעכס, עס זאָלן אוועקגיין א הייסן
קאדריל די ניטגוטע".

די קעלישקעס זײַנען מיט ספּירעטן פול, די בעכערלעך —
פולע מיט ווײַנען.
אף די פּאלומיסקעס — קארפּן און העכט צעגייען
אין אייגענעם טײַנעג.
באלד וועט מען געבן די פּעטע געבראָטנס פון קאָשערע
אָקסן און אויפעס,

קאשרעס אף קאַשרעס און טוירע אף טוירע;
קיין טראָפּן, כאָלילע, פון טרייפעס.

דער שויכעט האָט קאָשער די בראָכע געמאַכט,
דערנאָך ערשט געשאָכטן די אָקסן.
זיי קוקן מיט גאָלדענע אויגן דאָ איצטער פון טעלער
מיט וואַרעמע לאָקשן...
מע זופּט. און מע זופּט. ס'דאַרף לייזער זײַן גרייט,
ער מוז באַלד נאָך זאָגן צום עסן.
ס'לויפן סאַרווערס אַרום. ס'גייט די וועטשערע איצט.
עס ריידן די לעפל און מעסערס.

די מאַנצבלען — באַם טיש. די ווײַבער — דערנאָך;
זיצט מען דערווײַל אין די קאַמערס.
קעדיי מע זאָל אויכעט דערקוויקן דאָס האַרץ, געניסט
מען דאָ אויכעט דערווײַלע.
זיי טונקען פּאַמעלעך דעם לעקעך אין בראַנפן
מיט אַלע דרײַ פינגער צוזאַמען;
דער לעקעך, דער טאָרט און דאָס קלעפּיקע טייגל צעגייט
אַזוי זיס אין די מײַלער.

די גאַס איז שוין שוואַרץ פון דעם אוילעם, וואָס וואַרט,
וועלכער שטייט דאָ אף שפּיץ פון די פינגער.
דורך שויבן מע הערט. הינטער טירן מע גאַפט,
ווי לייזערקע באַדכן טוט זינגען.
דער שוסטער איז דאָרט, דער שנײַדער איז דאָרט,
דער באָד־יונג און דער באַלעגאָלע;
די דינסט־מויד איז דאָרט, די קעכן איז דאָרט,
די גרושע — די אייביקע קלאָלע.

„זינג אַרײַן, זאָג אַרײַן, לייזער באַדכן, דו קענסט,
זאָל דײַן צונג דיר אף יאָרן נאָך דינען".

„זאָל ער שנײַדן, דײַן צונג, אי פאר אונדז, אי פאר דיר:
נישקאָשע, ער מעג זיך פארגינען...“
„זינג ארײַן, שנײַד ארײַן אין די גוידערס און קערק,
בא די גילדערנע יויכן די פעטע“.
„אָן אָרעמע פאָלק, נאָר א פריילעכע פאָלק,
כאָטש מע האָט אונדז אהער ניט פארבעטן“.

„ניט פארבעטן, איז ניט, איז געקומען אליין
און געפּליעסקעט דאָ הינטער די טירן...“
„אויב הונגעריק־הויל, אָבער פריילעך און וויל,
כאָטש ניט פון די גוואלדיקע גווירים“.
„גיי אהיים, גיי אהיים, דו געמיינער האמוין,
גענוג אײַך צו שלײַפן די צינגער“.
די גאס איז שוין שווארץ פון דעם אוילעם, וואָס גאפט,
ווי לייזערקע באדכן טוט זינגען.

א טומל. א היץ. זאָל זײַן שאַ! זאָל זײַן שטיל!
מע גייט שוין ארויס פון די קיילים.
האָט אויסגעטאָן לייזער די קורצע קאפּאָטע,
צעבונדן די הילצערנע שטאָלצן.
ער ווישט איצטער אָפּ זײַן פארמאטערטן שטערן
און האלט נאָך די רויטע פאטשיילע.
ער זעצט זיך אוועק. א פארע אזא. די הענגלײַכטער
ווערן צעשמאָלצן...

האָט אויסגעטאָן לייזער די געלע קאמזעלקע.
דאָס היטל איז אויכעט שוין שווער אים.
ער זאָגט איצטער גראם. און דער גאנצענער אוילעם
נעמט פון געלעכטער זיך קײַקלען.
עס לאכן די סמיקן, עס וויינען די פידלען אף זייערע
צארטע געדערים,

לייזער נעמט צוהעלפן גיך אפן צימבל און דרייען,
און שטורכען אין פּײַקל:
„שפּילט, קלעזמערוקעס, פאר כאָסן און קאַלע,
דער ניגן ווי ספּירעט זאָל ברענען.
גאָט זאָל זיי געבן, און זיי זאָלן נעמען...
וויפל זיי וועלן נאָר קענען...
ווי האַלט מיט די גווירים? די גווירים איז גוט,
אָבער אונדז איז מיליאָסן מאָל בעסער:
זיי עסן די טײַערסטע מינע מײַכאָלים, און מיר לעקן
אָפּעט דעם מעסער...

שפּילט, אַז די ניכפּע זאָל וועלן אונדז נעמען,
דער קאָפּ ווערט צעריסן אַף שטיקער.
זאָל אײַך ניט אַרן, וואָס לייזער דער באַדכן
איז איצטער א ביסעלע שיקער.
בא מיר אפן האַרצן איר שפּילט מיט די סמיקן.
צי קען מען א ווייטעק פּריטשמעליען.
ס'וועט לייזער דער באַדכן פאַרבלײַבן א באַדכן,
ניט מער ווי א באַדכן, קאַפּעליע...

כ'האָב א ווײַב — אַן אַרורע, א האַרץ — אַן אַרורע.
דאָס שטעטל — איז אויך אַן אַרורע.
שפּיל אַף דער סאַמע צעיאָמערטער סטרונע, מײַן
טײַערער יאָשע־באַנדורע...
שפּיל, עס זאָל מוזן דער זײַדענער כאָסן אַוועקגיין,
ווי איך אַף די טישן.
אָט גיב איך אים אָפּעט די הילצערנע קוליעס,
די הילצערנע שווערד און די קישן.

זאָל ער זיך טאַנצן, דער איידעלער כאָסן,
זאָל ער דאָרט זאָגן זײַן דראָשע.

א פּעטאַק — אַ קאַדריל, אַ קאָפּקע — אַ שער,
דאָס לעצאָנישע לעבן — אַ גראָשן.
ווי האַלט מיט די גווירים? די גווירים איז גוט,
נאָר אונדז איז מיליאָסן מאָל בעסער:
זיי האָבן די קלייטן, די גראָבע קאַמאָדן, און מיר
היטן אָפּעט די שלעסער"...

די מעכוטענעסטע איטקע, די ווייצענע קיטקע,
די קוקסע — געפּלאָכטן אינדרײַען,
האָט פאַרהויבן די בופעס פון זײַדענעם יאַקל און געלאָזן
זיך הייזעריק שרײַען:
„זע נאָר, הער נאָר — אַ הוק. ס'איז די פּלוימע שוין דאָ.
איר'ט צעברעכן די שויבן, הולטײַעס".
און דער גרעסטער מעכוטן געווען איז פאַרכמורעט
און בייז אפּן באַדכן געפײַערט:

„הער נאָר, דו באַדכן, דו פריילעכע קיילע,
דאָס האָב איך געבראַכט דיך אַהערצו,
דו זאָלסט מיר פאַרשטערן די גאַנצענע סימכע און גיסן
נאָך בלײַ אױף די הערצער?
מאַך אונדז דאָ פריילעך. איך וועל דיר באַצאָלן.
דאַרפסט פאַר אונדז ריידן צום גוטן".
לייזער צופּט לאַנגזאַם דאָס סיווינקע בערדל:
„אײַנגאַנצן גערעכט, רעב מעכוטן!

אָט וועל איך, ראַבויסײַ, דערציילן אַ מײַסע,
וואָס איז אין אַ שטעטל פאַרלאָפן,
אַן עמעסע מײַסע, אַ ווארע געשיכטע, וואָס האָט דאָרט
אַנומלט געטראָפן:
איינער אַ קייסער, אַ מעלעך בען מעלעך, אַ גוואַלדיקער
גראַף און אַ סראָרע,

לאָזט צו זיך רופֿן די גרעסטע כאַכאָמים: עס האָט אים
פֿאַרשאַט די אײַנהאָרע.

ער האָט דאָך א שלאַל מיט מאַיאָנטקעס און קראָמען
און קאָלערליי מינע פּאַלאַצן.
ער פֿאָרט אַף יאַרידן, פֿאַרדינט ער אַזויפֿיל,
אַז ס'נעמען די קעשענעס פּלאַצן.
רופֿט ער צו זיך זײַנע גלאַוונע כאַכאָמים:
— אומעטיק, זאָגט ער, ראַבויסײַ.
— אויב אומעטיק, — זאָגן די גלאַוונע כאַכאָמים, —
קענסטו ווערן א לעץ, פּאַני קייסער...

„טאָ שפּיל זשע, קאַפּעליע, דעם פֿריילעכן וויוואַט
פֿון עמעסע קאָשערע קלאַנגען
לעקאָוועד דעם כאָסן, לעקאָוועד דער קאַלע,
לעקאָוועד דער כופּע מיט שטאַנגען,
לעקאָוועד דעם ראָוו און לעקאָוועד דער שוויגער,
לעקאָוועד די פּניי־מעכוטאָנים.
יעשיִע און אבע און קאָלערליי קלעזמער, באַווײַז זיי
אָקאָרשט, וואָס מיר קאָנען...

א באַדכן איז פּונקט, ווי א בעזעם אין מערכעץ:
מע בעזעמט זיך אויסעט און — יויצע...
נאָר ווען־עס־איז בלײַבט נאָך א געל־גרינינק בלעטל
אַף א נעגידישער פּלייצע...

באַדײַ וואָלט איך א באָנדער זײַן,
א פּראָסטער לאָזעקרוט,
אבי נאָר ניט קיין באַדכן זײַן —
א באַדכן איז ניט גוט.

אבי נאָר מער ניט ברעכן זיך
אױף טישן און אױף בענק.
װאָס װײסן זײ, װאָס הערן זײ,
װאָס פֿילן זײ, אז כ'בענק —

ס'זאָל יעדער װאלד א פֿידל זײַן,
און יעדער בױם — א סמיק...
און אַלע נאַכט עס גײט אױף מיר
א גרױסער סאָרט מוזיק...

צערײַס איך זיך, צעבײַס איך זיך,
צעברעך איך זיך די הענט.
דער קלעזמער־יונג, דער באדכן־יונג,
ער װערט אין מיר פֿארשעמט.

באזעצנס — זינג, באדעקנס — זינג,
זינג צו פֿלײש און יױך —
עס דארף פֿון פֿרײד זיך אומװיגן
יעדער גראָבער בױך.

און יעדער אײנער שרײַט צו מיר:
— ברעך זיך און דערפֿרײ!
און יעדער אײנער מאָנט פֿון מיר...
און מיר אלײן טוט װײ.

אױ, נעמט פֿון מיר דעם באדכן צו,
ער קריכט שױן מיר פֿון האלדז.
װאָס זאָגט איר אפֿן מארשעלעק,
װאָס קװיקט אײַך דאָ מיט אלץ?

קאפּעליע — שפּיל, קאפּעליע — שאַל,
צערייץ אין מיר דעם לעץ.
קוקט, ווי לייזער באדכן ווערט
אין סינע איצט צעזעצט.

א ווארע מאכט, א ווארע מאכט,
איך גיי דאָ אָפּ מיט בלוט...
באדיי וואָלט איך א באַנדער זײַן,
א פּראָסטער לאָזעקרוט".

ס'האָט לייזער געענדיקט, דער אוילעם בלײַבט זיצן —
דאָס איז ער פארכידעשט געבליבן:
„שוין איינמאָל א לייזער מיט קאָלערליי שמאדשטיק.
איי, האָט ער קאטאָוועס געטריבן"...
און ס'האָט דער מעכוטן פון גרויסער מעסיקעס
די איידעלע הענט זיך געריבן...
ס'איז לייזער געשטאנען און גאַרנישט פארשטאנען,
עס האָט אים נאָר עטוואָס געפיבערט...

זאָל זײַן שא! זאָל זײַן שטיל! די היץ פאלט אראָפּ,
זײַנען פּײַכט שוין די ווענט און די סטעליע.
ס'ווערט ביסלעכווײַז שטיל. עס גרימפּלט שוין מיד
די גרויע צעקנייטשטע קאפּעליע...

פארוקט אין א זײַט, זיצט דאָ לייזער און שווײַגט.
ער קען שוין דעם קאָפּ ניט פארהויבן.
אין דרויסן ווערט טאָג. דער טאָג זעצט זיך אָפּ
אויף די בלויע פארצויגענע שויבן...
אין לאנגע רעטאָנדעס, אין שטרײַמלעך, אין לאסטיק
צעגייען זיך די מעכוטאָנים.
זיי גייען אהיים, און עס וועט זיי דאָס מאזל
ארויסגיין אנטקעגן מיט פולן...

זיצט לייזער אליין. ער רײַבט זיך דעם שטערן.
ער קען זיך נאָך אַלץ ניט דערמאָנען,
וואָס האָט ער געטאָן דאָ... און אומעט עס שפּרייט זיך
אויף לײדיקע טישן און שטולן...

„הייסט עס — וואָס? הייסט עס — נישט. הייסט
עס — גאָרנישט מיט נישט. ס'איז א
מאָשל א טאָרבע מיט פלעקער.
אָפּגעשפּילט און געננוג? גיי אהיים? אויב דו ווילסט,
קענסט א מיסע־מעשונע זיך אָנטאָן?..
מאָרגן קום אפצוריק? צום דאָברידזיען דערפריי?.."
אין די אויערן הילכן אים גלעקער:
„לייזער באדכן, דו הערסט, טרינק אוים ספירעט א גלאָז,
אוווּ איז ער, דײַן אייגענער יאָמטעוו?..
מעכוטאָנים — לאמדאָנים, נעגידים־אדירים, שיינע
ייִדעלעך פרומע און גוטע,
וואָס זײַנען פון לאנג פאניבראַט מיט דעם פײַנעם
ריבוינעשעלוילעם,
וואָס האָט איר פארשלעפּט אונטער לאנגע רעטאָנדעס
און קאָשערע פרומע סורדוטן?
מײַן יאָמטעוו גיט אָפּ!" און ס'דאכט זיך אים אויסעט:
ער זיצט דאָ אינגאנצן א הוילער...

1936



קײַלעכדיקע וואָכן

(פראגמענטן)



. . . .

ווּקסיק און ברייט איז די שטוב בא רעב כעזקל פון גאָמבין.
ווּקסיק געבויט און פארלייגט אף א פעסטן פונדאמענט.
די טירן — פארהויבן. די שויבן — געשײַערט.
דאָס מעבל אין סאמעט.
שפאנט ער ארום, אָט דער כעזקל, מיט זעטיקער רו אף
דער גאָמבע.

פון מײַרעוו געקומען. איצט מאכט ער פּאוואָליע האוודאָלע.
— ווערִטען לעכאָ מיטאל האשאָמאיִם אומישמאניי
האָארעץ— — —
די שפּײַכלערס באלאָדן מיט פלאקסן, מיט ווייצן, מיט קאָרן,
און ס'כראָמשקען דעם גאָלדענעם האָבער די פערד אין
סטאָדאָלע.

עס ווארטן די בעהיימעס אף מעלקן אין ווארעמע שטאלן
און טרייסלען געראָטן מיט פולע און ווארעמע אײַטער.
ציִען זיך וועגן פון שטעטלעך און דערפעלעך ווײַטע,
שטראָמען אהערצו און בלײַבן צעטראָטן דאָ אלע...

אים ברענגען די דערפער די ערשטלינגען־טווּעס צו פירן.
נאָך רוילעכע קערנער אין פײַן און אין הונגער געדראָשן.

און שטעטעלעך שיקן דעם לעצטן, פֿארבלוטיקטן גראָשן,
זינגט ער פֿאוואָליע: אל־טירא, אל־טיראָ, אל־טיראָ!..

די פֿליטן צעלאָזן, שווימען זיי איצטער קיין דאנציק.
און דאָרפֿישע יונגען אויף טײַכן באזינגען־באוויינען די דאָליע.
אָט שפּאנט ער, אָט גייט ער. אָט זיצט ער.
פֿאוואָליע, פֿאוואָליע.
און ס׳דאכט: דער ריבוינעשעלוילעם אפֿילע געהערט אים
איינגאנצן...

אײַ, גוט איז. אײַ, ווויל איז. איצט נעמט ער
א ביסעלע מאשקע.
— לעכאיִם, לעכאיִם, און לעבן זאָל ווערן נאָך לײַכטער.
קומען אלמאָנעס און ברענגען געשײַערטע מעשענע לײַכטער.
—נאט אײַך, רעב כעזקל, ניטאָ שוין קיין בעסערער מאשקן...

ברענגען די שוסטער מאשקאָנעס און בעטן אנטלײַען
אויף רימען.
קומען די שנײַדער און ברענגען די קעפּלעך פֿון
זינגער־מאשינעס.
— אײַ, גאָטעניו זיסער, איך גיב דײַנע אָרעמע ייִדן
פֿארדינען,
מיר זײַנען מיט מיצוועס פֿארפּולט,
ווי מיט יאָדרעס פֿארפּולט איז דער מילגרוים...

אײַ, גוט איז. אײַ, ווויל איז. איצט נעמט ער א צווייטן
לעכאיִם.
— הערסט, רעב יעכעזקל, מיר ווען דערלעבן, דערהארן!
אָט טרינקט ער. אָט זיצט ער, אָט שפּאנט ער.
א ווארע! א ווארע!
און ס׳שטראָמט אין די גלידער א שיקערער, פֿריילעכער
פֿײַער.

— היי, ייִדן, היי, גויִים, קאפּצאָנים־דאלפּאָנים־עוויינים,
נאט אײַך און טרינקט פאר מײַן קאָוועד א שטארקן לעבאיִם!
וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איך וואָלט אײַך ניט וועלן
אנטלײַען? —

איר וואָלט, ווי די קלאָווים צעפּייגערט,
איר אלע אזעלכע־אזוינע.

ליגן אף טישן — טאלייסים, כאליאוועס און גאָלדענע
צלאָמים.
בערדיקע פּעלצן, סורדוטן און שטיקער פון טומע...
האָט רעב כעזקל באפוילן, דער רעבע זאָל קומען, —
איז דער רעבע געקומען פרום, ווי אן אָמיין.

איז געקומען דער גאבע, דער כאזן, דער שאמעס:
— רעב כעזקל, גוט־וואָך אײַך, רעב כעזקל — יעכעזקל!
האָט מען צעזעצט זיך בא טישן געוועקסטע
נאָכאמאָל פראוועז דעם אוינעג שעל שאבעס.

האָבן זיי צעזעצט זיך אלע בא די טישן
און האָבן זיך גענומען פאר די פליישן און די פישן
— אײַ, טשירי־בים־באָם,
— אײַ, טשירי־באָם!

האָבן זיי געטרונקען פון דער הייליקער פלאשקע,
לעבן זאָל, אײַ, לעבן זאָל, אײַ, לעבן זאָל די מאשקע.
— אײַ טשירי־בים־באָם,
— אײַ, טשירי־באָם!

און זײַנען זיי אלע בעגילופנדיק געוואָרן,
האָבן זיי געשיקט נאָך די פריילעכע קלעזמאָרים.
זײַנען די קלעזמאָרימלעך
געקומען מיטאמאָל.

פידל־פּלייט,
צימבל־באַס,
פידל־פּלייט און פּײַפּיאָל.

האָבן זיי צעשטעלט זיך אַלע בא דער טיר.
זיי ווילן מעסאַמייעד זײַן דעם רעבן און דעם גוויר.
העפקער־הויל און העפקער־אָרעם,
מיר, די פריילעכע קלעזמאָרים,
וואָס זשע זאָלן שפּילן אײַך?
עפּשער שפּילן אײַך א פריילעכס?
עפּשער שפּילן אײַך א וואָלעך?
עפּשער שפּילן א „סטראַדאַניע״,
וואָס זאָל ריידן, ווי א טײַך?

— שפּיל, קאַפּעליע,
— שפּיל, קאַפּעליע,
פונעם דיל און ביז דער סטעליע, —
שפּיל, שפּיל,
ווײַל רעב בעזקל נאַכעם וויל.
ווײַל דער רעבע רעבע כעדווע וויל.
— שפּיל,
— שפּיל!

האָבן די קלעזמאָרים זיך פאַרנומען מיטאַמאָל —
זײַנען זיך די סמיטשעקעס פאַרגאַנגען אַזוי זיס,
דער באַס האָט אָנגעהויבן טרעטן אַף די פיס,
און ס׳פּלאַטערן שוין פייגעלעך אין דינעם פּײַפּיאָל.

— יאָשקע — אַף דער פידל,
בערל — אַף דער פּלייט.
מיר זײַנען אַלע ייִדן
פאַרברידערט און פאַרדרייט.

מיר בלײַבן פרומע ייִדן
אפילו נאָכן טויט,
איז דאָך דער ליוויאָסן
נאָר פאַר אונדז פאַרגרייט.

האָט דער רעבע פאַרצויגן א הייליקן ניגון:

א לויב צו געצעלטן פון „שם",
א לויב צו די קינדער פון „שם",
מיר נאָר, אוי, מיר נאָר אליין
קענען די טוירע פאַרשטיין
און שווימען אין געטלעכן טהאָם.
— אײַ, טשירי־באָם,
— אײַ, טשירי־באָם!

א כארפע — צו קינדער פון „חם",
א שאנדע צו קינדער פון „חם";
זיי לעבן פארטעמפּט און פארגרעבט,
שטענדיק אין גאשמיִעס געלעבט,
זיי אלע, די קינדער פון סדאָם.
— אײַ, טשירי־באָם,
— אײַ, טשירי־באָם,
באָם,
באָם!

קלין־ג־לין־גא־לעך!
גלויבט־לויבט א־א־לע!

גלעקער — קלינגען,
גלעקער — קלאָגן.
גלאָק,
גלאָק!
מאָרגן — כאָגע.

מאָרגן — כאָגע.
כאג —
כאָג!
איַיער שאבעס, איַיער שאבעס —
שטויב, אש־ש־ש —
שיידים־מייסים־מעכאשייפעס —
א שאבאש,
א שא־בא־א־ש.
אלע, אלע, אלע, אלע,
גלויבט אין גאָט און גלויבט אין גאלעך!
גאָט!

און דער גלאָק, דער וואָגיק־העכסטער,
ברומט און וויגט זיך! ברומט און קרעכצט — — —
באָך!
Бог!
און דער מיטעלער, דער דינער
פעט פארכליאָבעט זיך אין סינע!
זשיד — און זשיד — און כאלאמיד־ד־ד.
זשיד — און זשיד — און כאלאמיד־ד־ד.
און דער יונגינקער, דער דינסטער,
רייצט זיך פריילעך אינדערפינצטער:
דין,
דין,
דין,
דין!
...סוויאטאָהאָ דוכא! און — אמין־ן־ן.

אינמיטן דערין — — —

א קופערנער, קרעפטיקער, הילכיקער דזין,
א פריילעכער קלאפּן פון פערדישע פיס,

א געלויף —
א געלאף.
די טיר האָט זיך פּלוצלינג געגעבן א ריס —
אריַין איז דער קאָניוך פון גראף.
— פאן כאצקל, צום יאסנעוועלמאָזשנעם — געשווינד!

אין שטוב האָט א בראָך געטאָן פּלוצלינג א ווינט...
דער ראָוו איז געבליבן אין יארמלקע שטיין,

די גאנצע פאמאליע — ניט יאָ און ניט ניין,
דעם כסידישן ניגן האלט שטום אין די ציין...

— א־יא־יאיַי, א־יא, יא־יאיַי, לאָמיר אלע אוועק —
רעב בעזקל דארף לאָזן זיך גיכער אין וועג.

א־יא, יאיַי, א יא־יאיַי, זאָל מאצליִעך אים זיַין.
איז יעכעזקל אין טכוירענעם פוטער אריַין,

דעם קאָלנער פארהויבן, דעם האלדז זיך פארשטעלט,
א טאפּ געטאָן רויִק דעם בוזעם מיט געלט,

מיט וועקסלעך, שטאריסקעס, פאפירן און — נאָך —
א זאָג געטאָן פרייִלעך: — מיט מאזל די וואָך!

אין דעם שליטן אריַין, די פיס זיך פארדעקט,
און ברייטלעך געלאָזן אין גרעפישן וועג.

א כוטער.
א פולווארק.
א פולווארק.
א כוטער.
דער וועג איז א וועג און דער גראף איז א גוטער.
יעכעזקל פארדרייט זיך נאָך טיפער אין פוטער.

א כוטער.
א כוטער.
א כוטער.
א כוטער.

קארניזן.
באלקאָנען.
א טיר אף א טיר.

באַם גראף איז פאראן נאָך א קלאָרער סארטיר.

א בילד. אפן בילד — א שעד אין א שמייכל:
„באאל בעויר מעכאקע אלייכעם".

א פינטשער. דעם קאָפּ אף די לאפּעס פארלייגט,
קוקט מיט א קאלטן פארגלעזערטן אויג...

איז יעכעזקל געבליבן אין טכוירענעם פעלץ,
— אײַ, סארא היץ. אײַ, סארא קעלט...

האָט ער אין פוטער זיך דיקער פארדרייט,
בא די קרישטאָלענע טירן ער שטייט.

ער שטייט? נו, איז גוט. זאָל ער שטיין. זאָל ער שטיין.
דער גראף וועט אהערצו באלד קומען צו גיין.

יעכעזקל, האנאָגיד, האמפורסעם, האגוויר,
דער גראף איז פארנומען פון יענער זײַט טיר...

דער גראף — איז א גראף, וועט עס דויערן לאנג...
רויִק, קיין פּיפּס, און קיין קרעכץ, און קיין קלאנג...

האָט יעכעזקל געוואַרט און שוין מער ניט געקענט, —
עס שרעקן די גרעפישע, מירמלנע ווענט.

עס הילכט און עס גרילט אין דער רו פון דער נאכט,
האָט ער די אויגן פּאַוואָליע פאַרמאַכט...

בעלאכאש פארענדיקט וועט לעכאָ. — — — —

איך לאך,
אוי, איך פּלאַץ,
אוי, איך שטארב — — — —
כאָ־כאָ־כאָ!

א קרישטאָלענע טיר,
א פאיאנסעווע טיר
פירט פון די זאלן צום קלאָרן סארטיר.

ער שטייט? נו, איז גוט. זאָל ער שטיין.
דער גראף וועט, מיסטאמע, באלד קומען צו גיין.

ווײַנענדיקע ווייקן זיך...

1

ליגט א געגנט דאָ פארלאָרן, גאָרע וועלט איז דאָ פארהאקט.
אלטע טראקטן, טיפער באָדן און א יונגינקער סאָסניאק.

פּוילע פניאָקעס, ווײַסע פּלויטן און א בענקשאפט נאָך
א שטאָט...
דרייט א וועג און גייט־פארדרייט זיך,
און קיין וועג איז שוין ניטאָ.

קויטיק־כּליופּיק. קויטיק־כּליופּיק. כּלאם. שלעפּ. כּליפּ.
ווידער טראקטן. טאָפּעט־טופּעט. רעדער־סקריפּ.

כאלופּקעס־כאַטקעלעך צעוואָרפן. שטרוי. קין. פּיַין.
זינקען געגנטן אין טאָרפן.

וואָס
וועט
זיַין?

2

ווײנענדיקע ווייקן זיך,
ווייקן זיך די וואַסערן,
די וואַסערן די פּוילע —
בא די פּוילע ברעגעם אַף דעם טיַיך ארעסע.

קומען ווינטן ווייען דאָ,
קומען וועלף און וויען.
ווייען־וויען־ווײנען דאָ —
בא די פּוילע ברעגעם אַף דעם טיַיך ארעסע.

ווידו זא וואָראָטי — מכי די באָלאָטי,
טויטע טאָרפן פרייען דאָ,
וויסטע וועלדער ווילדעווען,
כוואַליעס פארקאַלייעטע,
ווינטן גרין־פּאַרווייעטע —
בא די פּוילע ברעגעם אַף דעם טיַיך ארעסע.

ווי איינזאַם איז וויַיסרוסלאַנד דאָ.
ווי עלנט איז וויַיסרוסלאַנד דאָ.

אַז אָרעם די כודאָבע
און כמאַריק די פּאָגאָדע
בא די פּוילע ברעגעם אַף דעם טיַיך ארעסע.
איז ווער וועט אונדז דאָ קאָרמענען
און ווער וועט אונדז דאָ אָנפּויען —
בא די פּוילע ברעגעם אַף דעם טיַיך ארעסע.

3

ווייע־וווּיע, וואַרעמע זשאַלייקע,
עס ווײַנט אין דיר דער פּיען — דער בעלאַרוס.
ביזוואַנגען וועלן מיר, ווי ליקע, זיך דאָ ווייקן
אין דער זאָלקער, אָפּגעלאָזטער רו.

אין ווילדער וויסטעניש דאָ זינקען טויטע וויאָרסטן,
און מיט צינגאַ עס אָטעמט אונדזער מויל.
די ערד איז דאָ פאַרגאָסן מיט קאַראָסטע,
און ס'איז די הייך ביז מײַרעוו־פּאַס צעפּוילט.

דער גאַנצער קאַנט — אַ שטיק פאַרקלעפּטער קאָלטן:
ניט דורכפּאָרן, ניט דורכצוגיין צופוס.
עס האָבן אים, אַפּאָנעם, לאַנג פאַרשאָלטן:
איין גאָט — פּערון, דער צווייטער גאָט — יִיסוס.

ווערבעס —
קאַרליקעס און ליליפּוטן.
איר וווּקסיקער און כמאַרע־רויך,
די ערד פאַרבראַקניעט דאָ מיט קראַנקע בלוטן
און ווילגאָטש רויכערט זיך ביז וואָלקן־הייך.

ספּאַגנום פּאָשעטער, ספּאַגנום טײַערער,
ספּאַגנום — לעבעדיקער־טויטער מאָך,
עס בראָדזיען אום אַף דיר פאַרקילטע פײַערן
און ביבערס ווײַנען דאָ ביז גרײַזן בראָך...

אַזאַ קאַליעלע דאָ, אַזאַ פאַרטײַעטקײַט,
די געגנט טרייסלט זיך אונטער די פיס.
און ס'ליגט אַ פּויערל באַ טוכלע שײַטערן —
אַ פּולינק טולופּל מיט רעוומאַטיזם...

ניט מע אקערט דאָ און ניט מע בראָנעוועט.
בערן־טומפּיקייט און פּיקס־גנעלאַף.
אַף פּאָלעוואַניע נאָר
קומט צו פאָרן ווען
מיט א כאַליאַסטרע הינט
דער יונגער גראַף.

4

הונדערט וויאָרסט אין דער לענג.
הונדערט וויאָרסט אין דער ברייט.
ניט פארהוליעט נאָך אָט דעם מאַיאָנטעק.
אין א מירמלנעם שלאָס —
א גינגאָלדענער דיל,
אַף דעם גילדענעם דיל —
קלאָר־קרישטאָלענע בענק,
אין דעם מירמלנעם שלאָס,
אַף דעם גילדענעם דיל,
אַף קרישטאָלענע בענק,
איין כווידעש אין יאָר
קומט דער גראַף און ער פראוועט דאָ יאָמטעוו.

פון די בעדער, צי וואָס?
פון די בעלער, צי וואָס?
קומט דער גראַף אָן אין מארדערס פארקוטעט.

ווערט גלייך ליכטיק אין שלאָס,
ווערט גלייך הילכיק אין שלאָס,
געטראַנק און קרעדענץ,
און קלעזמאָרים און טענץ,
און אין גילדערנע קרענץ...

כ׳וואָלט דערציילן פון — דאָס,
כ׳וואָלט דערציילן פון — יענץ,
נאָר איך וויל ניט.
גענוג:
עס איז סקוטש־נע־ע־ע.

5

און דער גראף האָט זײַן קאָניוך נאָך מערער געליבט,
ווי דאָס פערד אין די גילדערנע עפּל.

הארבסט, ווען די גענגנט פלעגט זינקען אין כליפּ,
אין ווײַסן, ווײַסרוסישן נעפּל,
פלעגט ער דעם קאָניוך דאן רופן צו זיך,
הייסן אים אָנטאָן סאפיאנאָווע שיך
און טאנצן אף שפּיגל־פּארקעטן.
דער צימבל פלעגט צימבלען,
די דודע פלעגט בעטן,
און דער קרעפּטיקער קאָניוך אין איידעלע שיך
פלעגט טאנצן אלץ העכער און גיכער און גיך,
ביז אין אויג פלעגט זיך מישן מעשוגע די ליכט,
און אין קאָפּ פלעגט אים ווערן שטאָק־פינצטער.

אוי, דער גראף האָט זײַן אייגענעם קאָניוך געליבט
נאָך מער פון דעם איידעלן פינטשער.

און פּלוצלינג אין הייסער צעהוליעטער שפּיל
האָט דער קאָניוך געגעבן מעשוגע א בריל

און א שפּײַ אף די ווענט, און א כראק אפן דיל,
אז געוועזן איז א וויסטער ביזאָיען...

און פאַרטאָג, ווען דער קאַנט האָט גענומען שוין גרויען
און די נעפּלען פון נאַכט ניט גערירט,
האָט מען דעם קאָניוך אין סמאָלע פאַרשמירט,

האָט מען דעם קאָניוך אויף טאָרפן געשלעפּט,
און ס'האָט זיך די פאַטלע צום שטערן געקלעפּט,
צו די הייסע פאַרלאָפענע אויגן...

און ווען ס'האָבן די טאָרפן א מענטשן דערשפּירט,
האָבן זיי אים מיט א ווארעמען כליפּ
לאַנגזאַם און רויִק פאַרזויגן...

אָ, דער גראַף האָט זײַן קאָניוך נאָך מערער געליבט,
ווי דעם אַלטן פאַרצײַטיקן זייגער...

— בויט!

1

אונדזער טאָג איז שענער
פון טויזנט טאָמאַס מאָרן.
סען־סימאָן איז קלענער
פון קלענסטן אינזשעניער.
מיר האָבן איצטער אופגעוועקט די מעכטיקסטע מאָטאָרן
אין יעטווידער שפּארונקעלע אויף זעקסטל פון דער ערד.

ניטאָ שוין מער קיין געגנטן
פאַרורטיילט און פאַרקנעכטיקט.

קיין שעטעכן פארוואלגערטע
אין לײדיקײט פון גרוי.
מיר האָבן זיי מיט זיכערקײט צעפּלענערט און בארעכנט,
אופגעוועקט. דערהויבן זיי. און אָנגעזאָגט זיי:
— בוי.

און אין די העכסטע דאָמנעס, און אין די טיפסטע שאכטעס
וועלן מיר אראָפּלאָזן דעם קויעך פון מאשין.
וועלן טעג פארמאָגן דאָ אף שענסטער פון פּלאנעטן —
מעכטיקײט פון מוסקולן און הערצער פון פּאָעטן...

2

ווו ס'שמעקט די לופט מיט זשוראווינעס,
ווו ס'וואקסט דער רויטער מוכאָמאָר,
מיר וועלן מוזן אויסגעפינען —
דיקן קויעך פון מאשינעס,
רויטע קראפט פון אונדזער דאָר.

און דאָרט, ווו ס'האָט שפּאצירט דער איר,
ווו ס'האָט דער בער געשלעפּט זײַן פעל,
מיר וועלן אופשטעלן געטרײַע
פולע לעמפּעלעך מיט פײַער
און זיי צעשיקן איבער וועלט...

דורך נעפּלען, האָריקע טומאנעס,
אף די אײַלנדיקע פיס,
יאָגט אײַך, סלופּעס, גרינג צעשפּאנטע,
ווײַל אין אײַך איז אויך פאראנען
טיפער טרוים פון סאָציאַליזם.

3

ווייסטעניש אף טויטע טאָרפן. אין ווייסטעניש צעפוילטע האַ.
און ס'קריכן שטייפע עקסקאַוואַטאָרס מיט ליאַפּעס
ברייט צעעפנט: — האַם!
פונוויַיטן — שלאַנק, די קעפ פאַרהויבן, יונגע בושעלעס
צעשטעלט,
פון נאָענטן — אין שטאָל געקאָוועט עסן זיי דאָס
פוילע פעלד.

ניט קיין בושעלעס די קעפּעלעך פאַרגראָבן טיף אין
טאָרף —
עקסקאַוואַטאָרן אין שטאָלענעם,
אין שטאָלצן וואָרף,
די ווילדע ווייסטעניש
צעפּרעסן און צעפאַטערן.

א דריי דעם בלאָק — צעיאָגן זיך קאַנאַטן
און ס'טראָגט זיַין קאָפּ א יונגער עקסקאַוואַטאָר,
ער וואַרפט זיַין קאָפּ
פאַרשיקערט
און פאַרליבט
אף טאָרף,
אף מאָך און
כליופּענדיק־און־כליפּ
א פולן מויל מיט טאָרפן אָנגענומען,
א פולן מויל מיט אוראַלט אויסגעשפּיַיט...
און דער אַלטער איַינגעוויגטער אומעט
געוואַלדעוועט אף ראַכוועסן פון ציַיט...

4

טאָרף — דאָס איז ברויט, נעם צעשנייד אים און עס.
טאָרף — דאָס איז קויעך אין מוסקלען פארפרעסט.
טאָרף — דאָס איז בלוט אין מאשינעס־קאָנטאקט,
טאָרף — דאָס איז יוגנט, וואָס הוליעט געשמאק.

5

לעצטע באלאָדענע, שווייסיקע שאָ.
ס'האָט דער הודאָק זיך צעפּאָכעט אין לופט.
ס'האָט פּיניע דערפילט, ווי עס נאָיעט דער גוף
און איילִיק געקומען צו זיך אין ביוראָ.

מע האָט די באראטונג מיט טעמפּן געפירט,
ווייל לײדיקע צײט איז בא קײנעם ניטאָ.
א כאוועַר האָט קורץ די ביוראָ אינפאָרמירט —
שיקן א גוטן פּארטײער אף טאָרף.

— פּיניען!
— איך פּאָר!
— אז מיר זאָגן ניט: — ניין.
דערנאָך, ווען מע איז שוין געגאנגען אהיים,
איז פּיניע געבליבן צעטומלט אין גאס,
אזוי ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט.
דערנאָך האָט זיך ווארעם געהוידעט זיין באס:
— כ'בין דאָך מיט בלאָטעס פון לאנג שוין באקאָנט.

ער איז פון דער וואכטע געקומען צו גיין.
די ברודיקע נעגל געוואשן ביז ריין.
געגעסן. געלייענט. און מער ניט געקענט,
און שטיל זיך פארטראכט אף די קופּערנע הענט.

זיצט ער שטיל באַם האַרטן טיש.
די גאַנצע ראַכוועס — אָפּן.
אין קאָפּ איז העל און אויפגעמישט
און ס'ווילט זיך גאָר ניט שלאָפן.

„איז גוט אַזוי אינמיטן נאַכט,
ווען הײַזלעך ליגן שוין פאַרמאַטערט,
אַרויסגיין שטיל, אַרויסגיין שאַרף
אין אַלטע אומרויִקע שמאַטעס.

זיך לאָזן לויפן גיך און גיך.
אַ געסל נאָך אַ נעסל.
און אָט — ביסטו, און אָט" — — — —
ס'איז פּיניע אומגעריכט
ווי אויסגעוואַקסן גרעסער.

ער האָט אַ שטעל געטאָן דעם שטול,
אַ מעסט געטאָן די דילן.
— וואָס זשע האָסטו זיך צעדולט,
פּינקעלע־ווערזילע?

איז ער געבליבן באַ דעם טיש
און אויסגעברומט אַ ניגן.
גאָר זײַן יאַטל לײַכט און פריש
טשוכעט זיך אין וויגל.

זײַן יאַטעלע שלאָפט אין געפלאָכטענער וויג,
אַ פּיצעלע האַנט הענגט פּאַוואָליע אַראָפּ,
און ס'דוכט — צו זײַן קינדערשן פּוכיקן קאָפּ
האָט זיך דאָס קישעלע ווייך צוגעדריקט...

— יאטעלע, דיר איז שוין אָפּן און ברייט,
דיך האָט שוין קיינער אין האם ניט פאַרפּרעסט.
יאטעלע, וואקם אַף דעם גינציקן קעסט,
וואָס האָט אונדזער לאנד דיר מיט ליבע פאַרגרייט.

יאטעלע־יאט, דו געבענטשטער בענקאַרט!
ס'האָט פּיניע געוואָלט אים א נעם טאָן פון וויג —
און האָט זיך פאַרכאַפּט.
אוועק אַף צוריק.
געלייענט.
און איצט —
ניט פאַרשטאַנען אין בלאַט...

ער האָט ניט געוווּסט, צי דאָס האָט זיך געדאַכט,
צי ס'האָט זיך מעוווּלוול געכאָלעמט באַנאַכט,
נאָר ס'האָט אזא דינער עלעקטרישער שטראָם
געגאַפּט און געיאָמערט בא אים אפּן דאַך...

ער האָט ניט געקענט הײַנט דערשלאָפן די נאַכט
און איז אינדערפרי שוין געווען אין ראַיקאָם.

דו פילסט, וואָס ס'וועט זײַן...

1

סעזאָניקעס קומען אהערצו מיט שווערן, פאַרמאַטערטן
בלוט.
שטעלן זיך אוים אין קאַריערן און גייען דאָ אָפּעט
מיט מוט.
עס קלעפּן זיך שווייסיקע העמדער.
א דאָרשטיקייט ליגט אפּן צונג.
— וואסער, א ביסעלע וואסער. א קאַלטן קרישטאָלענעם
שלונג.

טרינקט מען פון טאָרפּענע בלאָטעס. זופּט מען פון
זויערן זומפּ.
— אין דער צעמאַמעטער מאַמע! אין דעם געפּייניגערטן זון!

— נעכײַ וואָלט דער גוטער דירעקטאָר
פאַרגרייטן שוין וואַסער א קוואָרט.
און ס׳וואַקסט די פאַרביטערטע שווערקײַט,
ווי דער בלוטיקער שוואָם — מוכאָמאָר.

עס ווערן באַליידיקט די רידלען אין פעסטע באַליידיקטע
הענט
און ס׳לעשן זיך גאָלדענע ציפער פון דעם געגאַרטן
פּראָצענט...

2

און ווען עס האָט פּיניע דעם רידל פאַרגראָבן אין
ריזיקן טאָרף,
האָט זיך געדאַכט אים — די אַרבעט איז ניט אַזוי שווער.
און האָט ער די סקיבע צו דעם עלעוואַטאָר געגעבן
א הייב און א וואָרף,
האָט דער גאַנצענער גוף אים געגעבן א פאַל אין קאַריער.

ער האָט זיך געגעבן א שטעל
מיט זײַן גאַנצן פאַרפּרעסטן געזונט
און צו דער בריגאַדע געשמייכלט מיט פרײַלעכע אויגן
פאַרשעמט.
דערנאָכדעם — א שפּײַ אין די טרוקענע, בלעכערשע
הענט,
און ס׳איז מיט א זיפּצל זײַן רידל
אַרײַן אין דעם טאָרפענעם גרונט.

עס האָט די בריגאַדע געגראָבן צעטומלט, מעוו‍ּגלוול און גיך,
הילכיק געפּלאָנטערט און איינער דעם צווייטן געשטערט.

ס'האָט איינער א וויש געטאָן גיך דאָס צעפּלאַמטע
און פּײַכטע געזיכט,
דער צווייטער האָט נאָר, ווי דורך וואַסער,
דעם רויש פון מאָטאָרל געהערט.

מע האָט מיט אַן אימפּעט געגראָבן, געהריזשעט,
געגעסן דעם גרונט.
און ס'זײַנען די העמדער פאַרלאָפן מיט וואַרעמע
פלעקן פון שווייס,
באַלד האָט אין הימלען געשמאַליעט א גרויסע,
פאַרלאָפענע זון,
און הענטלעך פון לאָפּעטעס זײַנען געוואָרן אי שטעכיק
אי גרויס.

געפּרוּווטע פאַרטייער, וואָס זײַנען צו אַרבעט געוווינט,
ווי צום שטענדיקן ברויט,
און דער קאָמסאָמאָל, וואָס איז אויך שוין מיט אַלערליי
שווערקײַט באַקאַנט, —
האָבן מיט נאַקעטע לײַבער געאַרבעט געהאָרכזאַם,
פאַרפּאַליעט און רויט.
און ס'האָט דער קאַריער איבער זיי שוין פאַרהויבן
א טאָרפענע וואַנט.

און ווען די בריגאַדע איז רוי‍ִק־פאַרמאַטערט געגאַנגען
צוריק,
האָט קיינער פון זיי ניט געהערט שוין די פּודיקע,
שווייסיקע הענט,
מע איז אַף די נאַרעס געלעגן, און ס'איז אַזוי רוי‍ִק געווען,
און ס'האָט זיך געהערט, ווי עס שליסט זיך א בליק
מיט א בליק.

3

ס׳האָט פֿיניע איצט גערוט פֿון פֿולן הארצן.
עס איז די נארע אים געדולדיק־זים.
נאָר ס׳ווילן אלץ ניט אופהערן צו שמאַרצן
די הענט, די גראָבע פינגער אַף די פים.

ער וואָלט מיט פרייד זיך געבן א פּאטשאווע, —
זײַנען ניט געהאָרכזאם איצט די הענט.
ער וואָלט מיט פרייד איצט ריידן צו א כאווער, —
האָט א מידקײַט צוגעמאכט זײַן ברעם.

עס רוען דאָ פּארטייער, קאָמיוגיסטן, —
ס׳האָט יעדערן געשיקט אהער די מי.
און יעדערער וואָלט וועלן איצטער וויסן, —
ווער פון זיי האָט מער זיך אײַנגעמידט.

נאָר קיינער קען מיט אָפּרו זיך ניט שיידן,
יעדער ליגט און יעדער איינער טראכט,
ווען ער וואָלט איצטער אָנהייבן צו ריידן,
וואָלט ער, געוויס, גערעדט ניט צו דער זאך.

שטיקער זון זיך הענגען אַף די שויבן,
און די שויבן זעטיקן זיך אָן,
ווען פֿיניע וויל, וואָלט ער איצט נעמען גלויבן:
ער ליגט אין רויטארמייִשן וואגאָן.

ער האלט די ביקס פארשפּארט צווישן קניִען,
ער וועט שוין הײַנט ניט אויסטאָן דעם שינעל,
און ס׳לייגט זיך אוים א מידקײַט אַף די וויִעם —
פאר טעג, פאר נעכט צעשעדיקטע אין פעלד.

„ס'האָט מינסק אוועקגעשיקט א צוג מיט הייסע יונגען,
האָט פיניע אויך צווישן זיי געברענט.
ס'האָט הינטער זיי קיין מארשן קיינער ניט געזונגען
און ניט געפּאַכט מיט יאָמטעווודיקע הענט" — — —

4

בא מיקאָלען אפן שטערן וויגן זיך דרײַ קנייטשן,
נאָר די בלאָנדע פאטלע האָט באהאלטן צוויי.
ווען מיקאָלע אָטעמט, דאכט זיך, אז ער פרייט זיך.
נעמט ער די הארמאָניק, דאכט זיך, אז ער וויינט.

בא אים אין דער הארמאָניק ליגט א גרויסער ניגן,
וועלכער וואכט דערווײַלע מיט א ווייכן פרײַד.
וועט מיקאָלע פרײַ זײַן, וועט עס זיך צעוויגן,
לויכטנדיק און קוועלנדיק כוואליען, ווי א טײַך.

נאָר מיקאָלע איז איצט צופיל שוין פארנומען.
שווער איז אים צו זײַן דער עלטסטער בריגאדיר.
צוערשט האָט זײַן בריגאדע צופיל זיך געטומלט,
די ארבעט האָט געסקריפּעט, פונקט ווי ניט געשמירט.

דערנאָך האָט זײַן בריגאדע געארבעט מיטלמעסיק,
כאָטש עס האָבן אלע געהאָרעוועט ביז בלוט.
זיי האָבן נאָך דער ארבעט פארמאטערטע געגעסן,
זיי האָבן נאָכן עסן פארמאטערטע גערוט.

האָבן אלץ געבוויזעקט די שכיינישע בריגאדעס:
— נא דיר קאָמסאָמאָלן, און נא דיר א פּראָצענט!
איר וועט דעם טאָרף ניט נעמען מיט רייד און מיט
פאראדן,
טאָרפן דארפן האָבן צוגעגרייטע הענט.

נאָר הענט, וואָס זײַנען שטענדיק אין ארבעט אויסגעקנאָטן,
און יונגען, וועלכע פילן ביז אָטעם די פּארטיי, —
האָבן שוין געארבעט מיט א ברייטן אָטעם —
קאריערשטשיק צו קאריערשטשיק אײַנגעשפּארט אין ריי.

רידל צו רידל.
סקיבע צו סקיבע.
און שטאָלענע ציינער
קײַען עס איבער
פּעט און געדיכט.

דאָ ווערן די טאָרפן, די מאָכן פארניכט.

ניט טאָרפן, ניט מאָכן — נאָר שטיקער מיט ליכט,
און ס׳ווערט דאָ פארניכט,
און ס׳ווערט דאָ פארניכט
דער אוראלט, וואָס איז דאָ געוואקסן געדיכט.

5

פּיניע — ברוין. מיקאָלע — בלאָנד, מיט סאמעט
אין די אויגן.
פּיניע — זיצט. מיקאָלע — ליגט אין שווערקײַט
אויסגעצויגן.

שלאָפט און כראָפּעט דער באראק אין כּיעסדיקע שוויסן.
און אפן דאך עס ליגט א נאכט, א קלאָרע און א גרויסע.

נאָך דער ארבעט נאָיען הענט פארמורזעטע אין טאָרפן,
האָט מען זיך אף נארעם ברייט צעשלײַדערט און
צעוואָרפן,

מיט פּיס, מיט הענט אַרײַן אין שלאָף, אין טיפֿעניש
פֿאַרקראָכן.
כאָלעמט זיך איצט רידל־קלאַנג און וואַרעמקײַט פֿון
מאָכן...

דיק דער רײַעך פֿון די פּיס. יוכטענע שטיוואַלעס
גיבן אָפּ מיט פֿרײַעניש, מיט קרעפּטיקײַט פֿון שטאָלן.

ברענט א ליכט. און אױף דער ליכט די לופֿט, ווי א פֿאַפּאַכע.
ברענט א ליכט. און בא דער ליכט צוויי כאַווײַרים וואַכן.

פֿיניע — ברוין, מיקאָלע — בלאָנד, מיט סאַמעט אין
די אויגן.
פֿיניע — זיצט. מיקאָלע — ליגט אין שווערקײַט
אויסגעצויגן.

האַלבע נאַכט. די ליכט איז וואַך, און בענקשאַפֿט
רעדט אין בלוטן.
בלאָנדזען ווערטער גלאַט אַזוי. מאָרגן איז א רויטאָג.

באָלשעוויקעס — יונגען צוויי. און דער אָפּרו בעט זיך.
רעדט זיך רויִק גלאַט אַזוי, גלאַט אַזוי עס רעדט זיך.

פֿיניע זאָגט: „...איז מײַנסטו וואָס, מיר איז אַלץ באַקאַנט
דאָ.
מיך האָט מען געשיקט אַהער אױף אויפֿשטאַנד און אױף
באַנדעס.

דעמלט האָט געיושעט דאָ בולאַק און די בולאַקעס,
און מיר זײַנען געווען הונגעריק און נאַקעט.

די טאָרפּן, וואָס קאָסטן אונדז קויעך און פּיַין, —
דאָס זיַינען דאָך וויאָרסטן, און יאָרן מיט שיַין.

אָט שטייען מיר ביידע פאַרמאַטערטע שווער,
און ווען־עס־איז וועלן מיר קומען אהער —

עס פליעסקעט אין וואַרעמע וואָלטן די ערד.
דו פאַרשטייסט, ווען עס גיט זיך מיר פלוצלינג א קלער,
וואָס מירן פאַרמאָגן אָט דאָ אױף דער ערד,

ווייס איך אליין ניט, ווען איך וואָלט געקענט,
איך וואָלט זיך צעביסן די אייגענע הענט.

דו פאַרשטייסט, נו, דו ווייסט, נו, דו פילסט, וואָס ס'וועט זיַין,
אז א בראָך זאָל אין אונדזערע הערצער אַריַין..."

פרי, ס'ברענט די ליכט. נאָר ס'איז העל שוין אָן דעם.
מע שלאָפט אין באַראַק דאָ מיט קויעך פון דעמב.

נאָר ווען עס דערהערט זיך, ווי עמעצער שריַיט,
גיט מען זיך פלוצלינג א קער אױף א זיַיט.

א קער אױף א זיַיט און א דריי אױף צוריק,
און מע צעעפנט פאַרוווּנדערט דעם בליק...

— וואָס איז דאָרט? ווער איז דאָרט? טשטאָ? און טשאהאָ?
אז ווער האָט געשריִען אין ראַניצע דאָ?

איז מעוווּלוול געוואָרן דער אָפּרו פון דעמב.
ווער אין די טרוסן און ווער אין דעם העמד,

א האַלבער באַראַק שטייט שוין וואַך אַף די פּיס.
האָט פּיניע געגעבן די ליפּ זיך א ביס.

האָט מיקאָלע א שפּרונג געטאָן הילכיק פון בעט.
— ס'איז גאָרנישט. כאַווײרים, מיר האָבן גערעדט.

— גערעדט? נו גערעדט! דאָס איז אײנמאָל שוין רײד.
פון וואָס האָט איר דאָרט געשריִען באַצווייט?

האָט מיקאָלע פאַרצויגן נאָך ענגער דעם פּאַס,
א קוק געטאָן קלאָר, ווי עס קוועלט אַפן גאַס,

דערנאָך זיך געגעבן א האַסטיקן בויג,
אַז די פּאַטלע מיט האָר האָט פאַרדעקט אים אַן אויג.

— נו, איז אָט. נו, איז הערט. נו, איז ספּראַווא אוטים
(און ס'האָט אַזוי מאָדנע געקלונגען זײַן שטים):

איר זאָגט: נו, מיר פּראַצעווען דאָ אַפן טאָרף,
און אָן סענעזענץ איז פאַרבליבן דאָס דאָרף.

און ס'נעמט אָן אַזא מין פאַרקלעמטער פאַרדראָס,
האַלעמײַ עס שטאַרבט אויס אַף די פּאָזשאַניעס דאָס גראָז,

האַלעמײַ מירן שוין ניט קאָסיען קיין היי,
— העז, נו געוויס! נו, אַוואַדע אַזוי.

— נו, אַוואַדע אַזוי? עך, איר שלעק וואָס איר זײַט,
צי ווייסט איר, אַז אָט און ס'קומט אָן שוין די צײַט.

און דאָ וועט א וואקס טאָן אזא מין סאָרט זעט,
וואָס איר האָט אפילע אין שלאָף ניט געזען.

אײַ, ווייצן, אײַ, וויקע, אײַ, קרוכקענע קרויט,
אײַ, ווארעמע שעפע פון זעטיקן ברויט.

און דאָ וועט א שפאר טאָן אזא מין סאָרט שײַן,
אז אין אײַך וועט דער שעד מיט דער מאמען ארײַן!

ראניצע, ס'טאָגט. עס ווערט ראָזלעך אין שויב.
אף אלעמענס אויגן — א גאָלדענער שטויב.

אף האָריקע פאטלעס — א לופטיקע שײַן...
אז אין אונדז זאָל דער שעד מיט דער מאמען ארײַן.

אין בוידונג־בוי
פון אונדזערע געוועטן

1

צוויי כאדאָשים האָט דאָס לעבן זיך געלײַטערט אף די
בלאָטעס.
צוויי כאדאָשים האָט געפיבערט אין דעם קליינינקן
אקטיוו.
ס'האָבן הײַפעלעך פארטייער אין ארטעלן זיך צעשאָטן,
זאָל די ראָשטשינע איצט אופגיין מיט א כּיעס פון
דער טיף...
ניט קיין עלנטע ארטעלן, גרויע בייזקײַט און פאריבל —
איין בריגאדע האָט די צווייטע אין באגײַסטערונג פארהערט.
40 טעג איז נאָך פארבליבן.

30 טעג איז נאָך פארבליבן:
סטאַלינסטאַן דארף באַלד פארגיסן
מיט א ווארעמקייט די ערד.

פיר און דרייסיק טויזנט ציגל.
פינף און דרייסיק...
זעקס און דרייסיק...
נאָך א טויזנט...
נאָך א מייע...
נאָך א צענדליק פארן טאָג.
מיקאָלע האָט מיט זיין בריגאַדע
אף די רידלען זיך צעפלייסיקט.
פיניע האָט מיט זיין בריגאַדע
אים באַגינען אָנגעיאָגט.

און ווען עס לייגט זיך אוים דער אָפּרו
נאָך א ווארמעס א געשמאַקן,
ווי עס לייגט זיך אוים דער אָוונט אף א ווייכן סענעזשניץ,
קאָן די יוגנט דאָן ניט רוען אין דער שטילקייט פון
באַראַקעס, —
בעסער דעמלט זיך פארהערן אין געזאַנגען און אין טענץ.

2

פאַלט א ראָסע אף די מאָכן
און עס ציט מיט נעפּלען־גרייז.
איז ארוים דער ערשטער באָכער
פון דעם איינגעשפּארטן קרייז.

— היי, טאַטוליע, היי, מאַמוליע,
ס'וויל דיין זון א ביסל הוליען,

ווער עס ארבעט אין קאריערן,
יענער ווישט פארשוויצט דעם שטערן,

ווער עס שטייט באם עלעוואטער,
יענער קומט צוריק א מאטער,
יענער קען ניט טאנצן פיל,
הער, הארמאָניק, בעסער — שטיל.

די הארמאָניק בעט זיך, בעט זיך,
די הארמאָניק שוימט, שרייַט,
און מיט אומעטיקע הערצער
קומען אומעט שטומע קרעכצן:
— איַי,
קומען אומעט שטומע קרעכצן:
— איַי.

האָבן נעפּלען זיך צעהוידעט,
איז די ראָסע בלוילעך־וויַיס.
איז ארוים דאָס ערשטע מיידל
פון דעם איַינגעשפּארטן קרייַז.

— היי, טאטוליע, היי, מאמוליע,
ס'וויל דייַן טאָכטער איצטער הוליען,
ווער עס ארבעט אפן פרעזער,
יענער ווערט א טאָג גענעזנט,
ווער עס שארט די טאָרפן־שטויבן,
יענער קען דעם קאָפּ פארהויבן,
יענער קען נאָך טאנצן פיל,
הער, הארמאָניק, א קאדריל!

די הארמאָניק פרייט זיך, פרייט זיך,
די הארמאָניק בעט, ברומט,
און מיט קויעך אין די פּלייצעס

טאָפּעט־טאָפּעט און געדרייט זיך —
קום!
טאָפּעט־טאָפּעט און געדרייט זיך —
— ברום.

א לעוואָנע הענגט א קלאָרע,
אין די קוסטעס — נעפּלען־גרײַז.
איז ארוים דאָס ערשטע פּאָרל
פון דעם אײַנגעשפּארטן קרײַז.

האלטן שטערן זיך אין לעשן
טויקע־פּארקלערטע.
און די פריילעכע הארמאָניק
כיינדלט זיך אָן ווערטער.

איז ארוים דאָס צווייטע פּאָרל,
ס׳דריטע
און דאָס פערטע.

3

באנאכט. די לעוואָנע — א שטאָלענער רידל.
פארשטעקט אין די הימלשע שטרעקעס.
באנאכט. און עס לייגט זיך דער טאָרפענער העקעף
אף מעכטיקע לאפּעס אנידער...

ער ליגט, דער מאסיוו, א פארשפּארטער אין זיך.
ער אָטעמט, און ס׳ציטערט זײַן בערישער דיך.
ער גיט זיך מעגושעם א קער אף א זײַט,
ער קען ניט באנעמען דעם טומל און שרײַט...

ווער האָט עס צעטומלט די אוראלטע נאכט?
ווער גראָבט זיך און שנײַדט אין זײַן טאָרפענער טראכט?

ווער האָט עס די געגנט פארגאָסן מיט שײַן?
און רידל נאָך רידל אין לײַב קריכט ארײַן.

ניט קיין שיידים — דאָמאָוויקעס־לעסעוויקעס און
לעגענדעס, —
איבער שטרעקעס שפּרייט זיך אויסעט
א מעטאלענער גלין־גלאָן:
איין בריגאדע האָט די ארבעט די באנאכטיקע פארענדיקט,
און די צווייטע האָט די ארבעט שוין פארהויבן, ווי א פּאָן.

גייט דעם אָונטברויט איצט עסן א פארמאטערטע בריגאדע,
און די צווייטע האָט דעם פרישטיק אָפּגעגעסן דאָ ניט לאנג.

— ס'איז פארנאכט איצט? — יאָ, אוואדע.
ס'איז פארטאָג איצט? — יאָ, אוואדע.
ניט פארטאָג און ניט פארנאכט איצט —
איין קאָנווייער גייט אין גאנג.

4

מע דארף שוין ניט ביזן האלדז אין דעם קאריער
און פּודן מי און קראפּט באם עלעוואטער —
עס גייט אום דער קאָמבײַן איבער דער ערד,
איבער דער צעפרעזערטער און גלאטער.

עס גייט ארום א העלפאנד — א קאָמבײַן,
צעשטויבט דעם טאָרף, פארשלעפּט אים אונטער פאכוועס.
און הא נאָך הא, ווי לאבנס שלינגט ער אײַן,
און אונטער אים נאָר קרעכצט די ברוינע ראכוועס.

אהו־אהו! עס וויגט זיך דער מאסיוו.
און דעם מאסיוו מוז דאכטן זיך, מיסטאמע,
ער ליגט נאָך אַלץ אין אייביקייַט פאַרטיפט
און איבער אים — דער שפּאַציר פון א מאמאַנט.

דער מאמאַנט גייט און רוקט זיך אויף דער זון,
דער מאמאַנט גייט, און ס'קריכן מאסטאַדאַנטן.
און ס'הייבט זיך אויף א טונקלקייט דערפון:
זיי האָבן צוגעדעקט די יונגע האָריזאָנטן...

אהו־אהו! עס רוקט זיך דער גיגאַנט.
דאָס טרייַבט אים אום א יונגער קאָמיוגיסט דאָ.
עס ליגט דער רודער רויִק אונטער האַנט —
שנייד שוואַליאָם און גרויסע טעמפּן גיסטו.

5

אַרבעטערקעס, אַרבעטער, קוסטאַרקעס און קוסטאַרן
גייען נאָך א פרייַלעכער און גאָלדענער לעווייע.
אַפּאָנעם, אַז דער באַרמינען איז קיינעם שוין ניט טייַער.
ווייַל קיינער טוט ניט יאָמערן און קיינעם טוט ניט אַרן.

וווּ זייַנען די זאָגערקעס און וווּ די שוואַרצע מיטע?
אומגעלומפּערט ראַנגלט זיך א פרייַלעכער אָרקעסטער.
רויִק, ברידער־אַרבעטער, רויִק, ברידער־שוועסטער,
לאָמיר נאָר ניט אופוועקן דעם באַרמינען אין שליטן.

ווער איז דאָס דער באַרמינען? און ווער איז דאָס דער פייגער?
ווער איז דאָס געשטאָרבן דאָ? ווער? און וואָס? און ווען?
לאָמיר איצטער אָפּזאָגן דאָ: באָרוך דאַיען עמעס.
געשטאָרבן שוין דער זונטיקדיקער, שאַבעסדיקער שטייגער.

שפּאַנען פערד פאַרוויקלטע אין ליכטיקע טאַלייסים,
גײַוועדיק און יאַמטעוודיק אין פאָרכט פון די פּאַפּאַנעס.
מאַכנעס, מענגעס מונטערע — קאַלאָנע נאָך קאַלאָנע
און שליטנס שווער באַלאָדענע מיט ברוך און... שיידים
ווייסן.

הליאַקעס ברוינע־בײַכיקע, פּוזאַטע סאַמאָוואַרן,
אַווירינגלעך און פינגערלעך פון די „טאַבאַאַס־קדושן",
הענגלײַכטער פאַרגאָסענע מיט כײַלעוו פון יערושע,
מיט טאַנע־באַרע, ברעטער־טאַרע, טאַרי־ראַסטאַבאַרי.

גלעקער געלע־וואָגיקע מיט אָפּגעהאַקטע צונגען,
ווי פרײדן שווער פאַרבלוטיקטע, נאַרוואָס פון דער שכיטע.
און ס'ליגן דאָ פאַרטוליעטע אין שאַבעסדיקן ציטער
בעכערלעך־כאַזײַרימלעך נאָך ווײַסינקע און יונגע.

פון שליטנס טראָגט מיט ווײַרעך־רויך, מיט היימישקײַט
פון אויוון,
מיט אָפּגעניצטן לידעלע פון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען"...
און ס'דאַכט — עס ליגט אין שליטן דאָ מיט ליפּן
צוקערקאַנדלען
אַ וואָלענע, קורצזיכטיקע סאַרעניו־באָס־טויווים.

מע וועט עס אַלץ אַוועקפירן אין שטרענגן קרעמאַטאָרי,
ווי ס'וואַרטן ניט דערבויטע נאָך און גלאַנציקע מאַשינען.
דאָרטן וועט דער באַרמינען זײַן טיקן שוין געפינען —
אין האַרטע רייד פון טראַקטאָרן און רעווען פון מאָטאָרן.

6

דער טאָרף וועט א ריס טאָן פאר טויזנטער דוירעס,
פאר הונגער, וואָס האָט אין זשאַלייקעס געטײַנעט.
ער וועט זיך פארכלינען אין ערדענע ווײַנען
און פלוצלינג א וואקס טאָן אין גרינער
העפקיירעס.

עס וועלן דאָ מעזשעס קיינמאָל גאָר ניט גרינען.
און פלויטן און פליינען איז דאָ ניט פאראן גאָר...
עס וועלן די טראקטאָרס א ראכוועס געפינען —
הולײַ! און הולײַ ביז אריבער די ראנדן!..

און פארטאָג, און פארנאכט, אונטער זון און לעוואָנע
ארבעט אָן אופהער די טראקטאָר־קאָלאָנע.

פארטאָג איז דער טראקטאָר אין קופער געקליידט,
באטאָג איז דער טראקטאָר פון גינגאָלד געלייט.
פארנאכט איז דער טראקטאָר געקאָוועט פון שטאָל.
באנאכט ווערט דער טראקטאָר אן אויג און א קאָל.

באנאכט אין דער שווערער און טויקער וואכטע
קרייצן זיך סליאדעס פון וועלף און פון טראקטאָרס,
קרייצן זיך אויגן פון וועלף און פון טראקטאָרס...

א גרינער וואָלף אין בייזער פעל
מיט רויטע הונגעריקע אויגן.
ער שטעלט זיך אָפּ באם ראנד פון פעלד.
דער גוף דער דארער אויסגעצויגן.

זײַן פעל איז פײַכט. זײַן פעל איז אלט.
א יאָמער שטעקט אים אין די ציינער...

עס ווערט שוין הילכיקער אין וואלד,
אינמיטן נאכט — א וואָלף אליין נאָר.

אווו? זיך אומשלעפּן? אווו?
ווען ס'האָט דער וואָלף קיין פּיצל וואלד ניט?
— א־ווו־א־ווו? א־ווו־א־ווו? — — — —
ווען פעלדער יאָגן זיך און גוואלדעווען?

— א־ווו־א־ווו? א־ווו־א־ווו? — — — —
און ער פארכלינעט זיך אין ווייען
ביז גרויל, ביז עלנט, ביז שיגאָען.
ביז לעצטן ווי און לעצטן רוף.

א יונגער טראַקטאָר ווערט געפירט
און סטײַעס טראקטאָרן — פון הינטן.
און ס'הינקט דער וואָלף אף אלע פיר,
און ווייסט דעם גרויל ניט ווו אהינטאָן.

סטײַעס מיט טראקטאָרן,
וואטאגעס מיט טראקטאָרן.
נאָך. נאָך.
רײַסן דעם קויעך
פון זעטיקן מאָך — — — —

7

זעט!!
פון ווארעמען, פּוכקן מאסיוו
שפּארט די ברייטפּלייציקע זעט
פון דער הייך,
פון דער ברייט,
פון דער טיף.

זאנגען באלאָדענע פול מיט א קויב,
פון אייגענער שווערקייט פארמאטערט,
זײַנען ביז וואָרצל אין זעטקייט פארגלויבט,
בייגן זיך שטיל אין גינגאָלדענעם שטויב
און זעען אין שלאָף עלעוואטערס...

אין קרובקע, צעוואקסענע קײַלעכן־קרויט
סקריפּעט דער ווינט מיט א זילבערנעם כרוסט.

גוטמוטיקע בולבע — אין גאָב און אין גוטס —
אונטער יעטווידער קאליעווע צענדליקער טוץ.

יעדעס פּיצעלע ערד — אין געבורט און אין זריִע,
און ס׳האָט דער מאסיוו זיך פון שעפע צעשריִען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

גאנצע דרײַ יאָר האָט די בוויונג געדויערט.
ווײַסרוסישער טרויער
מיט ציגל פארמויערט
אף טאָרפן צעפוילטע, אף ברוינע, אף גרינע,
אין פלינקע טורבינעס
וועט כיִעם געפינען —

דורך דיקע געפלעכטן פון אָדערן דראָטן
וועט אוראלטע בלאָטע
איצט אופגיין געראָטן.

אײַלט איצט א מונטערער צוג בריגאדירן,
דורך אָפענע טירן
ער וועט אונדז דערפירן.

צוזאמען מיר האלטן זיך איצטער אין הוידען.
פעלד. וואלד.

עס ווילט זיך איצט ריידן,
נאָר ווארעמע פריידן
שטיקן אין האלדז.

... פּראצע, דו ארבעט, דו פרייד האָרעוואניע,
און כ'האָב זיך צעהוידעט, פארטראכט.
און פּלוצלינג פארצויגן א שטילע „סטראדאניע"
און גליקלעך די אויגן פארמאכט...

הוידע מיך, הוידע מיך, צוג פון מײַן יוגנט,
מיט רעלסן צעדולטע אין לויף.
כ'בין הײַנט מיט יאָמטעוו ביז איבער באנוגנט,
נעם איך זיך שטילער צונויף. — — —

... קינעלקעס ברענען אין גרויען ווײַסרוסלאנד,
ליכטלעך — פארכאָלעמט און דין.
מײַן טאטע, דער וואָכעדיק-מונטערער שוסטער,
ארבעט באם קנאקן פון קין.

שמעקט מיט בעריאָזע, מיט פּראצע יוכטאָווער,
קינעלקעס שפּריצן אראָפּ...
און ס'קלײַבן זיך שאָטנס, ווי טונקעלע סאָוועס,
און בייגן באם טאטן דעם קאָפּ...

איך וויל ניט. איך וויל ניט. מײַן טאטע איז — מײַנער!
איך וויל, עס זאָל ליכטיק אים זײַן.
און פּלוצלינג פארציט ער א שטילע „סטראדאניע",
שלאָף איך א קלייניקער אײַן...

הוידע מיך. הוידע מיך. ציטערן שויבן.
דער צוג נעמט איצט שעטכן אײַן.

מײַן לערערן זעט איצט אין װאַרעמען גלױבן,
װי עס קװעלן די לעמפּלעך מיט שײַן...

אין שטעטל אין יענעם, פֿון יענער פּאָעמע,
װאָס איך האָב פֿאַרענדיקט ניט לאַנג,
האָט זי געקענט נאָר דורך נעפּלען באַנעמען
דעם װײַסן עלעקטרישן צאַנק...

זי האָט נאָר אין כאָלעם געזען די טאָרפֿן,
פֿון יאָמטעװ אַזאַ ניט געװוּסט.
און כ׳האָב זיך צום אָפֿענעם פֿענצטער געװאָרפֿן:
— איך שיק דיר פֿונדאַנען אַ גרוס!

... און אױף די פֿרישע קאָרפּוסן און אױף די הױכע װענט
אָטעמט נאָך די װאַרעמע באַגײַסטערונג פֿון הענט...

דאָ האָבן זיך נאָך בושעלעס אין װילדקײַטן געשפּײַזט.
זומער — קװיטיק־כליופּיקײַט, װינטער — טױטער אײַז.

קײנער פֿלעגט ניט דורכפֿאָרן און קײנער פֿלעגט ניט גײן.
עס פֿלעגן דאָ נאָר װעלפֿיכעס אין עלנטקײַט פֿאַרגײן...

אין פֿאַרװײנטע אָזערעס האָט הימל זיך געװױקט,
און ס׳האָט די זון פֿון לײדיקײַט זיך בלינד געמאַכט אַן אױג.

שטײען איצטער קאָרפּוסן. און אױף די פֿרישע װענט
אָטעמט נאָך די װאַרעמע באַגײַסטערונג פֿון הענט.

. . . .

רוּיִקער. ס׳רײדן איצט הערצער.
רוּיִקער. רוּיִקער.
ס׳הערט זיך:

— אַל־לאַ!
— אַל־לאַ!
— אַל־לאַ!

אין דער־אַ דערהויבענער שאַ
הייבט אָן די געגנט צו לעבן!

— וויטעבסק!
— און אָרשע!
— דובראָוונע!
— און שקאָלאָוו!
— זאהאָריע!
— זאפּאָליע!
— קאפּוליע!
— דערפלעך פארנורעט אין שטרויענעם שלאָף,
— שטעטלעך — אויף כאָרעווע קוליעס,
— גרייט זיך!
עס רוקט זיך
די העכסטע
מינוט.

היים וועט א שטראָם טאָן ס׳עלעקטרישע בלוט,
היים וועט א שטראָם טאָן מיט כּוח און מוט.
— גרייט זיך!
— מע גרייט זיך!
און — — — —
ס׳פּלאצט די מינוט...

און וויטעבסק — צו מאָסקווע:
— וויוואט קילאָוואט!
און מאָסקווע צו וויטעבסק:
— וויוואט־קילאָוואט!

וויטעבסק צו אָרשע:
— דו הערסט, בריגאַדיר?
אָרשע — צו וויטעבסק:
— איך הער, בריגאַדיר!
און שטעטל און דערפל:
— עס לײַכט שוין בא מיר!

טאָרף, דער פאַרמורזעטער, שטומער פּלעביי,
דער ברוינער, אָנהעננטיקער ניכנע.
ער האָט זיך געוואַלגערט אין הארבסטן, אין שניי,
אין ווײַסע, פאַרוויוגעטע וויכערס...

גאָלדענע וויאָרסטן מיט אייביקער זון
האָבן אין אים זיך פאַרקליבן.
און ער האָט אליין ניט געוווּסט גאָר דערפון,
דער שטומער, אָנהעננטיקער גיבער.

א גרויסער פּאַרוואָרלאָז — באם רוסישן טראַקט,
בא דערפער און שטעטלעך — לישײַעס.
אצינד גייט ער אויף אין מאשינעס־קאָנטאַקט,
אין ווייכע וואָלפראַמאָווע פײַערן...

איצט לויכט זײַן געזאַנג אפן העלסטן עקראַן,
זײַן קויעך — אין יעדן קאָנווייער,
און ס'ציט זיך א ליכטיקער שנור איבער ראַנד —
א גאָלדענער שנור איבער אונדזערע ווייען...

עס האָבן קאָלווירטן דעם קויעך דערפילט,
צעעפנט זיך טיף און צעוואַרעמט.
עס גייט אויף באגײַסטערט דאָס לעבן און שפּילט
אף אונדזערע טעג — סטראַדיוואַרים...

איין גליק־מאגיסטראל. איין ווארעמער פולם
פון פּאַליום ביז פּאַליום עם ריזלט.
לענין:
ראטנמאכט פליום
עלעקטריפיקאציע
הייסט

קאָמוניזם.

1931

אינהאלט

א. ראסקין. איזי כאריק 3

אין אויסגעשריי פון וואקסן

מײַן יוגנט 17
„צו אונדז אין סאָד זאָל קיינער ניט אַרײַנגיין...“ 19
„ס׳קען זײַן, אז כ׳בין א טרייפער ביין...“ 20
„ס׳איז יעדערן געגעבן פול און פיל...“ 21
אין די הימלען — ווינטן 22
ווינטער (1—5) 23
„טריפט די נאכט איר בלויליכן טריף...“ 29
„די שטאָט האָט איצט בארויקט און פארוויגט זיך...“ 30

מינסקער בלאָטעס (פּאָעמע) 31

ביינערדיקע וואָר

„פונדאנען שרײַ איך אזש צום צענטן דאָר...“ 51
„דער וואלד איז הויך, און ברויגעזדיק, און אַלט...“ 53
„דער ייִנגסטער אפילע פון אונדז...“ 54
„א שאָ קומט אָן שטיל און פארגייט...“ 55
„רויק, מײַן בייזער געמיט...“ 57
„...אויב אזא צײַט וועט נאָך ווען־עס־איז זײַן...“ 58
פערליאשעז 59
„ברודער מײַנער...“ (ענגעלן) 60
אין רויך 61

בא דער קרעמל־וואנט 63
צו די אַקטיאבער־געסט 64
„הײַנט וועט קיינער ניט פאלן מיט קני צו דער ערד...“ . . . 66
„און יעדער אינדערפרי...“ 67
קאטערינקע (פּאָעמע) 68

שטעטל

שטעטל (1—4) 81
„אנטלויפן? איך קען ניט...“ 86
פארגייט, איר אומעטיקע זיידעס 87

ברויט (פּאָעמע) 91

פון ברייטער ערד

„עס איז די נאכט הײַנט צארט, ווי א גיטארע...“ 111
עס בליט שוין דער קאָרן 112
„א ראָזע נאכט. א ראָזע יוני־נאכט...“ 113
אין ווײַסן צוויט 114
„ווייטעקדיק, ליכטיק און ראָז...“ 116
לידער וועגן לידער (1—4) 118
„ווי פליגלען פון א ווינטמיל...“ (ז. אקסעלראָדן) 121
„שווײַגט א שטאָט אין גרוילעכן ווונדער...“ 122
„שפרייט זיך א וואָלקן אף בערג...“ 123
„איך האָב פלוצלינג הײַנט דעם טויט דערפילט...“ 124
„שווײַג, — זאָג איך זיך, — שווײַג...“ 126
שניי־ליד 127
„מײַלע, — זאָג איך, — ס'איז מיר צײַט שוין...“ 128
„איך גיי און גיי, — און ס'רופט דער וועג אלץ ווײַטער...“ . . 129
בלאָנד און ברוין (1—2) 130
קנײַענדיק 132
„וועט א קוק טון א מאמע אף זון, אף געקומענעם...“ . . . 133
פון קינאָ 134
„פײַכטער פארלאָרענער ווינט...“ 136

„לעצטער קלונג!..“ 137

אָוונט פארביקער 139

אין בענקשאפט נאָך א מענטשן 140

האלבער טאָג 142

דורך זון (1—4) 143

הארבסט (1—3) 147

„מאָרגן וועל איך אופשטיין...“ (איציק פעפערן) 150

„אָוונט און טויִקער אָטעם...“ 152

„...מײַן ליד, וואָס האָט טאָמיד געהילכט...“ 153

„גייסטו פאמעלעך אהיים פון דער ארבעט...“ 154

צווישן די הענכסטע 156

אין דײַנע הײַזלעך (1—4) 157

מיט לײַב און לעבן (פּאָעמע) 161

הענכער פון מארס 209

ערדישער פּילאָט 211

ראָט־פראָנט 213

וואסיליעווע קארינע 215

א נאכט אין בירָאבידזשאן (1—6) 218

ביז דעם קלאס, וואָס רופט זיך מענטשהײַט 223

אף א פרעמדער כאסענע (פראגמענטן) 226

קײַלעכדיקע וואָכן (פראגמענטן) 241

7-4-3
290-69

ХАРИК ИЗИ

ПРЕДАННОСТЬ

М., «Советский писатель», 1970 г. 288 стр. Тем. план вып. 1969 г. № 290. Художник В. Б. Элъконин. Редактор Х. И. Мальтинский. Худож. редактор Е. Ф. Капустин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник. Сдано в набор 4.XII. 1968 г. Подписано к печати 23.VII 1969 г. А06081. Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 9 (12,6). Уч.-изд. л. 8,17. Тираж 2000 экз. Заказ № 928. Цена 86 коп. Издательство «Советский писатель». Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР пер. Аксакова, 13.

С (Евр) 2
Х-20